STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01105

MALKHES HSIDES

Baruch Hager

Permanent preservation of this book was made possible
by Nancy Siderowf Wolfson
in memory of
Esther Ashberg Israel Cramer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך האַגער

מלכות חסידות

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

112

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגנבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

ברוך האגער

מלכות חסידות

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1955 — תשט״ו.

שער און איינהיל
געצייכנט פון
אַ. קאָלניק

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיוראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס־איירעס.

אינהאַלט:

אַ באַגעגעניש אין סטרעליסק — — — — — — 9
דאָ וויזשניצע — — — — — — — — — — — 17
נע־ונד — — — — — — — — — — — — 27
צוויי קוויטלעך — — — — — — — — — — 35
אויף דער קאָטש — — — — — — — — — 43
דער נסיון — — — — — — — — — — — — — 51
דער בן־יחיד — — — — — — — — — — — 59
דער נסתר — — — — — — — — — — — — 67
דער חקרן — — — — — — — — — — — — 73
דער וועג — — — — — — — — — — — — — 79
עניוות — — — — — — — — — — — — — 89
דער משפט — — — — — — — — — — — — 95
די אייניקלעך — — — — — — — — — — — 103
די ירושה — — — — — — — — — — — — 123
די סטרעליסקער — — — — — — — — — — 135
די ברכה — — — — — — — — — — — — 141

דער מעזיניק — — — — — — — — — — 147
דער פרנס — — — — — — — — — — — — — 155
כ׳גלייב נישט — — — — — — — — — — — — 165
פורים — — — — — — — — — — — — — 173
די עקרה — — — — — — — — — — — — — 179
די פאַרשפעטיקטע מחותנים — — — — — — — 189
דער יורש — — — — — — — — — — — — — 199
שמעון־בער טרושעטשער — — — — — — — 207
מיקיטאַ — — — — — — — — — — — — — 219
אין אַ נאַכט — — — — — — — — — — — — 227
השגחה — — — — — — — — — — — — — — 237
התגלות — — — — — — — — — — — — — — 245
ר׳ זלמנקע — — — — — — — — — — — — 253
צווישן די צוויי — — — — — — — — — — — 261
די מרידה — — — — — — — — — — — — — 273

א באגעגעניש אין סטרעליסק

א

די תכסיסי־מלחמה האָט ר׳ אורי סטרעליסקער געלערנט ביי זיין רבין, ר׳ שלמה קאַרלינער.

זע נאָר, קוק דיך גוט איין, אורי, דאָרטן, היינטערן עמוד, מיט געפאַנצערטער ברוסט און מיט צעלאָזטע שטאָלערנע פליגל, שטעלט ער זיך אַוועק און פרווט פאַרשפאַרן דעם וועג. איז — דאַווי, דאַווי זשאַר!

ר׳ אורי, בעת ער פלעגט זיך שטעלן דאַוונען אין דער פרי, איז ער געשטאַנען אָפּגעטרעטן, ווייט פון עמוד, און הינטער אים, אַ שורה נאָך אַ שורה, די טליתים איבער די קעפּ, אַראָפּגעלאָזט ביז צו די גאַרטלען, די געוואָפנטע זיינע. און ערשט, אַז ער האָט צעבלאָזן די פונקען און די פייער־שלאַנגען האָבן גענומען צינגלען און אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן, האָט ער זיך אַ לאָז געטון, און מיט אים דאָס חייל זיינס, אויף שטורעם.

ביי סטרעליסקער חסידים האָבן די תענונים פון דעם עולם קיין האַפּט נישט געהאַט. זיי דאַרפן עס נישט. האָט מען זיך אַהער פאַרקליבן און זיך געשטעלט אונטער ר׳ אוריס באַשיץ, דאַרף מען וואַרפן פון זיך די פעל, אויסטון פון זיך דעם חומר אין גאַנצן. זייער תשוקה איז אַ איין און איינציקע — עבודת־הבורא! פלאַמען זאָלן שלאָגן ביי יעדן קער און ווענד און דאָס התלהבות פון די תפילות זאָל פאַרדאַרבן, פאַרברענען די טריט פונעם אָנרייצער, דעם אייביקן פאַרבלענדער און פאַרנאַרער פונעם מענטשלעכן געבליט.

ר׳ אורי, איידער ער איז צו מאָרגנס געגאַנגען דאַוונען, האָט ער נישט פאַרפעלט אַרויסצוליייגן די צאָאה אויפן טיש און אָנווייזן אויף דער פּאָליצע אין אַלמער, ווו עס זענען געלעגן בלעטלעך פון זיין רבינס

כתב־יד. און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן בכיות אויף קולות, ער געזעגנט זיך מיט זיין הויזגעזינד ווי אויף תמיד: איך לאָז זיך אויף מלחמה!

און אַז ער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל אין בית־מדרש און ס׳האָט ווי לייבן־געברום פון אים אַ ציטער געטון — אדון־עולם — איז דער עולם אונטערגעשפרונגען און ער האָט זיך אַ וואָרף געגעבן מיט קולות און געשרייען אַזעלכע, ווי בשעת מען פאַלט אָן אין מלחמה אויף אַ שונא. און ער יאָגט און ער היצט און ס׳פאַלן פון זיין מויל שטיקער פלאַמען זיי אויף די לייבער. און זיי רייסן די ציגל פון די ווענט, טאַנצן מיט די שטענדערס איבער די קעפ און ברעכן אַלץ וואָס ס׳קומט זיי אונטער די הענט.

נאָכן דאַווענען איז דאָס בית־מדרש געווען צעבושעוועט, חרוב, און זיי, די סטרעליסקער, זענען געלעגן פאַרמאַטערטע, צעבראָכן אין רוק־און לענד: חייל נאָכן נצחון. אָבער נאָר ביז אויפן צווייטן טאָג. און ווידער שטייט מען אָנגעגורט, און מיט פריש אָנגעקוואָלענעם אימפעט און מיט באַנייטער גבורה.

ב

ס׳רויכערט זיך מיט וואָלקנס פון הייסע פערדישע מאָרדעס און ס׳שפיגלען אָפּ פערדישע רוקנס דעם צעגליטן בלענד פון אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן. אָנגעפּעלצטע אין שאָפּענע און אין בערענע בורקעס, מיט ברייט אַראָפּהענגענדיקע קעלנער, און אין הויכע געוואַנטענע שטיוול, טאָפּטשען די קאָסאָווער אַרום אין דרייען געשפּאַנטע שליטנס. די זאַווע־רוכע יאָגט פון הויכע, אין ווייסן אָנגעצויגענע בערג, און אַ פייפנדיק צעכעסטער ווינט ראַנגלט זיך מיטן התלהבות פון חסידישן געזאַנג.

ר׳ מענדעלע קאָסאָווער פאָרט צו זיין שוואָגער, ר׳ אורי, קיין סטרע־ליסק.

ג

דער דרך אין עבודת־הבורא איז געווען אין קאָסאָוו גאָר אַן אַנדערער ווי אין סטרעליסק. אין גאַנצן פאַרשידן: אַ ייד דאַרף דינען דעם איי־

בערשטן מתוך אהבה. אַז ס׳איז ליכטיק פאַר די אויגן, איז ברייט, דחקות, עניות זענען אָפּגעשיידט דורך אַ שפּאַרעלע פון עצבות, פון יאוש. און חלילה ס׳רייסט זיך אַריין דער ווינט, קאָן ווערן צעבראָכן די גאַנצע וואַנט.

מעשים טובים זענען ר׳ מענדעלעס קאָסאָווערס באַוואָפענונג: זאָלסט אויסוואָרצלען דאָס שלעכטס מיט גוטס טון!

האָבן זיך די טישן נישט אָפּגעדעקט ביי קאָסעווער חסידים און זענען תמיד געווען געגרייט מיט גרויסע פולע שיסלען פאַר סיי וועלכעס הונ־געריקע מויל, און ס׳זענען די שופלעדלעך געשטאַנען אָפן פאַר יעדער אויסגעשטרעקטער האַנט. און באַהיט! אויב ס׳איז אַ ייד געקומען צו ר׳ מענדעלען און זיך געקלאָגט, ס׳האָט אים ווער געקריוודעט.

— כ׳על עס ביי אים צונעמען! נישט אויף צו תכלעווען, נישט פאַר זיין ווילטאָג האָט מען עס אים געגעבן!

און אין די זאָקן איז מען באַלד געלאָפן זיך אָפּבעטן.

ד

ס׳האָט פון אַ צייט גענומען פאַרן קיין קאָסאָוו פרעמדער עולם: טאַטע־מאַמעס מיט טעכטער, לעבעדיקע אלמנות, און וואָס די קינדערלעך זייערע זענען לעבעדיקע יתומים. די מענער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונעם תכלית־העולם, האָבן איבערגעלאָזט ווייב און קינד אויף הפקר און פראַוועןפרישות אין סטרעליסק. קומט מען צו ר׳ מענדעלען און מען גיסט אויס די הער־צער. קיין סטרעליסק דערוועגט מען זיך נישט. ער איז דאָך אַ שרף!

ה

ר׳ מענדעלען האָט דאָס התנהגות אין סטרעליסק שוין פון לאַנג, לאַנג געדרודערט. הלמאי, ער, דער שוואָגער זיינער, דערלאָזט עס? יידן טוען זיך אויס פון דעם עולם און פאַראומערן זיך און זייערע משפחות דאָס לעבן. זינט אָבער די יסורים האָבן גענומען פאַרשפּרייטן דעם טיש זיינעם און

שטייען אים טאָג ביי טאָג פאַר די אויגן, איז ער זייער צענומען — ביז גאָר מיט צער. און פאָרט, אַריינצומישן ישובט ער זיך.

סטרעליסק איז אַ לייטער וואָס שפּאַרט גלייך אין הימל אַריין.

האָט אין אַ טאָג דער גבאי אונטערגעטראָגן ר׳ מענדעלען אַ קוויטל, און אַז ער האָט עס גענומען אין דער האַנט אַריין איז אים איבערגעלאָפן קעלט אין די פינגער.

אַ קוויטל אָן אַ בקשה. אָנגעשריבן זענען בלויז נעמען: דער נאָמען פון אַ מאַן, פונעם ווייב און פון דריי קינדערלעך זייערע. ר׳ מענדעלע האָט אַ שפּאַר־געטון מיט די אויגן צו דער טיר, וווּ אַ ווייבל איז געשטאַנען פאַר־דמיונט און מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי קלאָגט נישט, זי בעט נישט.

— האַ? וואָס׳עסטו זאָגן?

דער מאַן אירער האָט זיך אָפּגעשיידט און זיצט שוין אויפן דריטן יאָר אין סטרעליסק.

ר׳ מענדעלע האָט זיך אַ רייס געטון שטאַרק דעם שטערן און אויף ס׳ביי גענומען באַטראַכטן דאָס קוויטל. און ס׳האָבן די שיטערע שורהלעך, בלויז מיט די עטלעכע נעמען, זיך געריסן אים אין פּנים אַריין.

מ׳עט, זאָגט ער, זיך פּרווון.

און טאַקע באַלד דערויף האָט ער געהייסן גרייטן צו דער נסיעה.

ו

אין סטרעליסק, נאָר וואָס ר׳ מענדעלע איז אָנגעקומען מיט זיין עולם, האָבן זיי, די קאָסאָווער, אַריינגעקאַטשעט אַ פאַס ווין אין ר׳ אוריס בית־מדרש, אָנגעבראַכט מאכלים פון כל־הגוטס און ס׳האָט גענומען אָנגיין אַ גרויסע שמחה. די קאָסאָווער שפּילן־אויף אויף זייערע כלים: זינגען תהילות ותשבחות. די ניגונים האָבן זיי פון זייער רבין, און זענען בקבלה פון זיין פאָטער, ר׳ קאָפּל חסיד.

דער בעל־שם, דערציילן זיי, האָט מרמז געווען, אַז ווען ר׳ קאָפּל צע־זאָגט זיך, בלישטשעט עס אויף, אויבן, אין דער פמליא של מעלה.

און דער ווין גיסט זיך, און די טענץ יאָגן זיך.

סטרעליסקער לייט הייבן אָן זיך דערפילן ווי נאָך אַ שלאַפקייט. ס׳האָט פון זיי גענומען אָפּגיין די איינגעגליווערטקייט. ס׳פלאַמען זיי די פּנימער און איבער די לייבער, די אויסגעמאַטערטע, שפּרייט זיך אַ נחתדיקע וואַ־רעמקייט.

און די קאָסאָווער הערן נישט אויף אונטערהייצן און זיי מער און מער פאַרשיכורן מיט פריש אָנפלייצנדיקן געזאַנג און צעפייערטע טענץ.

און דער אומעט, די שרעק וואָס בייגט די סטרעליסקער די פּלייצעס איז זיך צעפלויגן, און זיי צעגאַרטלען זיך ברייט;

ס׳איז שוין אָט נישט אָפּצוטיילן, ווער צו וועמען עס באַלאַנגט. מען האָט זיך איבערגעמישט, פאַרביטן: די סטרעליסקער זענען איבערגעטון אין די גוטע, נגידישע מלבושים און די קאָסאָווער אין אָרעמען, נאַקעטן הולך.

און ס׳האָט דער טאָג זיך געפלאָכטן מיט דער נאַכט און זיך אַריינגעַ־וועבט אין אַ באַנייטן טאָג. און אַז ס׳איז שוין אין גאַנצן קיין מחיצות נישט געווען צווישן זיי און דער צייט און ס׳איז זיי ענג געוואָרן צווישן די ווענט, זענען זיי אַרויס פונעם בית־מדרש און גענומען טראָגן די גדולה אויף דער גאַס.

ז

דער סטרעליסקער און דער קאָסאָווער שטייען אינאיינעם, די ליולקעס פאַררויכערט, און קוקן אויף דער שמחה דורך אַ פענצטער אַרויס. ר׳ מענ־דעלע איז פאַרכאַפּט. די סטרעליסקער אין גבירישן לבוש און דאָס פריי־לעכקייט אויף זייערע אויסגעלייטערטע פּנימער שלאָגט אין די אויגן מיט שטיקער שיין.

— זע נאָר, אורי, ווי שיין, ווי ליכטיק ס׳פּאַרט זיך רחבות מיט יראה!

ר׳ אורי האָט זיך אַ קנייטש געטון:

— וויל איך דען נישט? אדרבא, פּרווו!

און ס׳האָט ר׳ מענדעלע ס׳פענצטער אויפגעריסן און צום עולם אַ געשריי געטון:

— סטרעליסקער חסידים, ווינטשט אייך גוטס, ס׳איז אַן עת־רצון!

ברוך האַגער

ח

שטייען די סטרעליסקער חסידים ווי אויפוואַכנדיקע פון אַ דרעמל, אַן איבערגעריסענעם, שאַרן מיט די געוואַנטענע, וואַרעמע שטיוול אין געגליווערטן שניי, רייסן די קעפּ פון די ברייטע שאָפּענע און בערענע קעלנער, קוקן זיך איבער און מעסטן שאַרף זיך מיט די בליקן, איינער דעם אַנדערן.

און פּלוצים גיט עס אַ הודע, ווי פון איין מויל, פון איין מענטש:

— מיר ווינטשן זיך איינס, נאָר איינס: קענען זאָגן — ברוך־שאמר — מיטן ברעזן, מיט דער קדושה וואָס אונדזער רבי!

און ר׳ אורי האָט די הענט, צונויפגעלייגטע, אויפגעהויבן:

— האַ, — זעסט דאָך! —

דאָ ווישניצע

פסח־הערש דער רויטער איז מיט דער גרויסער פויערישער פור און מיט די צוויי ברענענדיקע שימלען אָנגעפאָרן אין הויף אַריין, אין אַן אָנהייב זומערדיקן פרייטיק — מינוטן צו ליכטבענטשן.

אויף קישנס, הויך אויסגעבעט, איז ער געלעגן, דער שווערער און צעוואַקסענער דאָרפס־ייִד, מיט דער פלאַמיק־רויטער, צעשפּרייטער באָרד, און אַרום אים מיט אַראָפּהענגענדיקע פיס, דאָס גאַנצע געזעמל משפחה זיינס — ווייב און קינדערלעך.

אַז ער פאָרט אַהער, גייט שוין די שמועה איבערן געבערג פון זינט ער האָט זיך זונטיק אַרויסגעלאָזט פון זיין ווייטן דאָרף, אַן אַרומגענומענס פון וועלדער און הויך אַרויפשפּאַרנדיקע, געשפּאָלטענע, פעלזיקע ווענט.

אין דעם דאָרף איז פסח־הערש דער רויטער אַ בעל־הבית פון אַן אייגענער קרעטשמע און אַ ברייט־פאַרנעמענדיק אַריינפאָר־הויז — די פּרנסה וואָס גייט פון פאָטער אויף זין, פון לאַנג־לאַנגע יאָרן.

פאַמעלעך האָט מען איצט געצויגן אין וועג, גישט ווי אין די גוטע אויפגעלייגטע צייטן, בעת ער איז געפאָרן צו זיין רבין קיין וויזשניצע, און ס׳האָבן די רעדער צעמאָלן די ערד און די בייטש האָט געפייפט ווי דער ווינט און געקנאַקט אין דער לופטן.

פסח־הערש קרענקט שוין אַ יאָר אין בעט. עס זענען ביי אים אָפּגעגומען הענט און פיס. איז אויף דער נסיעה איצט, האָט ער זיך געהייסן אָפּשטעלן, ווו ער האָט געהאַט אַ קרוב, אַ גוטן ברודער און סיי פאַר וועמען וואָס איז אים אָקעגן געקומען אין וועג — יידן ווי להבדיל גויִים, אָן אַ חילוק.

גויִים זענען שטאַרק צוגעבונדן צו זיי, די פּסחס. אַזוי האָבן די גויִים אָנגערופן די משפחה אין אַלע צייטן און זיי הויך געאַכפּערט.

פסח־הערש דער רויטער האָט זיך געמוזט אַראָפּרעדן דאָס שווערע,

ב ר ו ך ה אַ ג ע ר

פאַרביטערטע האַרץ זיינס און האָט נישט איבערגעקליבן צווישן גויים און ייִדן.

— ער איז אַן אכזר, דער רבי זיינער. אַ יאָר צייט לאָזט ער אים ליגן אין געהאַקטע וווּנדן און וויפל שליחים און פדיונות ער האָט צו אים נישט איבערגעשיקט פאַר דער צייט, איז עס ווי אין וואַסער אַריין.

— ער מאַכט זיך נישט ווּיסנדיק.

— האָט ער זיך אונטערגענומען, זאָל ער באַווייזן!

— זיינע הייליקע אבות האָבן באַוויזן וואָס זיי האָבן געקאָנט. צו ר׳ חיים קאָסאָווער, זיין פאָטער ז״ל, אַז מען איז צו אים געקומען מיט אַ בקשה פאַר אַ חולה וועגן, האָט ער זיך אויסגעבייזערט:

— נישטאָ דאָ קיין צייט זיך צו פּיעשטשען! אויף די פיס זאָל ער שטיין!

— און ס׳האָט זיך מיטן וואָרט זיינעם אָפּגעטון דאָס בייז און מען האָט מער נישט געוווּסט פון קיין קרענק. ער, פּסח־הערש, פאָרט איצט קיין וויזשניצע, ס׳וועט אים גאָרנישט העלפן, דעם רבין, דעם הויף וועט ער אונטעררייסן!

אַזוי זיך אַוועקצולייגן אין די בעסטע יאָרן זיינע און נישט קענען זיך רירן ווי אַ שטיק האָלץ!

ר׳האָט נאָך אַפילו איין קינד נישט פאַרזאָרגט. און ס׳ווערט תיל און תל פון דער האָרעוואַניע זיינער און פון דעם ירושהדיק־אָנגעכאָוועטן ביסל גוטס.

אַ שיף אָן אַ רודער. מען צענעמט און צעטראָגט אים, און קיין חובות זעט מען נישט קריק. אַז ס׳איז קיין בעל־הבית נישטאָ!

פונעם וואָגן האָט ער נישט געוואָלט אַראָפּגיין; דאָ, אונטערן הימל, וועט ער שבת האַלטן!

ניין, ער דאַרף נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, אַז דער אייגענער דאַך זיינער ברעכט זיך איבער אים איין, און צו קיין פרעמדן טיש וויל ער נישט אָנקומען, און אוודאי נישט אַז ווייב און קינדער

און ער איז געבליבן אויפן וואָגן איבערן גאַנצן שבת און נישט אויפגעהערט זיך צו כעסנען און אויסרעדן פאַרן עולם וואָס האָט זיך אַלץ געקליבן אַרום אים. ווער האָט פּסח־הערשן אין וויזשניצע נישט געקענט?

ער זאָל באַווייזן! ער וועט שוין אָן אַ רפואה פון דאַנען נישט אָפּ־טרעטן! זאָלן נאָר די ערשטע שטערן פון הימל אַ בלינק טון!

◈

צוויי מאָל אין יאָר פלעגט פסח־הערש קומען צו פאָרן אַהער: אויף פורים און אויף די אַנדערע טעג סוכות.

אַז ער איז אויף פורים אַרויסגעפאָרן פון דער היים, מיט די צוויי יינגלעך זיינע, די משוררים, ווי ער האָט זיי גערופן: אין הויכע ווייסע קוטשמעס און אין לאַנגע גויישע פעלצן איבערגעקערטע, מיט די וואָלענע שלענגלעך אַרויף, און די פערד איבערגעשפּרייטע מיט שרייענדיק־געבלימטע קאָברעצן און באַהאַנגען מיט גלעקלעך און קאָלירטע בענדער, ווי אויסגעסטראָיעטע פאַרשטעלערס, האָט עס גענומען הילכן פון גרויסע בלע־כערנע גראַגערס און דונערן פון קנאַלנדיקע בייטשן איבער דער גאַנצער לענג פאַס, צווישן די באַרגיקע קייטן.

„דאָ וויזשניצע!“ און ס'זענען די פויערים מיט זייערע געזינדן, ווייבער און קינדער, געלאָפן פון די כאַטעס צום שטראָז, און פסח־הערש דער רויטער האָט שטייענדיק אויפן וואָגן, פון גרויסע זעק, זיי אַראָפּגע־וואָרפן שטיקער לעקעך, המן־טאַשן און צוגעשריגן:

— כ'פאָר צום רבין און וועל ברענגען גוטס פאַר אַלעמען!

די פויערים האָבן געהאַלטן די פסחס פאַר זייערע פירבעטערס. און אין צייטן פון נויט: אַ חולאת אויף בהמות, צי אין אַ טריקעניש, האָט דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע געמוזט פאָרן צום רבין בעטן, ער זאָל אָפּשרייען דאָס בייז פון זיי — אַמאָל נאָך קיין קאָסאָוו און שפּעטער קיין וויזשניצע.

און אַז פסח־הערש האָט מיט זיינע פלעדיקע שימלען אָנגעיאָגט אין שטאָט אַריין, האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן אַ גדולה ביז גאָר. מען לויפט פון די הייזער, און קינד און קייט, מיט פריילעכע אויסגעשרייען, נעמט זיך פאַרמעסטן אין געיעג נאָך דער פליענדיקער פור.

פסח־הערש דער רויטער מיט זיינע „משוררים“ גייען ווילדע, קונציקע טענץ אין הויף און זינגען — שושנת יעקב — מיט גויישע ווערטער, און זיי וואַרפן בשעת־מעשה, פון אָנגעהאַנגענע טאָרבעס אויף זיך, מינצגעלט צווישן

עולם וואָס קייקלט זיך אין גרויסע רעדער אַרום זיי. און אויך דערציילט ער די מעשה פון המנס מפלה מיט אַזעלכע העוויות אויף גוייִש, אַז מען גייט אויס פון געלעכטער.

און וואָס פאַרפירט ער, פּסח־הערש דער רויטער, שמחת־תורה!

כעלות, איידער נאָך דער טאָג האָט זיך אויסגעווישט די אויגן פון דער נאַכטיקער רו, לאָזט ער זיך אין ווייסן קיטל, דעם ווערעך פון שטריימל אויפגעשטעלט, אויף שטאָלצן, העכער די דעכער, איבער די גאַסן און נעמט צונויפרופן ס׳קליינוואַרג:

— צאָן קדשים!

און ס׳ווערט אַ געטומל. פון אַלע טירן און פון אַלע זייטן בריקערן קינדערלעך, מיט פאַרביקע פּאַפּירענע פענדלעך אין די הענטלעך, און עגטפּערן אים אָפּ מיט אַ געמעק:

— מעעע.

און ס׳ציט פּסח־הערש, מיט דער פלאַטערדיק־רויטער באָרד און אויף די הויכע שטאָלצן, מיטן קינדערישן געזאַנג איבער דער גאַנצער שטאָט אין הויף אַריין. און ער טאַנצט און זינגט און הערט נישט אויף:

— גאָט איז אויבן און גאָט איז אונטן, וואָס־זשע טויג דיר דאגהן, וואָס טויג דיר זאָרגן, בעסער פריי דיך היינט און אַלע מאָרגן.

◈

זינט מען געדענקט... — איין איינציקן טיש האָט ער געפירט — פרייטיק צו נאַכטס. און מער האָט ער זיך פאַרן עולם נישט געוויזן, מער איז ער אין קלויז נישט אַראָפּגעקומען — איבערן גאַנצן שבת. און פאַר־שלאָסן זענען געווען די טירן צו אים און פאַרריגלט די אייזערנע טויערן פאַר די צוויי פליגלען, וואָס פירן מיט טרעפּ צו זיינע דירות אַרויף.

און מען זאָל פאַרהיטן, ס׳זאָל זיך קיין שום ניברא נישט אַריינבאַ־קומען צו אים!

ס׳אַראַ מורא ס׳האָט זיך אָנגערוקט, אַז ס׳האָבן זיך פון אים דער־הערט די ראש־השנהדיקע ווערטער, אויפן נוסח:

— ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך.

אין אַ פרייטיק צו נאַכטס וואָס איז נאָך אַזוי ווייט צו די פּאַרכטיקע טעג?

און בעתן זאָגן תורה האָט ער געפייערט און געשונדן פּאָסן:

— ווידער זיך און נאָר פּאַר זיך!

צום נאָמען פון אַ מענטש איז באַהאָפטן דער שורש פון זיין קיום, און פאַלט אַרויס איין אות און מען קען עס חלילה נישט קריק אַריינפּאָסן...

אַ ייִד איז מחויב אָפּצורייסן יעדעס מאָל אַ שטיק פון זיך און אַוועקליגן, מקדש־זיין, ס'זאָל זיין אָנגעגרייט אויף אָפּצוראַטעווען, אין אַ נויט, אַן אַנדערן ייִדן.

און געזאָגט האָט ער:

פּסח האָט אַ סמיכות צום יום־הדין:

ראש־השנה איז פּדית־הנפש — פּסח פּדית־הגוף.

און אַז מען לייגט צו דעם אויער צום אפיקומן, הערט מען שופר בלאָזן.

דאַרף מען צונויפטשעפּען, צונויפטשעפּען!

און ער האָט זיך אַ שטעל אויף געגעבן מלא קומתו און זיך געבייזערט: מוז די עדה זיך אָבער מעורר זיין, און זיין ווי פון איין שטיק, פון איין גאָס!

◈

און שפּייסענאַכטס, ווער האָט דאָס נאָך ווען דערלעבט: באַלד נאָך הבדלה האָט געגנומען טומלען אין גאַנצן הויף. ס'טראָגט זיך אַ ווילד געוואַלד און ס'וויגט זיך ווי אין אַ מרידה:

— פּסח־הערשן לאָזט מען נישט אַרויף, פּסח־הערשן!

מען שטורעמט אויפן הויף און מען ברעכט די טויערן איין. העלפט שוין נישט קיין כוח, קיין אַקעגנשטעלן זיך! און שוין זענען טירן און פענצטער אויפגעשפּאַרט און אַן איבערפליייץ פון מענטשן איבער אַלע שטיבער און קאַרעטאַרן און אַ צעיושעטע יללה רייסט זיך אַריין מיטן קראַנקן אויף אַ בעטל.

דער צמח וואָס איז געזעסן אַ פאַרדימיונטער און וואָס אויפן פּנים איז אים געווען אָפּגעמעקט דער מינדסטער טראָפן פאַרב פון לעבן, האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן:

ברוך האָגער

— אַז די טויערן זענען פאַרשלאָסן, דאַרף מען איינברעכן!

ער נעמט גיין; און אין דער צונויפגעקנאָטענער געדיכטעניש שפּאַלט זיך אַ וועג פאַר אים. ער שפּרייזט און מיט יעדן טריט וואָס ער שטעלט פאַרקילט די לופט אין די העלדזער, גליווערן איין הענט און פיס און מען שטייט ווי ביימער פאַרשטאַרצטע און אָנגעטאָענע מיט פראָסט, צוגעוואָרצלט צום אָרט.

ער גייט איבער דער לענג פון די צעעפנטע שטיבער הין און קריק, הין און קריק; און דאָס פּנים צינדט זיך און צעברענט זיך — העליש פייער. און דורך די אויגן שפּאַלטן זיך אים בליצן. און ס׳ברומט פון אים ווי פון אַ קאָך און ריטשקעס גיסן זיך נאָך אים. און ס׳ווערט פון רגע צו רגע האַסטיקער דאָס געיעג. ער הייבט זיך איבערן דיל און ס׳דאַכט זיך, ער שוועבט צו דער סטעליע אַרויף.

ביז פּלוצים, ער האָט אַ שפּאַר געטאָן צו דער שטול, מיט די הענט אַ פּאַכע געטאָן — צעשפּרייט, ווי צום פלי, און זיך צעקלונגען אויפן קול:

— אתה זוכר מעשה עולם —

און שוין פּאַטשט ער ווי דער ווינט און ער איז אין פלאַם איינגעהילט, ס׳ווערבלט אַ היץ. די ווערטער כאַפּן זיך אָן איינס אינעם אַנדערן, צעפּאַלן זיך ווי פייערדיקע קוילן און ברענען זיך איין אין הויט און ביין.

— ואתה דורש מעשה כלם —

קאָלערט עס זיך אין דער לופטן. און ס׳האָט אַ דראָזש אַ יאָג געגעבן אין די אָדערן, אַ פּחד פאַרצויגן זיך אין די הערצער און אַלעמען אונטערגעבראָכן און אומגעשליידערט. און מען ראַנגלט זיך ווי אונטער צעזאָטענע כוואַליעס, ווי פון אַ קעסל־שטראָם אַרויס. ס׳רוישט ווי אין אמתן יום־הדין — ראש־השנה, אין סאַלאַש.

און ס׳פאַרמישן זיך די גוואַלדן און ס׳פאַרפּלאָנטערן זיך די איינרייסענישן מיט די ווידערקולות וואָס שלאָגן זיך אָפּ פון די צעשטורעמטע וועלדער, אין די טשערנעהוזעס, און מיטן געשריי פונעם ברויזנדיקן טשערמוש־טייך.

און ער דונערט, בייזערט זיך אַלץ העכער, אַלץ צעלאָזטער.

און אַז ער האָט דערצויגן צום פּסוק:

— רחם ארחמנו נאום ד׳ — און האָט זיך, אַ פאַרחלשטער און אַן אָפּ־

געטובלטער אין שווייס, אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול, און ס'האָט ביסלעכ־ווייז געגומען אָפּגיין די שרעק, ווערט דער עולם פאַרציטערט פון דאָס ניי, און מער נאָך ווי פריער:

א ווונדער אַנטפּלעקט זיך פאַר די אויגן:

דער חולה איז קיין חולה נישט מער! ער שטייט אויף פעסטע פיס און איז אַ געזונטער, אין גאַנצן, אויף אַלע אברים.

נ ע - ו נ ד

איבער מזרח־גאַליצישע וועגן שאָקלט זיך אַ גרויסע, פאַרמאַכטע קאַ־רעטע, שיך אויף די אַקסן, און ס׳קרעכצן און פלאָנטערן די רעדער אונטער איר, מיד און פאַרשלאָפן. ס׳דערקוועלט זיך, זי איז גאָר קיין יונגט נישט מער און אַן אָפּגעהאָרעוועטע פון די יאָרן און פון שטענדיק זיין אונטער־וועגנס.

ס׳איז ר׳ מרדכילע נאַדוורנערס געהויז — אַ רבי, אַ נע־ונד, וואָס איז אייביק אויפן וואַנדער.

מען רופט אים דער נאַדוורנער און מען וואָלט אים פונקט אַזוי גע־קאָנט אָנרופן אויפן נאָמען פון אַן אַנדער שטעטל.

ער ווינט נישט דאָרט — און אין ערגעץ נישט!

ער ווינט אין דער קאַרעטע וואָס פירט אים איבער גאָר דער וועלט, און ווו ער פאַרברענגט דעם גרעסטן חלק פון זיין לעבן.

— מען טאָר נישט איינרוען אויף קיין אָרט! אויף דער וועלט דאַרף מען תמיד זיין אין גאַנג, ווי דער אומרו פון אַ זייגער — זיין אין גאַנג...

באַווייזט ער זיך ערגעץ, ר׳ מרדכילע, באַפאַלן די קאַרעטע קינד און קייט, קראַנקע און געזונטע, וואָס בעטן רפואות און ישועות — פשוטע ייִדן, נישט קיין חסידים.

מען איז פאַרגלייבט אין זיין כוח.

— שוטה, טיפּש! וואָס זאָרגסטו, וואָס דאגהסטו? ס׳וועלן קומען רפואות און ישועות אויף דיר און אויף אַלע ייִדישע קינדער! האַלט מיך נאָר נישט אָפּ, כ׳מוז ווייטער...!

אייביק מוז ער ווייטער, ר׳ מרדכילע. אָבער ווו אַהין ער צילט, קומט ער קיין מאָל נישט אָן, צו דער צייט וואָס ער וויל, וואָס ער האָט זיך פיר־גענומען — תמיד פאַרשפּעטיקט. און וויפל ער טשעפּעט נישט די טעג צו די נעכט און די נעכט צו די טעג, סטייעט אים אַלץ נאָך נישט. פאַר־

פלאָנטערט ער זיך און שווימט ווי אין תהום, אָן אַ סדר, אָן אַן אָפּשטעל. און ס'זענען ביי אים די טעג פאַרדרייט און די זמנים פון עבודת־הבורא אין גאַנצן צעמישט.

— שחרית ביינאַכט — מעריב בייטאָג.

— אַז איך בין אַ שלימזלניק, אַז ס'אַנטלויפט פון מיר די צייט!

בוידן, אַ לאַנגע שערענגע, מיט אייגענע, מיט ייִדן, אַנגעפּאַקטע מיט טלומיקעס און פּעק צום איינברעכן, ציִען נאָך דער שאָקלענדיקער, פאַר־מאַכטער גרויסער קאַרעטע, און ס'ווייסט קיינער נישט ווו אַהין ס'וועט זיי אָנברענגען.

אַזוי ווי ער פאַרפּלאָנטערט די טעג, פאַרמישט דעם חשבון פון דרך־העולם, פאַרפּלאָנטערט ער דעם וועג. און אָפּשטעלן, איבערפרעגן אים, טאָר מען נישט:

— שוטה, טיפּש! וואָס איז עס דיין דאגה? מען וועט שוין אָנקומען צו דער רעכטער צייט — צו דער צייט וואָס דער פון אויבן האָט אָנגעצייכנט.

און ער זיצט אויפן הויכן געבעט, ר' מרדכילע, מיטן צעאַקערטן שטערן, די אויגן פאַרקלעמט, דאָס פּנים, אַרומגעזוימט מיט דער געלאָקטער שטאָלגרויער באָרד, העליש צעפלאַמט, און טייטלט מיט דער דאַרער, לאַנגער האַנט, ווו אַהין צו לאָזן די פערד אין גאַנג.

טאָג איין, טאָג אויס, וואָכן און חדשים, שלעפּט זיך די שערענגע נאָך דער קאַרעטע און קומט אויס אין גאַר אַנדערע ערטער ווי ער האָט לכתחילה אין זינען געהאַט:

אין אַ מיטן דער נאַכט, שלאָגט מען אָן, אין אַ מקום, אַ פאַרוואָרפענס פון דער וועלט, און ער הייסט זיך אָפּשטעלן פאַר אַ שטוב און אָנקלאַפּן. און אַז דער בעל־הבית לויפט אַרויס צו אים, אַן איינגעבראָכענער און אַ פאַרציטערטער, שרייט ער אויף אים אָן:

— שוטה, טיפּש! וואָס פאַרכסטו דיך? ער וועט דיר קיין שלעכטס נישט קענען טאָן.

— מאָרגן, מאָרגן וועסטו האָבן די גאַנצע הילף!

און מען פאַרקירעוועט און פאָרט צוריק.

זיי פאָרפאָרן אין אַ דאָרף און טרעפן אָן אויף אַ ייִדן וואָס שטייט

אויפן שטראָז, מיט פאַרבראָכענע הענט, און קוקט זיך אויס די פאַר־ווײַנטע אויגן:

די שטאָטלייט האָבן אים אָנגעפירט, צו זינד געבראַכט. ס׳איז היינט דער אַכטער טאָג — נישט ווייט פון זונפאַרגאַנג, און ס׳איז קיינער נישטאָ וואָס זאָל מל זיין זיין קינד.

ר׳ מרדכילע איז סנדק און מוהל און ס׳גייט אָן אַ שמחה וואָס פאַר־ענדיקט זיך נישט טעג.

אויף אַ שמחה אַזאַ פאַרגעסט ער אין גאַנצן אין דער צייט.

ס׳מאַכט זיך אַמאָל, מ׳מוז צוטרייבן, מען וואַרט אויף אים ערגעץ מיט חופה־וקידושין. און אַז מען האָט שוין כמעט דערצויגן, הייסט ער אָפּנויגן פון וועג:

— אַ קלייניקייט, עטלעכע מיילן נאָר. אַ ייִד נעבעך איז אין אַ גרויסער נויט, ס׳דערגייט אים נישט צו באַצאָלן דעם רשע די אָרענדע, און חלילה...

און ס׳וואַרטן כלה־חתן און די מחותנים, מלא יסורים, אַ גאַנצע נאַכט און דעם אַנדערן טאָג, און ער קומט נישט.

— ס׳איז דען מיין שולד? אַז מען לאָזט מיך נישט, מען שיקט מיך אויף אַנדערע וועגן!

אַ גאַנצע וואָך מאַטערט זיך ר׳ מרדכילע מיט תענתים, מיט סגופים. ער לאָזט צום חומר קיין שום הנאה נישט צו:

— צו וואָס האָסטו מיר געטויגט?

— שבת! אַ ייִד דאַרף גרייטן אַ גאַנצע וואָך פאַר דעם הייליקן שבת. ער דאַרף אים באַשיינען מיט מעשים און מיט כל הגוטס פון דער וועלט. ס׳איז גאָר נישט פאַראַן גענוג תענוגים וואָס מען דאַרף אָנטאָן דעם נפש און דעם גוף.

גרייט ר׳ מרדכילע אַ גאַנצע וואָך. און אַז ס׳קומט אָן דער הייליקער טאָג, איז ער אים מערסטנס פאַרשטערט. אָדער ער בלייבט שטעקן ערגעץ אויף דער פריי, ווייט פון אַ ייִדישן ישוב, און דערציט ער, איז עס ס׳רוב פאַרשפּעטיקט: שוין נאָך ליכט־צינדן. ייִדן לויפן שוין אין שול אַריין.

און ערשט הייבן זיך ביי אים אָן די הכנות און ער ווערט נישט פאַר־

טיק ביז האַלבער נאַכט. און ס'איז אַלץ קאַפּויר: די זמנים פון תפילה, פון די סעודות — נישט ווי ס'איז דער שטייגער ביי ייִדן.

זיינע מאמינים האָבן אויף אים קיין שאלות נישט. ווער קען פאַר־שטיין זיינע דרכים? וואָס ער טוט און ווי אַזוי ער טוט איז הייליק.

אָבער סתם ייִדן ווילן עס דען פאַרליידן? אַבי אַ רבילע, מעג ער שוין עובר זיין אויף די דינים און אָנמאַכן אַ הוללות אין זייער מקום? און ס'ווערט אַ מרידה און מען פאַלט אים אָן מיט ווייסטע בזיונות, אַז קוים ער דערלעבט שוין די גוטע וואָך און ער אַנטלויפט מיטן לעבן ווי פון אַ פייער.

— וואָס בין איך שולדיק? כ'בין דען אין מיינע הענט? דער פון אויבן איז מיין עדות, אַז איך טו נישט, דאָס מינדסטע נישט, ווי נאָר זיין באַגער!

ס'האָט אָבער איין מאָל געטראָפן וואָס ר' מרדכילע האָט זיך פאַר־לוירן. די באַוואָפענונג זיינע, דאָס סבלנות, איז געוואָרן פלוצים ביי אים טעמפּ און ער איז אַרויס מיט טענות, מיט תרעומות אויף זיין האַר:

דער ווינטער איז צוגעשטאַנען מיטן גאַנצן אכזריות. די זאַווערוכעס און די פרעסט האָבן די קאַרעטע און די בוידן יעדעס מאָל איינגעשפּאַרט און געהאַלטן טעג אין קלעם, און אַז ס'שטילט זיך איין, פאַרפלאָנטערט אַלץ ר' מרדכילע די וועגן.

די וואָכן פאַרלויפן און דער יום־טוב פסח דערנענטערט זיך. און די שערענגע שלעפּט זיך נאָך דער קאַרעטע, געפייניקט פון הונגער און פון קעלט, און ווייסט נישט ווי איין און ווי אויס. האָבן די בוידן ביסלעכווייז גענומען אָפּשטיין און אויס זיין די צייט.

ר' מרדכילע, פאַרלאָזן אין דער ווייסער פּראָסטיקער ווילדעניש, איז פאַרבליבן מיטן אָנטרייבער אַליין, ווי די לעצטע אויף אַ זינקענדיקער שיף, און זיי ציִען אויף גאָטס באַראָט: פאַרקירעוועז אָט אַהין און אָט אַהער. מ'פאָרט נישט אויף קיין גלייכן, אויסגערעכנטן וועג.

פרייטיק, ערב שבת הגדול, אין דער נאַכט אַריין — ייִדן זענען שוין געגאַנגען פון קבלת־שבת — האָבן זיי אָנגעצויגן אין אַ שטעטל און ר' מרדכילע האָט פון דער קאַרעטע נישט געקאָנט אַרויס. עס איז בשום אופן נישט מעגלעך געווען אויפצורייסן די פאַרזשאַווערטע קליאַמקעס פון די פאַרעקשנטע טירלעך.

ייִדן ווילן נישט מחלל שבת זיין און קיין גוי איז נישט צו באַקומען פאַר וואָס אין דער וועלט.

ס׳איז אַן אָנגעלויף. דאָס גאַנצע שטעטל איז אויף די פיס און בונ־טעוועט אויף ווילדע קולות, מיט וויסטע אויסגעשרייען:

— ווי איז עס נאָך געזען און געהערט געוואָרן... אַ רבי...

און ר׳מרדכילע זיצט אין דער קאַרעטע ווי אין שטייג, מבויש און אין גרויס צער, ביז ער האָט זיך אַ טראָג אונטער געגעבן, אַן אָנגעצונדענער, און האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס עפּעס האָט ער די נאַכט אַזוי אומגערעכט, אַזוי פּלוצים אַראָפּגעלאָזט — קוים כ׳האָב די מלאכה פאַרענדיקט און... ער אַליין, דער באַ־שעפער, האָט דאָך אויך באַדאַרפט גאַנצע זעקס טעג צו באַשאַפן דעם היילִיקן שבת!

און איך, ווער בין איך דען, — אַ בשר ודם...

צבי קוויטלער

אין פראָוועשטוב, אויפן שווערן פירקאַנטיקן דעמבענעם טיש פלאַ־טערן צוויי נאָר־וואָס געלייענטע קוויטלעך ווי ערשט אויסגעפּוצטע, פּוכענע פעדערן.

דאָס איינע, אַ באַשריבנס ביז צום ברעג, בליאַסקעט ווי אַ שיר מיט די געטאָקטע אויסגעכתבעטע אותיות און שטעכט זיך גאַוווהדיק אין די אויגן. און דאָס אַנדערע, מיט עטלעכע פאַרציקטע און אין אַן אַנדער פאַר־שלונגענע ווערטער, פּעלבלט זיך ווי אַ דערשראָקנס און ס׳איז באַקלעקט מיט אַ טרער.

ביידע פון חסידים וואָס זענען געווען אַ לאַנגע צייט אָפּגעהאַלטן, צו פאָרן צום רבין.

צבי שואל בן חנה בתיה איז דאָס יאָר געווען שטאַרק פאַרנומען, די מסחרים האָבן זיך ביי אים, קיין עין־הרע, צעשפּילט גרויס, האָט ער קיין צייט נישט געקאָנט אָפּרייסן און האָט די נסיעה אַלץ אָפּגעלייגט.

אגב, צו די גרויסע פאָרערס פאַרעכנט ער זיך נישט, וואָרעם אויף געלט איז ער גאָר קיין פּזרן נישט, האָט ער נאָך נישט פאַרפעלט צו זיין ווינציקער ווי צוויי מאָל אין יאָר ביים רבין.

צבי־שואל בן חנה בתיה איז אַ בעל־נחת, מיט קינדער און קינדס־קינדערלעך, און ציטערט, קיין בייז זאָל חלילה אין זיין הויזגעזינד נישט שולט זיין. איז טאַקע דעם בעל־נחת דאָס געמיט נישט רויק:

צו לאַנג שוין האָט ער זיך פאַרגעסן, צו לאַנג שוין זיך נישט גע־פדיונט!

האָט ער געמוזט זיך אָפּרייסן פון זיינע גוטע מסחרים און נעמען זיך גרייטן אין וועג אַריין.

אויף דער הוצאה מוז צבי־שואל מפקיר זיין אַ הונדערטער — ס׳איז נישטאָ פון וואָס אָפּצודינגען:

די גאָספּאָדע און דאָס פּרעסן פאַר די פערד מיטן אָנטרייבער דאַרפן קאָסטן אַ צוואַנציקער.

שטעלן ווײַן צום טיש — אַ צענערל.

קוויטל־געלט די גבאים אויך אַ צוואַנציקער. כאָטש אָנשרייבן לאָזט ער זיך נישט פון זיי, שענקען זיי נישט.

אויף אָנצושרייבן דאָס קוויטל האָט ער אַ חזקה ביי זײַן אָרטיקן סופר, ר׳ פּרץ־רפאל.

אַ חוץ וואָס ר׳ פּרץ־רפאל נעמט פאַרן אָנשרייבן קיין באַצאָלטס ניט — חס ושלום!

ס׳איז ביי אים אַ הייליק שליחות, איז צבי־שואל בן חנה בתיה אַ מקפּיד, זײַן קוויטל זאָל זײַן אָנגעשריבן מיט גרויס ישוב־הדעת, נישט אין אײַלע־ניש. ס׳זאָל נישט פאַרפעלט ווערן אַ נקודה פון אַלע, אַלע זײַנע בקשות פאַר זיך און זײַן הויזגעזינד.

און דער פּדיון דעם רבין, לכל הפּחות — אַ פופציקער.

אַז ער האָט זיך שוין אַזאַ צײַט נישט געוויזן!

אָבער ס׳גייט דאָך אַלץ ביי אים מיט הצלחה:

נאָר ער איז אָנגעפאָרן און האָט געהייסן פאַרנעמען זיך צו זײַן אכסניה, כאַפּט אים אַ קרוב זײַנער, אַ תושב אין דעם מקום וואָס דער רבי, און לאָזט אים פון דער פור נישט אַראָפּ.

ער מוז אים דעם כבוד אָנטאָן און אײַנשטיין אַמאָל ביי אים.

ס׳איז אַ כבוד פאַר אים, אַ גרויסער, דער גביר מיטן גרויסאַרטיקן געשפּאַן זאָל פאַרפאָרן צו זײַן שטוב און האַלטן גאָספּאָדע ביי אים.

טוט צבי־שואל דעם קרוב זײַנעם אָן די ליב און שפּאָרט זיך אײַן — אַ צוואַנציקער.

ווײַן שטעלן צום טיש האָט ער זיך אויך פאַרשפּאָרט. אין רעש, אין געפּילדער פון גרויסן עולם האָט מען אים פאַרזען און נישט אויסגערופן.

און די הצלחה שפּילט אים ווײַטער:

ס׳האָט אים געגליקט צווישן גרויסן אָנגעלויף פון מענטשן בעתן פּראָוון, זיך פון די שאַרפע גבאישע אויגן אויסצוהיטן, און ס׳איז דער אַנ־דערער צוואַנציקער אויך פאַרבליבן ביי אים, אין דער וואַרעמער נעסט.

און ערשט, ער האָט זיך צוגעשטופּט צום טיש און ס׳האָט פאַר אים אַ בלענד־געטאָן דער באַרג מיט פּדיונות, שעמערירנדיק מיט אַלערליי געלטער און אין אַלערליי קאָלירן, האָט ער זיך אויף אַ קלייניקייט באַטראַכט:

וואָס וועט עס זיך שוין אָנזען ,אַז ער וועט צולייגן נאָר אַ פערציקער?

אָבער איבערגעבנדיק זיין קוויטל דעם רבין אין דער האַנט אַריין, האָט שוין צבי־שואל בן חנה בתיה געהאַט דעם גאַנצן ישוב, און ער האָט צוגעלייגט אַן איינציקן קנאַקנדיקן פּאַפּירענעם צוואַנציקער.

◈

טוביה בן ציפּה האָט אויך אַ קיילעכדיק יאָר געפעלט ביים רבין און האָט פאַר דער צייט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט איבערצושיקן אַ קוויטל, אַפילו נישט צו לאָזן זיך מזכיר זיין.

ער זאָל אַ יאָר רצופים נישט זיין ביים רבין, אַזוינס האָט אים נישט געטראָפן, זינט ער געדענקט.

טוביה איז אַ ייד אַן עני, אַ בעל־מטופל, וואָס איז זיך מפרנס פון קנעלן מיט קינדערלעך. פון דעסט וועגן האָט ער נאָך נישט פאַרפעלט אויף קיין שום רגל און קיין שום אַנדערן זמן פון פאָרן, צו זיין ביים רבין.

און דעם פּדיון האָט ער אָפּגעריסן פונעם נייטיקסטן און געהייליקט.

טוביה פלעגט זיך מתקנא זיין אין די גבירים. נישט ווייל זייער עשירות איז אים אָפּגעגאַנגען. חלילה!

דערפאַר וואָס זיי זענען בכוח צו געבן, בכוח מיט דער ברייטער האַנט צו שפּרייטן גרויסע פּדיונות.

דער כלי־זיין פון זיין רבין איז צדקה.

פאַר די אָפענע אויגן זיינע קען זיך די נויט נישט אויסבאַהאַלטן, דער צער פון מענטשן נישט פאַרשוויגן בלייבן. ער זעט ווי ווייט, ווי פאַרבאָרגן עס זאָל נישט טרעפן, און ער רוט נישט, ביז ער איז נישט ביד צו קומען צו הילף.

ער איז אַמאָל, דער רבי ,אָנגעקומען דאָנערשטיק ביינאַכט אין אַ מקום אויף שבת. און נאָר ער איז אַראָפּ פון דער פור, מיד און צעבראָכן פון דער גאַנצער וואָך נסיעה, האָט ער זיך אויפן גרויסן עולם,

הונדערטער חסידים, וואָס זענען אים מיט גרויס גדולה אַקעגן געגאַנגען מקבל פּנים זיין אַפילו נישט אומגעקוקט און איז אַוועק און פאַרשוווּנדן אין דער פאַרשלאָסענער פינצטערניש.

ס'בושעוועט אַ שטורעם און ס'גיסט אַ טיטשע, אַז די ערד פאַרזינקט אונטער די פיס. און ס'פאַרגייט אַ שעה נאָך אַ שעה און ער איז נישט צו זען, נישט אויסצוגעפינען.

אַזוי אַ גאַנצע נאַכט.

קאַיאָר, אַז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, דערזעט מען אים, אָן אויסגעווייקטן אין רעגן און אין שליים, אַרויסשפּרייזן פונעם אַרומיקן וואַלד און נאָך זיך שלעפּט ער אַ פרעמדן, צעשראָקענעם און זאַמוטשעטן ייִדן ביי דער האַנט.

דער רבי האָט אים אויסגעקויפט פון גזלנישע הענט.

איז דאָך ווייל און ליכטיק דעם וואָס קען זיך מצרף זיין צו זיינע מעשים!

◈

דאָס יאָר האָט טוביה זיך קיין חדר נישט געקאָנט צונויפשטעלן אין דער היים און איז געבליבן אָן חיונה. און ער האָט געמוזט לאָזן זיך אויף דער וועלט און איז פאַרוואָרפן געוואָרן אַזוי ווייט, אַז ער איז אין גאַנצן געווען אָפּגעריסן פון זיין ביז־איצטיקן שייכות.

און עס איז די סביבה אַ פרעמדע און דער דרך אַן אַנדערער וואָס זייערער.

פאַר טוביהן האָבן זיך געשטעלט געפלאָגטע, פחדימדיקע טעג, אַ לאַנג נישט צו דערציִענדיק יאָר.

ער בלאָנדזשעט ווי אַ שעפעלע, אַ פאַרלאָפּנס פון זיין טשערעדע, און אַ מורא ליגט אים אויפן האַרצן און ווילדע בייזע געדאַנקען צעדרייען אים דעם קאָפּ:

אַן עונש, אַן עונש!

און ביטער און האַרב נאָך מער וואָס ער געדענקט נישט דעם חטא...

און קוים ,קוים, ער האָט דערשלעפּט צום סוף פון זמן און ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך וואָס האָט אים געהאַלטן איינגעשפּאַנט

אין דער דאָזיקער פרעמד, האָט ער פונעם אָפּגעשפּאָרטן, קאַרגן שכירות מקדיש געווען אַ צוואַנציקער און איז אַוועק — נישט אַהיים, נאָר גלייך צו זיין רבין.

◈

קיין פורל האָט זיך אים נישט צוגעפּירט, האָט ער זיך, מיטן לייכטן טלומיקל זיינעם אויף דער פּלייצע, געלאָזט דערווייל צו־פוס.

נאָר אַז ס׳איז אַריבער דער ערשטער טאָג אין וועג, איז אים אויף דער געדאַנק: וואָס עפּעס פאָרן?

עולה־רגל זיין!

און ער איז געווען איבערגליקלעך צו קענען צולייגן די שכר־עגלה צום פּדיון.

און אַז ער האָט נאָך וואָכן לאַנגן גאַנג אָנגעצויגן, האָט ער זיך אויף נאָך עפּעס באַטראַכט:

אַכסניה וועט די באַנק אין בית־מדרש דעם גוף גענוג זיין.

נישט דעם חומר, דאָס נפש דאַרף מען דאָ אין זינען האָבן!

און ס׳איז דאָס אַכסניה־געלט אויך געבליבן נישט אָנגערירט.

לחיים האָט ער געטרונקען צו אים, איידער נאָך ער האָט אין דער ענג־שאַפט און אין דעם געטומל געקאָנט דערגרייכן אַ פלעשל משקה צו שטעלן צום טיש, האָט ער זיך די הוצאה אויך איינגעשפּאָרט.

דאָס קוויטל לאָזט ער זיך פון קיין פרעמדער האַנט נישט שרייבן און אויף זיין גבאי־געלט קוקט מען נישט אַרויס.

און דעם רבין האָט ער דערלאַנגט אַ קליינטשיק קוויטעלע, מיט פּאַר־ווינטע, ציטריקע עטלעכע ווערטער:

— טוביה בן ציפּה לרפואות ולשלימות הנפש.

און ער האָט באַהאַלטן אַרונטערגעלייגט אַ אין פירן איינגעקנייטשטן צוואַנציקער.

אויף דער קאַטש

א.

די שאצער קאָטש, מיט אירע טאָפּעלע אויבנאָנס און טאָפּעלע דאַ־שעקעס, האָט אויפן ערשטן קוק געהאַט דאָס אויסזען פון צוויי קאַלעסן וואָס האָבן זיך ערגעץ־ווו נישט געקאָנט אויסמיידן און זענען געבליבן אויף אייביק פאַרטשעפּעטע.

אויף דער קאָטש האָבן שאָצער בחורים געוועלטיקט ווי איבער אַ מדינה און געהאַלטן זי גרייט אויף פאָרן צום רבין. וועגן אַנדערע פאַר־שוינען און אַנדערע נסיעותן האָט די קאָטש נישט געטאָרט גענוצט ווערן.

און ווער וואָלט געוועהן איינגעשטעלט? פאַר אָט די בחורים, מיט די סאַמעטענע מאַנקעטן אויף די זשופּיצעס, הויכע מאַרדערנע היטלען און גראָבע געפלאָכטענע גאַרטלען אַרום די לענדן, האָט מען געציטערט.

אַרויסגעפאָרן איז די קאָטש מיט אַ געשפּאַן פון זעקס פערד, באַ־קראַנצט און באַסטענגעוועט. און דער געפילדער און געזאַנג פון די פאַר־שוינען, וואָס זענען פון ענגעניש ווי צונויפגעקלעפּטע פליגן געהאַנגען אין דער לופטן, האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן וועג.

באַלד נאָר זיי האָבן זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט, איז דאָרט געוועהן אי אַ גדולה, אי אַ מורא: דאָס פריילעכקייט וואָס די קאָטש ברענגט מיט זיך אָן, אין אַ פאַרדאגעטן וואָכעדיקן טאָג, נעמט אַרום מיט יום־טובדיקייט. דער אימפּעט אָבער מיט וועלכן חברה בחורים צעלאָזן זיך איבער די שטיבער, פאַרלאַנגענדיק זאַקרויב ווי באַלעגערערס, וואַרפט אָן אַ שרעק.

חברה הייסט גרייטן בעלי־בתים אַ סעודה פון כל־הגוטס און מיט משקה לרוב, כדי צו האָבן איבער וואָס צו ווינטשן זיך אויפן רבינס סמך. און דערנאָך וואָס מען האָט אָפּגעהוליעט אַ טאָג מיט אַ נאַכט, גיב זיי ערשט צדקה! שאָצער בחורים קומען נישט צום רבין ליידיק און בלויז. סאָלדאַטן שיסן נישט אָן פולווער.

צום צדיק קומט מען תפילה טאָן. און תפילה באַדאַרף אַ בגד —

צדקה. מוז אַ יעדער איינער זיך מצרף זיין; און ווער סע גיט נישט מיטן גוטן, באַצאָלט מיט קנס.

אויף דער קאָטש איז גבריאל אויסגעוואַקסן.

גבריאל איז אַ ייִד אַ בעל־נצחון, אַן איינגעשפּאַרטער אויף זיין אייגענער דעה. שטענדיק גרייט אויף מלחמה קעגן יעדן און אַלץ וואָס שטעלט זיך אים דערווידער. מלחמה האַלט ער פאַר אייגענע און פאַר נישט־אייגענע ענינים, דער עיקר מיט זיך אַליין.

גבריאל ברענט פון צווייערליי פייערן, פייערן וואָס צינדן זיך ביי אים אָן אין די פלאַקערן פון קדושה און אַנדערע וואָס ברענען — נישט פונעם לויטערסטן בוימל. איז ער דאָך אָבער אַ ייִד אַ בן־תורה, אַ בר־דעת וואָס ווייסט, אַז די נישט־געלייטערטע פייערן זענען תאוות, אַנגערייצטע פון די קליפּות און ברענגען צו ירידותן עד עד. פּרוּווט ער גובר זיין, זוכט זיי מיט אַלע כוחות אויסצולעשן און קען גאָר אָפּט דעם נסיון נישט ביישטיין.

אין דער היים איז גבריאל אַן אורח פון שבת צו שבת. אַ גאַנצע וואָך פאָרט ער אויס די וועלט; טאָגט נישט ווי ער נעכטיקט. זיין פּרנסה נייטיקט אים צו נע־ונדקייט. אָבער נישט נאָר צוליב דעם! גבריאל לעבט נישט פאַר זיך אַליין. ער איז דאָך אונטערוועגס, און אַז אַ גוטער־ברודער באַדאַרף אַ טובה, איז ער דאָך מחויב.

מענדל אַהרציעס בעט אים אָנקוקן אַ חתן פאַר אַ בתולה זיינער. פאָרט גבריאל אַוועק, אין אַ מקום אַ פאַרוואָרפנס, וואָס ליגט נישט אויף זיינע וועגן, און פאַרלירט זיך טעג. שלמה נחמיהס זיצט פון אַ צייט אָן פּרנסה, דריקט עס גבריאלן ווי אַ שטיין אויפן קאָפּ, און ער רוט נישט אויסצוזוכן פאַר אים אַ מבוא ערגעץ־ווו.

און עפּעס אַזוי אַ לעב טאָן וויל זיך דאָך אויך. באַנייען חסידים אין אַ שטעטל אַ שטיבל אויפן רבינס נאָמען, ווער ער פעלן?

אַ קערמעשל ביי אייגענע אָן גבריאלן?

נעמט זיך אָבער ביי דעם אַלעמען דער בעל־דבר אויך נאָך אים, פאַרשלייערט זיך אין צניעותדיקייט און פאַרפירט אים פון גלייכן וועג.

לפנים ווייזט גבריאל, ווי באַלד ער כאַפּט זיך, קיין שינוי נישט אַרויס. סע דערקענט זיך אָבער, אַז אינעווייניק רודערט אין אים. איבערטראַכטעכצער שפּיגלען זיך אויף זיין פּנים.

פאַר זיין רבין — דער אַטיניער — איז גבריאל גרייט זיך דעם מזבח איבערצוגעבן:

ביי זיין רבין אויפן שטערן איז די שין אויסגעקנייטשט. בלויז אַ בליק אויף דער הייליקער צורה איז גענוג צו וויסן, אַז דאָס האָט מען פאַר זיך אַ הימלמענטש. וועמ סע צייל זיך נישט צום רבינס עולם, איז ביי גבריאלן פאַררעכנט פאַר אַ באַשעפעניש אָן העכערע השגות. נאָר באַהיטן זאָל דער ווערן וואָס רירט אָן דעם רבינס כבוד.

— אַזאַ פּראָסטאַק! ער סרחעט דאָך! געהאַט די העזה צו רעדן מיט ביטול, האָב איך אים דערלאַנגט, אַז...

גבריאלס כנגד איז משה באַרשטינער. אַ ייִד אַ ריז און אַ זאַט. פון זיין בייזן קוק ווערט דער מוטערס מילך אַנטרונען. און בעת ער קומט אין התלהבות אַריין, פלאַמען ביי אים ממש די ווערטער פון מויל אַרויס. ער איז אויך אַ פאַרברענטער חסיד פונעם אייגענעם רבין וואָס גבריאל, און כאָטש אַזוי מיט אים נישט שווה־בשווה.

משה זאָגט אַז גבריאל, מיט אַלע מעלות, מיטן גאַנצן מסירת־נפש זיינעם, וועט פון מדורי־גיהנום נישט ניצול ווערן.

איז צום בעסטן, ווען אנשי־שלומנו קומען זיך צונויף מקבל־תענוג זיין, הערן נאָכזאָגן דעם רבינס אַ דיבור, מחדש זיין אַ זמרל, צי גיין גאָר אַ ריקודל, מאַכן זיך טענות צווישן די צוויי חסידים וואָס פאַרענדיקן זיך נישט זעלטן מיט מיאוסע בזיונות.

גבריאל ווי באַלד נאָר ער פאַרבייט זיך אין די שבתדיקע מלבושים, איז ער נישט דער אייגענער. גאָרנישט איז ביי אים נישט אויפן אָרט; דאָס שטריימל שפּאַרט אָן ביים האַלדז־און־נאַקן, די צעלאָזטע פּיאות שווי־בערן און פלאָנטערן זיך איבערן צעהיצטן פּנים, ס'טונקעלע בערדל דראַפּעט זיך שפּיציק צו דער לאַנגער פאַרריסענער נאָז אַרויף. און אין גאַנצן זידט ער ווי אַן אָנגעהייצטער קעסל.

פון דעסט וועגן פאַרברענגט זיך מיט אים ביים זיץ צומאָל גאַנץ נישט־קשה. משקה שטעלן מאַכט ביי אים נישט אויס, וויפל סע זאָל נישט פעלן. און אַליין זיצט ער זיך, די אויגן פאַרגלאָצט צו דער סטעליע, דעם האַלדז אויסגעצויגן ווי פאַרן חלף, און וואָרעמט אונטער מיט זיינע פרומע סקאַרבאָווע תנועהכלעך. דער עולם העלפט אונט'ער און שעפּט נחת. כאָפּט

ער אָבער איבער די מאָס מיט אַ כוסה, איז פון אים שווער ביז גאָר איבערצוטראָגן. בגלופין, נעמט ער זיך אויסברעגנגען דיבורים אַזעלכע וואָס פרומע יידן היטן זיך דערפון אויס, לאָזן עס אַפּילו אויף דער מחשבה נישט צו. אָדער ער פאַרפרומט זיך אין די הימלען און פאַרמעסט זיך זאָגן מוסר סיי ווען סע זאָל נישט זיין. שלינגט מען אַראָפּ און מען פאַרקוקט. אויף גבריאלן ברוגזט זיך קיינער נישט אָן. מ׳האָט אים ליב מיט זיינע מעלות און מיט זיינע חסרונות.

דאָס אָבער קען שוין משה בשום אופן נישט פאַרליידן. ער שענקט נישט. בכלל איז משה אַ ייד אַ קנאי וואָס פאַרגעסט נישט יענעמס עוולות, ביז צום לייגן די טשערעפּלעך, און אויף גבריאלן איז ער באַזונדער אויפ־געטראָגן. דערפאַר טאַקע וואָס מ׳איז אים מוחל. און נאָך מער וואָס מען קוקט אים אין מויל אַריין. פאַלט ער אים אָן און וואַרפט אים אויס חטאים אויף חטאים.

גבריאל ווערט נישט בטל: אַ מענטש, זאָגט ער, איז מסוגל צו טאָן אַ מיצווה ווי אויך אַן עברה. אונדזערע הייליקע חכמים זאָגן דאָך: — אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא. דרינגט זיך דאָך דערפון, אַז אַ צדיק ווערט אויך נכשל.

דאָס איז שוין פאַר משהן איבער דער מאָס און ער גיט אַ שפּרונג אונטער, ווי ווען ער וואָלט סם פאַרשלונגען — אויף דורסן! אַ גליק וואָס מענטשן דערלאָזן נישט.

ב

זיצן די חסידים, פּרייטיק־צו־נאַכט אַמאָל, אויף אַ געהויבענעם אופן: דער רבי האָט דאָ נישט לאַנג אַ היגן געפּראַוועט אַ מופת און פון פדיון איבערגעשיקט אַ מטבע אויסצושפּילן אויף משקה.

הוליעט מען און מען לעבט, און די שמחה איז אַזוי גרויס, אַז אַלץ, אַפּילו די בענק, די טישן, דאַכט זיך, הייבן זיך טאַנצן. פאַלט וועמען איין, סע וואָלט כדאי געווען פון ערגעץ ווו אַ טשאָלנט אַרויסצוכאַפּן. אַזאַ גנבה האָט ביי חסידים נישט די וואָכנדיקע טייטש פון לא תגנב. אדרבא, ביי זיי איז דאָס גאָר פאַררעכנט פאַר אַ שטיקל תיקון. און גבריאל איז דערצו

איין בריאָק. גייט ער אין דעם שליחות און פאַרגעסט דעם צוריק. וואַרט מען און מען וואַרט און ואיננו.

דאָס פריילעכקייט האָט זיך דערוויל איבערגעריסן. שלעפעריקייט האָט געגומען קלעפּן די אויגן און אין בית־מדרש ווערט פונעם לעשן זיך אַ ליכטל נאָך אַ ליכטל טונקל און מרה־שחורהדיק. און גבריאל קומט נישט צוריק. איז נישט צו פאַרשטיין, ווו ער האָט דאָס געקענט פאַרפאַלן ווערן. זענען יונגעלייט זיך מטריח און גייען אַרויס זיך אומקוקן. נאָר אומזיסט: נישט מען זעט, נישט מען הערט. ערשט אַז סע הויבט אָן טאָגן און דער עולם, מיד און מיט פאַרדראָס פון וואַרטן נעמט זיך צעגיין, לויפט גבריאל אָן, מבולבל און אין פנים שטאַרק פאַרפינצטערט.

משה, מער אויפגערודערט ווי אַלע, האָט עפּעס דערפילט. אַ רגש פון חשד האָט אים אַ ברי געטאָן. און אָפּשטעלנדיק דעם שניידנדיקן בליק זיינעם אויף גבריאלן, האָט זיך דער חשד ביי אים איינגעביסן.

ג

נאָך שבת איז גבריאל געפאָרן אין זיינע וועגן. משה רוט נישט, עגבערט. ער האָט זיך אַ נדר געטאָן פאַר גאָרנישט זיך אָפּצושטעלן, ביז לאַנג ער וועט זיך נישט דערגראָבן, ווו יענער איז פרייטיק צו נאַכטס פאַרפאַלן געוואָרן. און דאָס עקשנות זיינס האָט אים געהאָלפן. ער האָט זיך דערגראָבן: גבריאל האָט דעם טשאָלנט אַרויסגענומען ביי פריידעלען. אָט דאָס איז עס!

פריידעלען האָבן די ווייבער אין מויל: זי וואַרפט זיך מיט איר גע־פוצטקייט, מיט איר שיינקייט צו שטאַרק אין די אויגן; איר געזיידנט אויס־געבלייכט פּנים צירט זיך מיט חן־גריבלעך ביי יעדן שמייכעלע; תאווה־דיקס ברענט פון אירע טריט. זי באַרירט נישט די ערד; דער פאַרהאָנ־געגער גלי אין אירע אויגן קען ברענגען צום נסיון פון הרהור.

אַז גבריאל האָט זיך נאָך די עטלעכע טעג אונטער וועגנס אומגעקערט אַהיים, איז זיין אויסזען געווען געעלטערט און אין פּנים מסוכן צערודערט.

דעם פרייטיק צו נאַכט האָט ער אין זיך געגאָסן משקה אָן חשבון, געטשעפּעט דעם און יענעם, געזוכט עמעצן אויסצושיסן זיין כעס און געטראָפן פונקט אין יואליקן.

יואַליק ענטפערט אויף צען ווערטער מיט אַ האַלב וואָרט. שבת ברענגט ער קיין דברי־חול איבער די ליפּן נישט אַרויס. און וואָס פּאַר אַ פּיין מען זאָל אים נישט אָנטאָן, דערצערנט ער זיך נישט.

געציילטע עטלעכע הערלעך שפּראָצן אים אויף דער סקעלעטישער געמבע און פון תעניתים און סגופים איז ער ווי אַן אויסגעצאַמטער בייז.

גבריאל האָט צו אים טענות: ס'טייטש, ער פּאָרט ווינציק. וואָלט ער אים דאָס שוין מוחל געווען, פּאָרט ער אָבער צום רבינס ברודער אויכעט. און באשר, אַן אַלטער בחור טראַכט גאָר נישט חתונה האָבן.

יואַליק טוט נישט אַ פּינטל מיט אַן אויג. גבריאל חזרט זיך איבער און פּאַרפּעסטיקט זיינע טענות אויף זיין אייגענעם נוסח: איך זאָג דיר... עס זאָל מיר אַזוי גוט זיין... און אַז יענער ענטפערט פּאָרט נישט, שטומט ווי אַ וואַנט, פּאַלט גבריאל אַריין אין רציחה און נעמט זידלען: ביסט אַ פּראָסטאַק! ביסט...

משה האָט איבערגעהאַקט. מער האָט ער דעם גרימצאָרן וואָס האָט אין אים געזאָטן נישט געקאָנט איינהאַלטן. און מיט ירגזון, ווי אַ רייסנ־דיקער טייך, האָט עס פון אים אַ זעץ געטאָן:

— דו... דערוועגסט זיך... דו... דו... וואָס דו ביסט מחלל און מגדף דעם רבינס נאָמען... דעם רבינס געדעכעניש...

משה האָט זיך געריסן אין דער הייך, געשיט מיט פעך און שוועבל, זיך נישט געקענט קילן — איבערגעקרימט אַ חציפהדיק תנועהכל וואָס גבריאל האָט ערגעץ אויסגעבראַכט, און צום סוף מיט די ציין אַ קריץ געגעבן: ס'איז בידוע אַ מעשה מיט אַן אשת־איש...

גבריאל איז געזעסן ווי אַ דערטשמעליעטער, ווי מען וואָלט אים מיט עפּעס שווערס געגעבן איבערן קאָפּ. נאָר ביים אויסלאָז פון משהס ווער־טער האָט ער אַ טאַנץ געטאָן ווי אַן אָקס אַ צערייצטער, גוואַלדעוועט, גע־שוימט מיט דערשטיקטע ווערטער און געמאָרדעוועט מיט וואָס עס איז אים געקומען אונטער די הענט. מיט ווילד משוגעת האָט ער זיך געריסן צו משהן, עס איז אים נישט געווען צו האַלטן, מיט קיין שום כוחות נישט.

און אַז זיי זענען זיך שוין געשטאַנען פּנים אל פּנים, גרייט צו וואַרפן זיך אויף אַנאַנד, ווערט פּלוצים גבריאל אָפּהענטיק, גיט אַ פאַל צו דער ערד און צעכליפּעט זיך ווי אַ קינד אויפן קול.

דער נסיון

געַנוג שוין!

אויף די עלטערע יאָרן וויל ער, שׂראל־אברהם, זיך אָפּרוען פון די דאגות וואָס האָבן אים דאָס גאַנצע לעבן פאַרקנעכט צו דער עולם־הזה. זאָלן זיי, די בנים, האָרעווען. ער, ווייזנדיק מיט דער האַנט צום הימל, דאַרף איצט זאָרגן פאַר אַן אַנדערן, פאַר אַ בײלכערן תכלית.

אַ למדן איז ער, שׂראל־אברהם, געווען אַ קנאַפּער און קנעלן מיט די אַנדערע בטלנים אין בית־מדרש האָט ער פיינט געהאַט ביז גאָר.

זיין תענוג איז די גאַס. איז ער געזעסן פון טאָג־באַגינען ביז טאָג־פאַרגאַנג, אויף דער לאַנגער הילצערנער באַנק פאַר זיין רחבותדיק הויז, פאַר זיין גרויסער שפּעדיקער קלייט, אין דער סאַמע מיט פון שטעטל, און האָט געהיט. ער האָט געהיט יעדן פאַרבייגייער, קליין און גרויס, און נישט אַדורכגעלאָזט, אָן צו דערמאָנען:

אַז פור גאָט און פור דער רבי!

ליב האָט ער געהאַט סתם אויסצושמועסן די וועלט — די וועלט מיט די וואונדער וואָס טוען זיך אָפּ אין יעדער רגע, מיט יעדן פינטל פונעם אויג, דערציילן פון די אַמאָליקע צייטן. אָבער באַזונדערס מיט ציטערניש און מוראדיקן ברען פונעם אַלטן ז״ל.

אַז ער פלעגט זיך צערעדן פון זיינע פאָרעכצן צו אים און פון די באַגעגענישן, מיט די אַנדערע טויזנטער חסידים, וואָס האָבן פאַרפלייצט די וועגן און געדוישט ווי צעשטורעמטע וועלדער, האָט ער געצאַפּלט און עס האָט ביי אים דאָס פּנים געפלאַקערט, ווי ווען ער וואָלט עס אָקאָרשט איבערגעלעבט, ווי ווען ער וואָלט זיך טאַקע באותו הרגע געפונען אין וועג.

און דאָס אַלץ דערציילן און איבערדערציילן האָט ער נישט אויפגע־הערט ביזן סוף פון לעבן. ס׳איז פאַר אים געווען הייליק ווי תפילה־טאָן, ווי תורה לערנען.

ברוך האַגער

צוויי זענען זיי נאָך דאָ פֿאַרבליבן פֿון אַ פֿאַרגאַנגענער צייט — די לעצטע צוויי. ער און אַ חבר זיינער אין די אייגענע יאָרן. אָבער ס׳איז דער אַנדערער געווען פֿון גאָר אַן אַנדער געבליי: שראל־אברהם, אַ הויכער, אַ צעוואַקסענער און מיט אַ צעבליט ברייט פּנים, אַ פֿאַרשפּרייטס מיט אַ געדיכטער גרויער באָרד, און קאָכנדיק אייביק פֿון אַן אינעווייניקסט גע־ברויז; מענדל — אַן איינגעשרומפּן, קליין ייִדל און מיט אַ דריבנעם שי־טערן שפּראָץ אויף דער דאַרער גאָמבע, אַ פֿאַרשלאָסענער און אַן איינגע־האַלטענער אין גאַנצן אויפֿן וואָרט. און מענדל איז דווקא אַ בטלן, מיידט אויס די גאַס, און איז דער ערשטער וואָס עפֿנט און דער לעצטער וואָס פֿאַרשליסט דאָס בית־מדרש.

ביידע זענען זיי דאָ אויסגעוואַקסן, אינאיינעם זיך געצייטיקט און גע־עלטערט, און פֿון נאָך זייערע חתונות אָן, לאַנגע יאָרן זיך גענערט פֿון דער אייגענער פּרנסה; זיי האָבן אינאיינעם געהאַט דאָס נאמנות אויף דער גאָראַלניע וואָס נישט ווייט פֿון דאַנען.

שראל־אברהמען האָט מיט דער צייט דאָס מזל צוגעשפּילט און ער האָט דערגרייכט. ער איז געוואָרן אַ בעל־הבית פֿאַר זיך און איז געוואַקסן. מענדלען האָט זיך נישט איינגעגעבן און ער איז געבליבן שטיין אויפֿן איי־גענעם אָרט און געהיט דאָס פֿרעמדע גוטס, אַלע יאָרן. ערשט אויף דער עלטער, האָבן די קינדער זיינע אַראָפּגענומען פֿון אים דעם עול און ער האָט געקאָנט זיך אויספֿילן די טעג לויט זיין פֿרומען באַגער.

צווישן די צוויי חברים איז פֿון כמה יאָרן קיין שלום נישטאָ.

שראל־אברהם האָט קריוודעס אויף מענדלען. ער טראָגט אים נאָך אַ האַרבן חטא: פֿון זינט דעם אַלטן רבינס פּטירה, איז מענדל פֿאַרפֿרעמדט פֿון ווישניצע. ער האָט אויפֿגעהערט פֿאָרן. מילא, ס׳מאַכט זיך, אַן אַלטער חסיד געפֿינט דעם וועג נישט צום יונגן רבין, בלאָנדזשעט ער אַ צייט, ביז ער זוכט אים אָפּ.

אָבער יענער איז דאָך אין גאַנצן אַראָפּ פון דרך! שראל־אברהם האָט דערשמעקט, אַז מענדל כאַפּט זיך אַמאָל, בין הזמנים, בגנבה אַוועק קיין סאַדעגערע.

דאָס איז דאָך פּריצות!

און שראל־אברהם שווייגט נישט: — ס׳הערט זיך אַ פרעמדער טעכּ־לער ריח פון אים, ער וועט פאַרדעמפּן, אַז מען וועט נישט קענען כאַפּן דעם אָטעם!

מענדל היט זיך אויס פון זיין אַמאָליקן חבר, אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך. אָבער באַהיטן! אַז זיי שטויסן זיך אַ מאָל צונויף, שראל־אברהם פאַלט אויף אים אָן ווי אַ האָגל:

— ס׳דאַדעגערטשיק, עסט געדענקען! עסט דיך נאָך בייגן אין דרייען! עסט נאָך לויפן אין די הוילע זאָקן קיין וויזשניצע!

מענדל ענטפערט נישט אָפּ, בלויז די פאַרשאָטנטע פייערלעך אין די בוימלדיקע אויגן זיינע גיבן זיך אַ צינד אָן, אַ שמייכעלע, אַ כיטרע, צע־שפּילט זיך אים אויף די טרוקענע, פאַרמעטענע באַקן, און ער אַנטלויפט — אַנטלויפט גלייך אין בית־המדרש אַריין.

◈

ס׳האָבן זיך אָנגערוקט אויף מענדלען חדשים פון גרויסן נסיון. זיינס אַן אייניקל, אַ בת־יחידה, ביי אירע עלטערן, וואָס דאָס ערשטע קינד האָט זיך ביי איר נישט געהאַלטן, איז ווידער פאַרגאַנגען אין טראָגן, און ס׳איז שראל־אברהם מלא גדולה:

— ער עט שוין נישט איינשטעלן, דער סאַדעגערטשיק, ער עט פאַלן כורעים!

מענדלען מאַטערן די געדאַנקען, און מיט יעדן טאָג וואָס פאַרגייט פאַלן אויף אים אָן אַלץ מער בייזע און פינצטערע שרעק. און אין שטוב שטייט מען צו אים צו, ער, דער ראש־המשפחה זאָל פאָרן פדיונען.

קיין וויזשניצע איז אים נישט ניחא. ער איז אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דאָרטן און אַ חוץ, שראל אברהמן אָנטאָן די ליב, בשום אופן נישט!

קיין סאַדעגערע ציט אים דאָס האַרץ. אַלע רמ״ח אברים יאָגן אים

אַהין. האָט ער אָבער מורא, די שעה זאָל נישט זיין... וועט ער עס דען קענען פאַרענטפערן? און די צייט טוט זיך אירס — לויפט.

שראל־אברהם קלינגט אויף גלעקער. ער הערט נישט אויף רעדן פון זיינע נסיעותן מיט מענדלען אינאיינעם צום אַלטן ז״ל.

וואָס פאַר אַ פאַרברענטער יענער איז עס אַמאָל געווען! באַזונדער צע־גיסט זיך שראל־אברהם אין התפעלות, וויפל מאָל ער זאָל נישט איבערחזרן די מעשה וואָס ס׳האָט געטראָפן מיט מענדלען אויפן ליעדעף:

זיי זענען אַמאָל, נאָך ראש־השנה, געפאָרן פון וויזשניצע צוריק אַהיים. מען פאָרט טריט ביי טריט. ס׳ציִען מחנות הונדערטער ייִדן, טאַנצנדיק אויף די וועגענער און אַרום די בוידן מיט צעוויגטן געזאַנג. און אַז מען האָט זיך נאָך אַ גאַנצן טאָג דערשלעפּט אויפן שפּיץ באַרג פון ליעדעף, ווו ס׳צעגייען זיך די וועגן און מען צעשיידט זיך ביזן אַנדערן צונויפטרעף און ס׳האָט דער עולם זיך ערשט רעכט צעוואָרעמט און צעפייערט, איבער־זאָגנדיק די הייליקע תפילות אויפן רבינס נוסח, האָט מענדל זיך פלוצים צעווײנט:

— ער וועט זיך נישט אומקערן היטן די בהמות, ער וועט זיך נישט אומקערן אין חול אַריין!

און ער האָט זיך געריסן: קריק און קריק! קוים מען האָט אים אָפּגע־האַלטן, קוים מען האָט אים געבראַכט צו זינען.

◈

די טעג דערנענטערן זיך, די שווערע שעה קען אָנקומען, אַ יעדע רגע, און ער ווייסט נאָך אַלץ נישט ביי וואָס ער האַלט. ער האָט נאָך אַלץ נישט ביי זיך געפּועלט וואָס פאַר אַ דרך צו נעמען:

סאַדעגערע... וויזשניצע...

זיצט ער אין אַ שפּעטן ביינאַכט, איינער אַליין, אין בית־מדרש, אי־בערן צעעפנטן ספר, צעבייסנדיק דעם שפּיץ פון דער פאַרלאָשענער, פאַר־קילטער פייקע, און שלינגט די ביטערע שפּייעכץ אַריין אין פאַרטריקנטן האַלדז:

ער וואָלט כאָטש געקאָנט איצט טרינקען לחיים מיט אַ ייִדן, הערן אַ

ברכה פון אַ ייִדיש מויל; נישט ער האָט אַ ביסל משקה, נישט ער האָט צו וועמען.

אויף דער מזרח־וואַנט בוקן זיך אַ פּאָר שאָטנדלעך פון צאַנקענדיקע ליכטלעך, וויינען איינציקווייז אויס די לעצטע חלבנע טרערן און פאַרגייען.

פון דעם טאָג אָן וואָס מען האָט אים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, שיינדעלע איז ווידער פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט זיך גענומען עפּעס וועקן ביי אים אין מוח, אַן איבערלעבעניש מיט יאָרן אַ סך צוריק, און וויפל ער איז עס אַלץ נישט מדחה, קומט עס אים אַלץ ווידער אויפן געדאַנק. אָבער ער צערייסט אַלץ דעם פאָדעם. ער לאָזט אים אין זיין דמיון זיך נישט אויסשפּינען.

היינטיקע נאַכט, פון זינט ער איז דאָ פאַרבליבן זיצן איינער אַליין, קאָן ער עס מער נישט מבטל זיין. עס שטייט אים פאַר די אויגן ווי אַ צעוויקלטע יריעה און מיט ברענענדיקע אותיות:

אין אַ ווינטערדיקן דאָנערשטיק, שפּעט ביינאַכט, בעת ער און שראל־אברהם האָבן געהאַט דאָס נאמנות אויף דער גאָראַלניע, איז דער שאָפער פון גוט, אַ טויט־דערשראָקנער, צו זיי אַריין מיט אַ געשריי: אין שטאַל איז אַן אומגליק. צוויי אָקסן זענען פּלוצים אַוועקגעפאַלן און די סכנה איז גרויס, דאָס חלאת זאָל די איבעריקע הונדערט אָקסן נישט אָנצינדן.

זענען זיי ביידע, ער און שראל־אברהם, אַוועק צום בעל־הבית, אויפ־געוועקט אים פון שלאָף און איבערגעגעבן די שלעכטע בשורה. האָט ער אויף דער רגע באַפוילן צו שפּאַנען פייערדיקע פערד אין זאַלובעק אַריין, און זיי זענען זאַלבעדריט אַוועק קיין וויזשניצע.

אין דרויסן איז חושך. די זאַווערוכע פייטשט מיט בייסיקן פראָסט, וואַרפט מיט שנייערנע בערג און דרייט די ערד ווי אויף רעדער.

ס'איז ערב שבת און צו פאָרן איז אַ מהלך — אַן ערך פון פופצן מיילן. יאָגט מען די פערד אָן רחמנות, אויף אומקומעניש.

און זיי האָבן אָנגעצויגן מיט דער נאַכט גלייך, קוים וואָס זיי האָבן נאָך צייט געהאַט אין די בגדי־שבת זיך צו פאַרבייטן און צו לויפן אין הויף אַריין.

ב ר ו ך ה אָ ג ע ר

שוין פון דער ווייטנס טראָגט זיך אַ געברום ווי פון איבערפלייצנדיקע כוואַליעס:

דער רבי זאָגט — הודו — און צעעפּנט די הימלען.

און נאָר זיי באַווייזן זיך אויף דער טיר פון בית־מדרש, שוועבט ער, איבער דעם ענג־געפּאַקטן עולם, צו זיי צו, טוט אַ פּאַטש מיט די הענט ווי מיט פליגל, און ציילט אויף זיין דבקותדיקן נוסח סקלאַדנע פּאַר זיי אויס די ווערטער:

— ובהמתם (אוי) לא ימעיט...

מענדלען האָט אַ ציטער געטאָן, אַ גרויל איז אים איבערגעלאָפן דאָס לייב, און ער האָט זיך אַ ריס געגעבן פון דער באַנק און איז אַנטלאָפן: ער איז אַנטלאָפן גלייך צו שראל־אברהמען.

דער בן-יחיד

א.

בלייערנע שטיקער וואָלקנס הענגען איבער די דעכער און גיסן די לעצטע פאַרגליווערטע טראָפּנס רעגן פון זיך אויס. דער טשערמוש זידט — ס׳קאָכט דער גהינום — און פאַרציטערט מיט צאָרנדיקן געברום ווי דאָס געהייל פון לייבן.

די כוואַליעס וואָס זענען פון הימל געפאַלן אַ גאַנצע וואָך האָבן דעם איינגעענגטן אייביקן צעכעסטן טייך איבערגעלאָדן און צעשפּרייט ווי אַ ים.

אַ העלפט פון וויזשניצע שווימט אין אַ מבול:

שטיבער, בהמות און צעבראָכן הויזוואַרג טרינקען זיך; און אויף לידקעס און צעריסענע ספּלאַוועס מאַטערן זיך מענטשן — קליין און גרויס, מיט אַלע כוחות גובר צו זיין דעם צעזאָטענעם תהום און צו ראַטעווען זיך צום ברעג.

מחנות צעווילדעוועטע ברואים טומלען זיך איבער די גאַסן, אַרויף צום רבישן הויף.

ב.

אין דער פּראַווע־שטוב, ביים גרויסן טיש, צו דער זייט פון פאָטערס פאַריתומטער שטול, זיצט ר׳ ברוכל, דעם הויכן, צאַרט־געפאַלדעוועטן שטערן אָנגעלענט אויף דער האַנט, און גריבלט זיך אין קווײטלעך־בקשות וואָס פון פאַר זיין פאָטערס פּטירה. און פון זיין לאַנגן פלאַמענדיקן באַר־שטין קייקלען זיך דיקע שלאַנגען אַרום די אומעטיקע ווענט און וויקלען אים אין גרויע שווימענדיקע כמאַרעס.

ר׳ ברוכלס מחשבות ציליען זיך ווי פעדים פאַרפּלאָנטערטע און צע־ריסענע:

דער מנהיג מוז קודם־כל זיין אַ בעל־כוח — אַ גבר!

דער מנהיג מוז אין זיך כולל זיין אַלע מדרגות פון דור — שלעכטס און גוטס. און דאָס גוטע באַדאַרף ער דערהייבן צו די הייכן, און דאָס שלעכטע מוז ער אויסברענען און צעבלאָזן עס מיטן ווינט...

ווו נעמט מען אַזויפיל גבורה, אַזויפיל אכזריות אין זיך, צו קע־נען איבערטראָגן יידישן צער...

ער קאָן עס נישט צוזען, ער קאָן עס נישט... עס נעמט אים דאָס חיות צו...

שרעק און זאָרג — אָן אַ גבול זאָרג! — וואַרפן זיך אָן און פאַרפולן די טעג... און די נעכט ווערן פון יללות צעריסן... שבת און יום־טוב איז אויך קיין אָפּהאַלט נישט...

דער פאָטער זכרונו לברכה...

עס איז דען נאָך פאַראַן אַ גלייכן צו אים — אַ גבר אלים אַזאַ...

ער האָט געקאָנט טראָגן ווי אַ מויער און איינזאַפּן אין זיך טרערן — פאַרגאָסענע ביטערע טרערן — אַ טשערמוש.

דער פאָטער האָט מיט זיך די שפע אויך פאַרנומען.

שוין שבת־צונאַכט, בעת מען האָט אים צו קבורה געטראָגן, איז דער מבול געקומען.

ג.

ר׳ ברוכל איז געווען אַן בן־יחיד און דער פאָטער האָט געהיט, ס׳זאָל אַ קאַלט ווינטעלע אויף אים נישט קיין בלאָז טאָן.

בעתן פּראָווען האָט אים ר׳ מענדעלע פאַרזאָגט — און מיטן האַרבן וואָרט — צו געפינען זיך אין זיין אַרום.

ער האָט אויסגעהיט דעם בן־יחיד זיינעם, עס זאָלן פרעמדע גשמיות־דיקע דאגות אַפילו דעם זוים אים נישט אָנרירן.

— דער עסק איז נישט פאַר זיינע השגות. זיין נפש — רזין דרזין — פאַרטראָגט נישט דעם וואָכעדיקן ענין. ער איז פאַר עפּעס אַנדערש אָנ־געגרייט.

איבער הונדערט יאָר וועט מען ביי אים דאַרפן גיין אין גאָר אַן אַנדער חדר...

ד.

חסידים, אָרטיקע און פרעמדע, פאַרבליבענע נאָך פון דער לוויה, לויפן אַ גאַנצע וואָך, בעטן, חלשן, ער זאָל זייערע בקשות צונעמען.

מען לאָזט זיי איבער זיין שוועל נישט אַריבער. וואָס וועט עס פועלן? אַז ער איז גאָר אין גאַנצן ניט אויף דער וועלט!

בערל, דער עלצטער מקורב וואָס האָט נאָך געדינט ביי זיין זיידן, ר׳ חיים קאָסאָווער, קאָן אויך גאָרנישט אויפטאָן: אַלע טענות און רייד וואָס ער האָט שוין נישט געפּרוט אויסברענגען שלאָגן בלויז אָן אין די ווענט. צו אים דערגייען זיי נישט!

ער זיצט די גאַנצע צייט צו דער זייט פון פאָטערס שטול, אַ פאַר־טראַגענער און פון רויכעס אַ פאַרנעפּלטער. און נישט ער הערט, נישט ער זעט וואָס אַרום אים רודערט זיך. די צורה זיינע ווייסלט זיך, און ער נייט איין פון טאָג צו טאָג.

ה.

הויך האָט זיך דאָס ליכט דערהויבן, נאָר אַז עס האָט די שיין גע־נומען זיך ברייט צעשפּרייטן, איז עס פּלוצים פאַרלאָשן געוואָרן.

ר׳ מענדעלעס הסתלקות איז געקומען אומגעריכט. און דער בן־יחיד, נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, ווען דער פאָטער האָט דאָס גאַנצע לעבן אויס־געהיט פון פרעמדער גשמיותדיקער זאָרג, האָט דעם שעבוד, צו חסידים, וואָס אַ רבי באַדאַרף אויף זיך נעמען נישט געוואָלט דערלאָזן אויפן געדאַנק.

ו.

ר׳ ברוכל איז מלא פנימיות. דער קאָך איז ביי אים אַן אינעווייניקס־טער. די פאַרע שלאָגט נישט אַרויס. און די אהבה צו גאָט און צו מענטשן איז אַ טיף פאַרבאָרגענע, אַ פאַרגראָבענע.

התעוררות איז דער יסוד עולמות!

מער פון דער מצווה אַליין, איז דער ברען מקיים צו זיין די מצווה: די הכנות צו בענטשן אתרוג און די נענועים זענען פאַר אים שווערער ווי די גאַנצע עבודה פון די ימים נוראים.

דער ערב שטייט ביי אים העכער פונעם יום־טוב — העכער.

און דאָ שטייט ער מיט זיין אינעווייניקסטער, פאַרשלאָסענער וועלט אַליין — פרעמד דעם גאַנצן עולם.

חסידים ווילן מעשים — קלינגענדיקע מעשים.

ז.

ס'זשומעט, ס'רעשט!

אַ געלאַף איבערן הויף און קולות יאָגן זיך, ווילד צעלאָזטע.

בערל, איבערגעראַשט און פאַרביטן נעמט לויפן, און מיט בייז געברום, איבער דער שטוב. די אויגן זיינע יאָגן שטעכיק צווישן די ווינעס, די נאָז, אויסגעצויגן ווי אַ שווערד, איז קאַלך־ווייס און דאָס בערדל, שוואַרצע און ווייסע פעדים פאַרמישטע, פאַרשפּיצט זיך אַרויף.

ער לויפט ווי אין קאַראַהאָד, ווי ווען מען וויל עפּעס כאַפּן און ס'פאַר־שווינדט פון אונטער די הענט, ביז פּלוצים ער האָט זיך לעבן אים אַ שטעל אָפּ געגעבן און האָט מיט די פויסטן גענומען זעצן אין טיש אַריין:

— רבי! איר שווייגט?

— ייִדן זענען אין אַזאַ צרה און אייך באַנעמט עס נישט? ס'אַרט אייך גאָרנישט? מיר וועלן עס דען דערלאָזן?

און בערלס כעס צעזידט זיך ביז צו דער העכסטער היץ און ער צעשרייט זיך משונה אויפן קול:

— אַראָפּ פון הימל! בייגט דעם הימל צו דער ערד!

ר' ברוכל האָט זיך פון שרעק אויף זיין זיץ אַ זייטל געטאָן און עס האָבן די פּייכטע סאַמעטענע אויגן זיינע פון צווישן די רויך־וואָלקנס אַ בלענד געגעבן.

ח.

די קולות גייען אַלץ העכער, עזותדיקער און טראָגן אונטער דאָס גאַנצע הויז. און אויף אַ מאָל זענען די טירן אויפגעריסן און מענטשן אַ שטראָם כוואַליעט אַריין צו אים.

ט.

יידן רייסן זיך ביי באָרד און פּיאות און זייער קלאָג, זייער געוויין שלאָגן זיך ווי דונערן אין דער לופטן צונויף:

— נאָר וואָס דער הייליקער פּאָטער אייערער — זכרונו לברכה — האָט אונדז פאַרלאָזט — ס׳האָבן נאָך אַפילו נישט פאַרשטילט זיינע טריט — און שוין אַזאַ אומגליק, אַזאַ חשכות איבער אונדז...

ר׳ ברוכל האָט זיך אַ שטעל אויף געגעבן און איז געשטאַנען געבוקט, ווי אַ שולדיקער וואָס דאַרף פאַרענטפערן זיין חטא.

די שמאָלע, געזיידנטע הענט זיינע האַלט ער אין גראָבן גאַרטל פאַר־קלעמט און דאָס פּנים, מיט אויגן פאַרשלאָסענע, ברענט ביי אים פלאַם פייער.

ס׳איז שטיל, עפּעס ווי אָפּגעשטעלט האָט זיך די צייט. און עס ברעכט זיך, פון קיין שום מענטשן נישט, אַ דעך דורך דער ברוסט. נאָר דער זייגער אויף דער וואַנט איז דרייסט. די אויסגעמאָסטענע, גלייכע קלעפּ פון זיין אומרו טראָגן זיך הויך, ווי אַ וואָרענונג און ווי אַן אָנזאָג.

שטיל, צאַפּלדיק פאַרנעמט זיך ר׳ ברוכל אויף זיין ווייך בראָדעריש קול:

— רבותי,

צו מיינע זיידעס זענען יידן געפאָרן נאָך רוחניות, געקומען דערפילן דעם תענוג פון שבת שבתון און האָבן געפונען ביידע וועלטן. דאָס טע־לערל פון הימל האָט מען דורך זיי געקאָנט דערלאַנגען... מיט דער האַנט דערלאַנגען...

ביים טאַטן — זכרונו לברכה — איז שוין געווען עפּעס אַנדערש... די השגות זענען שוין געווען געפּאַלענע, האָט ער אָבער מיט איין קאַפּיטל תהילים געקענט אויפרייסן די שערי־רחמים און מיט זיינע תפילות צע־ברעכן די הימלען.

— איך — איך קאָן אויף זיין וועג נישט גיין... און יידישע צרות, יידישע זאָרג וואַרפן מיך פון די פיס...

כ׳האָב קיין כוח נישט...

בערל האָט אַ טאַנץ אונטער געגעבן און האָט די צעשפּרייטע הענט זיינע פון זיך אַ וואָרף געטאָן:

ב ר ו ך ה אַ ג ע ר

— ייִדן, לאָזט אייך נישט! וואָס שווייגט איר?

— רננו צדיקים, רננו!

ווי פון אַ שטורעם האָט עס מיטן עולם אַ רודער געטאָן און אַ געזאַנג, אַ צעברעכטער, האָט זיך דערהויבן און געוויגט די ווענט.

און ס׳האָבן הענט זיך געפלאָכטן אין אַ גרויסער שטאַרקער קייט. און ס׳איז ר׳ ברוכל פלוצים געזעסן אויף דער כסא פון זיינע אבות אבותיו, אַ פאַרלוירענער, אַ צעבראָכענער, ווי אַ פאַרמשפטער צו גרויס שטראָף.

דער נסתר

א.

סאַראַ גאָטס רחמנות אויף דעם טאָמאַשפּאָלער ייִדן! ס'איז נישט צוצוזען דעם מענטשנס צער!

חדשים צייט, טאָג־איין, טאָג־אויס, בלאָנדזשעט ער אויף די עולם־התוהודיקע גאַסן אין מאָסקווע אַרום, פּרעגנדיק זיך אויף דעם ניקאָלייעווס־קער סאָלדאַט, בן־ציון, און קען זיך גאָר נישט דערוויסן.

קיינער געדענקט נישט, קיינער ווייסט נישט פון אַזאַ בריאה!

דאָס ביסל צערונג טאַפּעט זיך ביי אים אויס. אויף קיין אכסניה קלעקט שוין נישט. לעבט ער פון קאַרגע אומזיסטיקע מאָלצייטן און וואַל־גערט זיך אין בתי־מדרשים און אין הקדשן אַרום.

דער טאָמאַשפּאָלער ייִד דאַרף דאָ שטיין פאַר אַ משפּט וואָס שמעקט מיט קאַטאָרגע און די ישועה באַלאַנגט אין ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט.

צוליב זיין אייגענעם ענין וואָלט ער זיך שוין אָפּגעזאָגט. ס'איז אים שוין אַלץ איינס. ער קאָן זיך שוין אַזוי פיל נישט אַרומבלאָנקען. די כוחות שטייען פון אים אָפּ. איז אים אָבער דער ווייטיק אין צווייען:

ראשית האָט ער אַ שליחות פונעם רבין, און אַ חוץ דעם: אָן אַ שום טעם, אָן אַ שום זאַך גאַרט ער מסוכן צו זען דעם וווּנדערלעכן מענטשן בחוש — פּנים־אל־פּנים.

אַז ר' ישראלטשע רוזשינער שיקט איבער פּדיונות צו אים, איז דאָך דאָס נישט סתם!

דער רוזשינער האָט דעם בעל־דין אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן. ווי נאָר ער האָט זיך פאַר אים באַוויזן אויף דער טיר, האָט ר' ישראלטשע שוין דערלאַנגט אים אין אַ פאַרשנורעוועט בייטעלע ח"י רענדלעך און אָפּגעזעגנט מיט אָט דעם רמז:

— אין מאָסקווע האָבן מיר קיין רשות נישט. בן־ציון, דער ניקאָ־

ברוך האָגער

לייעווסקער סאָלדאַט, איז דאָרט דער גאַנצער בעל־הבית. זוך אים דאָרט אַרויס, פון אונטער דער ערד, און גיב אים איבער דעם חוב.

— אין דעם זכות וועסטו געהאָלפן ווערן!

איז עס דאָך אַ דבר ברור, אַז ער מוז אים געפינען!

שטאַרקט זיך דער טאָמאַשפּאָלער מיט דעם בטחון אַלץ אויף סניי און שטייט נישט אָפּ צו וואַלגערן זיך איבער די גאַסן, טאָג־איין, טאָג־אויס, אַרויסקוקנדיק אויף דער באַגעגעניש.

ב.

טרעפט זיך אין אַ נאַכט, דער טאָמאַשפּאָלער האָט אין זיין מקום־מקלט קיין אָרט נישט געפונען זיינע פאַרמאַטערטע אברים אויסצושטרעקן, און בלייבט זיצנדיק אַנטדרימלט אויף אַ באַנק.

נעמט נישט לאַנג, ער ווערט פון אַ באַריר אויפגעציטערט. און אַז ער רייסט דערשראָקן אויף די אויגן, דערזעט ער פאַר זיך אַן אַלטן ייִדן מיט אַ ליכטיק לויטערן שמייכל אויפן פּנים.

אַזאַ צורה האָט דער טאָמאַשפּאָלער פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער מעסט דאָ איבער די שטאָט נישט באַגעגנט.

— שלום עליכם — עליכם שלום!

סע פאַרטשעפּעט זיך אַ וואָרט מיט אַ וואָרט און סע צעוויקלט זיך אַ שמועס.

דער ייִד איז נישט אַנדערש, נאָר אַ שליח פונעם הימל אַליין!

ג.

ער ווייסט פון דעם סאָלדאַט און געדענקט פון אַלטע צייטן, ווי יענער האָט עס דעמאָלט מיט זיך געקאָכט און געקערט אַ וועלט:

אין ניקאָלייס צייטן, אַז בן־ציון איז אַהערצו קיין מאָסקווע אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ זעלנער, האָט זיך ביי זיין פּאָלק, פון ערשטן טאָג אָן, געטאָן מיט אים מעשים.

פונעם קלענסטן ביזן גרעסן איז מיט אים אויף: זיינע פירעכצער גייען אַרויס פונעם גבול; וואָס פאַרן קיסר איז פאַרן קיסר און וואָס צו גאָט איז צו גאָט.

אַ יעדן טאָג, אַז סע קומט דער זמן־תפילה איז בן־ציון אויס סאָלדאַט. סע מעג זיך טאָן וואָס איז ניט איז.

אַפילו אין סאַמע געהויבנסטן מושטיר שטעלט ער, נישט אַנפרעגנדיק זיך ביי קיינעם, אַוועק די ביקס אין אַ זייט און גייט זיך דאַווענען.

אַ מורד במלכות איז מען מכבד מיט שמיץ. העלפט נישט. איז מען דעם אַנדערן טאָג מוסיף. נעמט ער אָן באהבה. און אַזוי אַלע טאָג.

עצברענט זיך די רציחה און דער גויִשער נצחון ביי זיינע עלצטע און מען נעמט שניידן פון אים פאַסן. אַ פּשוטער בשר־ודם וואָלט דאָס גאָר נישט איבערגעטראָגן. און מען שמייסט אין מען שמייסט. ער אָבער בייגט זיך נישט.

האָט די מעשה זיך צעטראָגן איבער גאַנץ מאָסקווע און איז דער־גאַנגען אַזש צו ניקאָלייען אַליין.

ניקאָליי כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ: אַ זשיד זאָל אַזוינס בכוח זיין!

ער באַפעלט אַ צאַרסקע מאַנעווער: ער וויל זיך דאָס יידל אָנקוקן אַליין, מיט זיינע אויגן.

ד.

זענען זיך ביי דעם מאַנעווער צונויפגעקומען אַלע גענעראַלן און אַלע מיניסטאָרן, די גאַנצע שררה פון גאַנץ ראַסיי.

צענער טויזנטער סאָלדאַטן צו־פוס און אויף פערד מושטירן, פון האַלבער נאַכט אָן, און ניקאָליי אַליין, מיט דער גילדענער שווערד אין דער האַנט, קאָמאַנדעוועט.

נאָר כאור, אַז ס'האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, דערזעט זיך, ווי אַ סאָלדאַטל, אַ קליינטשיקס, אַ צעבויגנס, טרעט אַרויס פון די רייען, פון זיין גליד, דערנענטערט זיך ביז צום קיסר, און צעשרייט זיך אויפן ניקאָלייעווסקער סאָלדאַטישן שטייגער:

— צאַר, ביז צו דער מינוט האָב איך דיר געדינט! און איצט מוז איך גיין דינען אַ העכערן, ווועמען דו אַליין מוזט אויך דינען!

אַ ציטערניש איז דעם טאָמאַשפּאָלער דורך אַלע אברים אַדורך. ער

האָט שוין נישט געפרעגט ווו ער זאָל אים זוכן, נישט געזען ווי דער אַל־טער איז פאַר זיינע אויגן פאַרשווונדן, און אויפרייסנדיק זיך ווי אַ ווינט, מיט באַנייטע כוחות, איז ער אַנטלאָפן אויסגעפינען דעם אויסטערלישן סאָלדאַט.

ה.

אויף אַ האַרטער פריזבע איז געלעגן אויסגעצויגן ווי אַ בר־מינן אַן אַלטיטשקער, די אויגן פאַרזשמורעט, מיט זייער אַ בייז, זייער אַ פאַרכמו־רעט פּנים. און אַז דער בעל־דין האָט זיך מיט אונטערגעהאַקטע, דערשראָ־קענע טריט צו אים דערנענטערט און אַ צעהושטער אַ שעפּטשע געטאָן:

— רבי!

האָט דער ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט מיטן גאַנצן לייב זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי איינער וואָס ווערט פון אַ טיפן דמיון אַרויסגעבראַכט, און זיך צעכעסט מיט קולות אויף רוסיש:

— טשטאָ רבי? ק׳טשאָרטו! סטופּיי! כ׳וועל ברעכן אין דרייען!

און אַראָפּשפּרינגענדיק פונעם געלעגער, געכאַפּט טאַקע אַ שטעקן אין די הענט און זיך אַ לאָז געגעבן...

דער טאָמאַשפּאָלער האָט קוים נאָך צייט געהאַט דעם רבינס פּדיון פאַר אים אַ שליידער צו טאָן און איז אַוועק, אַ צעטרייסלטער, אַ פאַר־גאַפטער ווי פאַר אַ בייז וווּנדער.

דער חקרן

דעם אַלטן ר׳ יאָסיעס פּנים איז געווען אַ געלייטערט שטיק זילבער און די מילכווייסע באָרד זיינע ביז צום גאַרטל — אַ גרויסער געדיכטער וואַלד.

אויף דערויף וואָס מענטשן גיבן אַוועק כּוח און מוח: פּרנסה, אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט ער קיין זאָרג נישט געהאַט. דער באַשעפער פאַרזעט נישט אַ ווערעמל אונטער דער ערד, אַ פייגעלע אויפן בוים.

די וועלט איז זיין היים, דער בטחון זיין באַשיצער.

◈

ר׳ יאָסיע וואַנדערט פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער, פאַרשנדיק אירע וווּנדערלעכע ווערק, און ווערט נישט מיד גרונטעווען אין די טיפע־נישן צו דערוויסן זיך דעם תכלית פון דעם אַלעמען — דערגיין אים ביזן קץ.

מער אָבער ער גריבלט זיך, און וויפל ס׳דאַכט זיך אים נישט אויס, אַז די פאַרבאָרגענישן פון מעשי־טבע אַנטפּלעקן זיך אים, מער בלאָנדזשעט ער אין בלינדזשעניש. ברענגט אים דאָס שוין גאָר פון דער רו! און ער הערט נישט אויף ווי אַן עכברוש בויערן אין די אָפּגרונטן. פאַרשיטן זיך אָבער די אויסהוילעכנישן מיט דעם אייגענעם אַרויסגעוואָרפענעם ליים.

◈

איז ר׳ יאָסיע, גייענדיק אויף זיינע וועגן, פאַרפאַלן געוואָרן אַמאָל אין אַ וואַלד. דער וואַלד איז גרויס און ווילד, און ס׳איז קיין וועג און קיין עק נישט צו זען. בייטאָג בושעווען גזלנים אַרום — ביינאַכט מוראַדיקע בייזע חיות. וואָס זשע פאַרא עצה טוט מען זיך? האָט ער, דער אַלטער, צווישן סכנה און געזוכט און געלאָקערט ווי אַזוי מיטן לעבן צו

אַנטרינען, און אַז ס׳האָט זיך אים נישט איינגעגעבן און ער האָט קיין שום ברירה נישט געהאַט, איז ער אויף אַ הויכן בוים אַרויפגעקלעטערט, אַ באַוואַקסענעם מיט געדיכטע גרויסע בלעטער, און האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ הילף. דער בטחון האָט אים נישט פאַרלאָזט.

◈

זענען פאַרגאַנגען טעג און טעג און קיין הילף איז נישט געקומען. דאָס ביסל צערונג וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעהאַט לאָזט זיך אויס און די כוחות נעמען זיך מינערן.

און אויף וויפל עס שטאַרקט זיך דער הונגער און ס׳גייען אָפּ די כוחות, וואַקסט אַלץ די שרעק פאַר די ווילדעגישן און רציחות פון חיה און מענטש. און ס׳דערציט דער טאָג קוים צו דער נאַכט און די נאַכט וויל זיך פון דער פינצטערניש נישט אויסהילן.

דערזעט ער, ר׳ יאָסיע, אין אַ בין־השמשות, פלוצים אַ שיין און ווערט צעטומלט ביז גאָר. וואָרעם ער ווייסט דאָך נישט, צי באַטייט דאָס זיין הילף צי גאָר זיין פאַרדאַרב? נאָר צו פאַרלירן האָט ער דאָך שוין סיי ווי נישט וואָס. ס׳איז הפקר זיין וועלט! און אויב ער שטעלט נישט איין, וועט אים באַלד אויסקומען פון הונגער אויסצוגיין.

און אַז ס׳איז די שיין נישט פאַרגאַנגען און ס׳האָט די נאַכטיקייט זיך טיף פאַרשפרייט, איז ר׳ יאָסיע מיט גרויס מאַטערניש פון בוים אַראָפּ־געקראָכן און גענומען זיך פרווון אין וועג.

אויף אַלע פיר, צווישן דערנער און בריִענדיקע גרעזער, האָט ער זיך געטאַפּט נאָך דער שיין און האָט זיך ביים ערשטן מאָרגנשפּראָץ דער־שלעפּט צו אַן איינציק שטיבל וואָס ביים ברעג פון וואַלד. אָבער ס׳איז זיין לעבן געווען ביי אַלע לעצט.

◈

האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ האָוועניש, אַ גערודער. די בעלי־בתים, כשר׳ע ייִדישע הערצער, יאָגן, רייסן זיך איינס פאַרן אַנדערן דעם פאַר־חלשטן צו דערקוויקן דאָס חיות. ס׳איז אָבער בלויז געטומלט. עפּעס גאָר־נישט איז זיי צו די הענט, גאָרנישט איז נישט אויף זיין אָרט.

דער אורח פּאַכעט מיט דער נשמה און אין מויל אַריין באַקומט ער נישט ווי נאָר גוטע זיסע רייד: אַ רגע... טאַקע שוין... אַט אַט... די סעודה איז גרייט, אַ טייערע גוטע סעודה, אָבער...

און ווידער שיטן זיך רייד — ווי אין אַ מיל ליידיקע שטרוי.

די בעל־הביתטע קען דאָס איינציקע טישטעך נישט אָפּזוכן. דער בעל־הבית שאַרפט און שאַרפט דאָס פאַרזשאַווערטע שטומפּיקע מעסער אויפן שטיין וואָס פאַר דער טיר און הערט נישט אויף. קיין הרודקעלע זאַלץ אויף דער המוציא איז אויך נישט פאַראַנען. אפשר אויפן בוידעם צווישן פּסחדיקן געפעס. און צום סאַמע שפּיץ איז דאָס וואַסער צו וואַשן זיך די הענט אויסגעגאַנגען. און די קערנעצע — אַ תחום שבת פון דער שטוב. פאַרגייט מיט די שאַפּעכצער דער האַלבער טאָג.

און אַז ס׳האָט דער אורח דערצויגן דעם דעך צו דעם געגרייטן טיש, איז די גאַנצע סעודה נישט מער געווען ווי אַ פּיסנע שטיק ברויט מיט זאַלץ.

◈

צו וואָס זשע האָט וועגן אַ פּיסנע שטיק ברויט מיט זאַלץ דער רעש, דער גאַנצער געפּילדער געטויגט? ווי נעמט זיך אַזוי פיל אכזריותדיקייט צו פאַרזאַמען אַזוי פיל צייט, בעת ביי אַ מענטש הענגט דאָס לעבן אויף אַ האָר? האָט זיך אָבער ר׳ יאָסיע דערנאָך דערוווּסט, אַז דווקא דאָס איז געווען דער חסד:

בשעת ער האָט צו דעם אָרעמען שטיבל דערצויגן, האָט זיך דאָרט קיין ברעקל עסן נישט געפונען, וויפל אַ מויז צו זעטיקן. קיין געלט האָבן די בעל־הבתים אויך נישט פאַרמאָגט, קוים אַ חפץ אויף אַ ברויט צו פאַרמשכונען. און נאָך דעם ברויט האָט מען ערשט געדאַרפט שיקן אין אַן אַנדערן ישוב, אַ מהלך ווייט.

◈

האָט דער אַלטער ר׳ יאָסיע געדרונגען דערפון די ראיה, אַז דאָס וואָס דער מענטש קען דעם קץ נישט דערגיין און ווייסט נישט ביים אָנהויב דעם סוף, איז די חכמה, דער גרויסער גענאָד.

אויספלאָנטערן באַדאַרף מען זיך אויף דער וועלט ווי אַ פאָדעם פונעם קנויל.

דער וועג

ס׳האָט פאַרצייטנס זיך צעטראָגן דער שם פון ר׳ וועלוועלע טשער־נאָסטערער איבער דער גאַנצער חסידישער וועלט און האָט אָנגעשלאָגן, אַזש ביזן ווייט פאַרלעגענעם גאַליצישן שטעטל — קאָסאָוו.

ס׳קלינגט מיט זיינע מעשים און מיט וווּנדער וואָס ער טוט. און ר׳ מענדעלע, אַ יונגערמאַן, אַ בית־מדרשניק, האָט זיך דערפון אַזוי אָנגענומען, אַז ס׳האָט אים פאַרכאַפּט אַ גרויס בענקשאַפט זיך צו באַקענען מיט דעם צדיק.

קאָסאָוו איז ווייט, הונדערטער מיילן פון טשערנאָסטערע, און אַזאַ נסיעה איז געווען, לאַנגסטיקע יאָרן, מיט סכנות נפשות.

די משפחה ר׳ מענדעלעס איז מיט זיין באַגער נישט מסכים. זי האָט מורא, ער זאָל זיך לאָזן אויף אַזאַ וויטן, נישט זיכערן וועג פון דער היים. דער עיקר דער שווער, וואָס דער איידעם איז אים טייערער ווי די אויגן אין קאָפּ. וויפל האָט ער זיך נישט אויסגעליטן, וויפל איז ער נישט אָפּגעקומען, ביז ער האָט דערלעבט צו זען פאַרקנסט זיין טאָכטער מיט ר׳ מענדעלען.

ר׳ קאָפּל חסיד, דער מחותן, האָט זיך מיט אים נישט געוואָלט משדך זיין, ווי לאַנג ער האָט נישט איינגעוויליקט אָפּצוגעבן דעם גרעסטן חלק פון זיין גאַנץ פאַרמעג.

צוויי זעק רענדלעך האָט ער זיך געהייסן אָפּמעסטן. און נישט אויף אַ תכלית, חלילה! נישט פאַרן גוטס פון די קינדער.

— פאַראַן בילכערס פון זיי — מיינע קינדער דאַרף איך נישט פאַר־זאָרגן.

— זכותו יגן עלינו!

בעת מען האָט געפּילט די זעק מיט רענדלעך, איז ר׳ קאָפּל געשטאַנען, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אַרויף, און האָט געשעפּטשעט מיט די ליפּן:

ברוך האַגער

— לגבוה, לגבוה!

און ס׳האָבן קיין געבעט און קיין טענות נישט געהאָלפֿן, ר׳ מענדעלען האָט מען נישט געקאָנט אָפּהאַלטן, און ער האָט געטאָן זיין רצון און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

◈

אַז ס׳איז ר׳ מענדעלע אָפּגעגאַנגען טעג אין ווילדן וועג, יאָגט אים אָן אַ ייִדישער גביר, אויף אַ טייערער קאַלעס, מיט ברענענדיקע פערד, און שטעלט זיך אָפּ:

— וווהין איז אייער וועג, יונגערמאַן?

— ער גייט קיין טשערנאָסטערע.

— אַ מזל פון אַ ייִדן! ס׳איז דאָך אויך מיין וועג. כאַפּט זשעט אייך אַרויף, זייט מוחל, וועלן מיר פאָרן אינאיינעם.

צוריק וועט ער אים אויך מיטנעמען. ער האָט דאָרט שטענדיק צו טאָן, אין זיינע מסחרים, און פאָרט הין און קריק.

ניין, ער פאָרט נישט, ר׳ מענדעלע, ער האָט זיך פֿירגענומען צו גיין צו פוס, צום רבין.

דער גביר קוקט אויף אים מיט ביטול און גיט אַ ווונק, צו טרייבן וויטער.

◈

ר׳ מענדעלע טראַכט:

אַ ייִד פאָרט כסדר קיין טשערנאָסטערע און נישט צום רבין, בלויז גשמיות, מסחרים ליגן אים אין זינען.

און זיין תיקון?

דער גביר איז אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג און ער הייסט איינהאַלטן און צוּוואַרטן. ס׳לאָזט אים נישט איינרוען, נישט איינזיצן אויפן ווייכן פליור־שענעם געבעט:

וואָס איז עס פאַר אַ פאַרשוין?

דאָס בינטל אויף דער פּלייצע ברעכט אים איין און ער וויל נישט פאָרן, און נאָר גיין צופוס.

אפשר האָט דער יונגער מאַן אויף אים פאַראיבל וואָס ער האָט אים נישט געפרעגט, צי ס׳פעלט אים נישט צדה לדרך? איז ער דאָך זייער גע־רעכט.

און ס׳איז ר׳ מענדעלע דערוויל אונטערגעקומען און עס הייבט אָן דער גביר זיינע רייד אויף סניי:

— געגוג שוין אָפּגעגנאַגען. פאָלגט אַן עלטערן, זעצט אייך אויף און איך וועל אייך אויסהאַלטן מיט אַלע הצטרכותן, אויף דער גאַנצער נסיעה.

— ס׳גייט אים גאָרנישט אָפּ.

— חס ושלום!

ער וויל עולה־רגל זיין, און נישט אַנדערש.

משוגע ביז גאָר, א פשוט משוגעת פון אַ מענטש. אומזיסט און אומ־נישט זיך איינעקשענען, אָפּצומאַטערן דעם גוף אַ מהלך פון וואָכן צו פוס.

— אסור לרחם!

און מיט פאַרדראָס הייסט ער יאָגן וואָס גיכער, וואָס ווייטער.

◈

ר׳ מענדעלעס געדאַנק:

אַ תקיף איז ער ביי זיך, דער גביר. ער גלויבט אין זיין עשירות. וואָס איז עס פאַר אַ פאַרזיכערונג אַזאַ?

און אַז מען פאַלט אַראָפּ, וואָס האָט ער זיך אָנגעגרייט?

◈

דעם גביר גייט דער יונגערמאַן פון זינען נישט אַרויס: אַ פאַרחלומט הימליש פנים, מיט אַ קול אַ נעימותדיקס אַזאַ, פון אַן אַנדערער וועלט, אַז ס׳נעמט אַדורך די נשמה.

אַ ייִד גייט צו־פוס צו אַ רבין, הונדערטער מיילן, אין וועמענס גבול ער אַליין הערט נישט אויף צו קומען, יאָרן לאַנג, און ס׳האָט זיך אין אים קיין מאָל דער באַגער נישט געוועקט, צו וועלן זען דעם רבין וואָס ס׳פאַר־קלינגט מיט אים אַ וועלט.

ייִדן זענען זיך מוסר־נפש פאַר אַ גוטן ייִדן, לויפן ביז עק וועלט זוכן אַ זכות, פועלן אַ ישועה ביי אַ צדיק.

און ער?

ער איז נאָך אין דעם דרך נישט געגאַנגען. ס׳האָט אים אויך ביז איצט, אַ לויב דעם באַשאַפער, גאַרנישט געפעלט. ער האָט זיך אין קיין בקשות נישט גענייטיקט.

איז וואָס? מיט וואָס איז ער פאַרזיכערט אויף ווייטער?

און ווידער אַמאָל הייסט ער שטיין בלייבן און קוקט אַרויס אויף דעם גייער.

און אַז ר׳ מענדעלע האָט אָנגעצויגן, טאַנצט ער אַראָפּ פון געשפּאַן און פּרוווט זיך צו אים מיט אַן אויסרייד אַזאַ:

— ס׳איז מיר נישט איבערצוטראָגן אַליין דעם לאַנגן וועג. איך געפין מיר קיין אָרט נישט. מילא, אַז באַצאָלטס איז ביי אייך קיין חשיבות נישט, טוט אַזוי צוליב. קיין עונש וועט איר דאָך, חלילה, דערפאַר נישט האָבן.

ר׳ מענדעלע גייט אויף די רייד נישט איין און פאַרנעמט זיך מיט אַ זייטיקן וועג.

◈

תמימות שיינט אויף דעם יידן. מען דאַרף פּרוּוון אַרויפּברענגען אים אויף עפּעס.

ער וואָלט וועלן, ר׳ מענדעלע, ביי אים אָפּשוואַכן די תאווה צום חומר־דיקן, אָפּטעמפּן דאָס ליבשאַפט צום געלט און צעפאָכען דעם ניצוץ פון אהבה, פון מסירת נפש.

ס׳פּאָרט זיך נישט. ער איז אויס מענטש, דער גביר. אַ בענקעניש גראָבט זיך אים אין האַרצן. ס׳האָט אים דער יונגערמאַן אָנגעטאָן אַ כישוף. און ס׳איז שוין אַריבער דער צווייטער טאָג און ער ווייזט זיך נישט מער. מען איז שוין געפאָרן קריק, עטלעכע מאָל, און מען האָט אים געזוכט, אָבער ער איז נישט צו זען, נישט אויסצוגעפינען.

ס׳רודערט אַ מורא, ס׳עקבערט זיך דעם גביר אין מוח אַ געדאַנק: פון זינט ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם וואונדערלעכן מענטשן, ליגט דער גורל זיינער אין יענעמס הענט.

ס׳איז אים אַ בושה אין פּנים. אַ ייד ווי ער, מיט אַ נאָמען אויף אַ וועלט, זאָל זיך אַריינלאָזן אין הוריות, אין נאַרישע טראַכטענישן אַזעלכע.

וואָס טוט זיך מיט אים? איז ער אַראָפּ פון דעת?

ווער איז ער, דער בטלן? וואָס פאַר אַ כוח פאַרמאָגט ער, אַז אַ מענטש זאָל זיך עס לאָזן פון אים אַזוי פאַרפירן?

אַוודאי, ער איז ווערט די שטראָף. צו וואָס האָט ער זיך אומגעקוקט אויף אים און געפּטרט אַזויפיל צייט?

אַ פּועל בטל איז ער עס?!

נאָר ס'נוצן נישט די אַלע שכלדיקע השערות, זיי העלפן אים נישט בייקומען דעם אומרו. דאָס בענקשאַפט שטאַרקט זיך אין אים פון שעה צו שעה וואָס יענער באַווייזט זיך נישט.

און ערשט אויפן דריטן טאָג, באַגינען, האָט ר' מענדעלע אין גאַנצן אַ באַשיינטער, ווי פון דער ערד פאַר אים אויפגעשפּראָצט.

דער גביר האָט אויפגעלעבט. אַ ניי חיות האָט גענומען שלאָגן אין אים:

ער איז גרייט מנדר צו זיין אַ גרויסן סכום אויף צדקה, אַבי ער זאָל אים אָנטאָן די ליב און זיך אויפזעצן פאָרן אינאיינעם מיט אים.

— נו, מילא, אַז ס'גייט אים אַזוי אין לעבן, איז ער, ר' מענדעלע, גרייט, אָבער מיט אַ תנאי:

ער דאַרף אים דערפאַר אָפּטיילן, אַ העלפט, ביז צון אַ פּרוטה, פון זיין גאַנץ פאַרמעגן!

קיין פּרטים קען ער אים נישט זאָגן. ס'גייט אין אַ דבר נחוץ און אין אַ גאָר פאַרבאָרגענעם ענין. אַחוץ אים אַליין טאָר דערפון קיין שום נברא נישט וויסן.

— אַזוי גאָר! דאָס איז דער גאַנצער מיין זיינער, אויף דערויף האָט ער אָנגעצויגן?

דער גביר איז אַריין אין אַ כעס, אַ רציחה אַזאַ, נאָר וואָס ער האָט אים נישט גענומען צעפּאַטשן, און ער האָט אַ געשריי געטאָן: טרייב! און ס'האָבן די ברענענדיקע פערד אַוועקגעיאָגט — אין איין געלאַף.

◈

אָבער ס'טראָגט אים, דעם גביר, די ביינער פון דער הויט. ער שפּרינגט אַראָפּ פון דער קאַלעס, שפּרינגט אַרויף אויף דער קאַלעס, יעדע עטלעכע מינוט אַזוי, און ער גייט מער צו פוס ווי ער פאָרט.

— אַן אַנשיקעניש אויף אים!
ווער איז ער דער ווונדערלעכער מענטש?
ס'אַראַ צורה?
ס'ווערט דאָס האַרץ פאַרקילט פון זיין בליק.
וואָס אַ בטלן קען זיך אָנמעסטן? אַ העלפט פון גאַנצן פאַרמעג אים אָפּטיילן!
פאַרוואָס? פאַר וועלכע חסדים, צי פאַר וועלכע זינד?
משוגעת, פשוט משוגעת!
דעם גביר האָבן געגומען שלאָגן אַנגסטן פון לייב און אַ פינצטערניש שטייט אים פאַר די אויגן:
ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פּרוון ס'שטייען פאַר אים? טאָמער האָט מען, חלילה, אויסגערופן, ער זאָל אַראָפּ פון זיין מדרגה און דער נייער איז זיין בעל־זכות, זיין באַוואָרעניש אויף שפּעטער.
צדיקים האָבן אָפענע אויגן. זיי לייענען דעם גורל אויפן שטערן פון יעדן מענטשן. ער האָט שוין אַ מאָל געהערט: זיי היטן אויף גרויסע עשירותן פון יידן, בעלי־זכיה, וואָס ס'איז זיי נעבעך אָנגעשריבן ירידה, און נאָך אָפּקומענישן אַז ס'איז די נויט צו העכסט, קערן זיי אום דאָס אָפּגעהיטע מיט מעשר.

◈

דער הימל האָט זיך פּלוצים אָנגעקנייטשט, פינצטער, און שפּאַלט זיך פון בליצן און צעטראָגנדיקע דונערן. און ס'מבולט, און אַ שטורעם ווילדעוועט און הייבט די ערד פון די אַקסן.
די קאַלעס זינקט אין תהום. די ברענענדיקע פערד קענען זי נישט אַרויסרייסן. און אונטער דעם פאַרדעק, אַן איבערגעקערטן פון ווינט, זיצט ער, דער גביר, אַדורך און דורכגעווייקטער, אַ פאַרקלעמטער פון קעלט, און עס שפּיגלט זיך פאַר אים אַ זעעניש אַזאַ:
ער איז געפאַלן פון זיין מצב און אַראָפּגעזונקען אַזוי טיף, אַז ער מוז אָנקומען צו מענטשן אויפן נידעריקסטן אופן:
— לידי מתנת בשר ודם.
און ער ציט מיט אַנדערע געפאַלענע און מיט בעטלער פון שטאָט צו

שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, קלייבנדיק נדבות, און לעבט אַ זייער בזויהיק לעבן.

אָבער אין אַ ווינקעלע, אין די טיף אינעווייניקסטע פאַרבאָרגענישן, פלעמלט אַ קנייטעלע און ס'פאַרגייט נישט. ער האָט אַ זיכערן פּקדון:

אַ העלפט פון זיין גאַנצן פאַרמעג האָט ער דאָך איבערגעגעבן אויפ־צוהיטן דעם פאַרבאָרגענעם אויף יענעם פאַרכישופטן, אויסטערלישן וועג; און ער איז זיכער, אַז ער וועט דערהויבן ווערן! הגם ער האָט אים נישט געקאָנט אויסגעפינען, וויפל און ווו ער האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט. און ערשט נישט לאַנג, האָט דאָס גרויסע ליכט אויף אים אַ שיין געטאָן:

מען האָט אים מגלה געווען אין חלום, אַז דער גייער איז דער צדיק הדור, ר' מענדעלע קאָסאָווער, דער ממלא מקומו פון ר' וועלוועלע טשערנאָ־סטערער, צו וועמען ער האָט דעמאָלט געוואָגלט צו פוס.

דער ייִד האָט זיך אַ טרייסל אויף געגעבן און ס'האָט מיט אים פאַר אימה געוואָרפן ווי אין היץ:

— ווו איז ער? ווו נעמט ער אים אַצינד?

ס'איז דער ייִד באַצוווּנגען פון איין געדאַנק, פון איין ווונטש, ער זאָל נאָר נאָך זוכה זיין אים צו זען באַשיימפּערלעך. אַלץ וואָלט ער אים אַוועק־געגעבן, דאָס לייב און לעבן, אַפילו דאָס גאַנצע פאַרמעג.

דער הימל האָט זיך איינגעשטילט און אַן אויסגעוואַשענע בלאַנקט די בלאָקייט מיטן שענסטן זומערדיקן גלאַנץ. און ס'פירן די פערד דעם וועג ווייטער.

אָבער ס'זעט דער גביר קיין תכלית אין פאָרן נישט מער. ער וועט שטעלן אויף זיין מזל און וועט שטיין און וואַרטן, וואַרטן, אַזוילאַנג...

און איידער ער האָט אין גאַנצן דערטראַכט דעם געדאַנק, איז ער ווי אויף אַ וואָלקן אַראָפּגעשוועבט, ר' מענדעלע, און איז געשטאַנען אַ באַשיינ־טער פאַר אים:

— האַ, צו וואָס זענט איר דערגאַנגען?

דער גביר קנייטשט זיך. נאָר ער האָט דעם גייער דערזען, האָט זיך דאָס התפעלות ביי אים אָפּגעקילט. ער איז שוין נישט גרייט אַוועקצו־וואַרפן אַן אַ עשירות אַזאַ.

— וואָס עפּעס? ס'איז דאָך אויף לייטיש געלעכטער!

ברוך האָגער

ער איז גאָר פעסט ביי זיך, דער גביר, און נעמט זיך פּרוּוון אויף הנחות.

אויף אַ פערטל גייט ער איין. אַזויפיל האָט ער ביי זיך געפּועלט. מער נישט, מער קען ער נישט. ער האָט געגנוג שווער און ביטער געהאָרעוועט אויף זיין מערכה.

ר׳ מענדעלע איז פאַרטראָגן, ס׳דערגרייכט נישט צו אים, און עס ציִען די פערד און ביידע האַלטן זיי נאָך אין שפּאַן.

דער גביר לייגט איין וועלטן. אָט וואַרפט ער זיך צו די פיס, אָט שוימט ער פון כעס, און ער הערט נישט אויף זיך דינגען און דינגען.

און ר׳מענדעלעס אויערן זענען פאַראַמכט און די מחשבות זיינע זענען ווייט פון דעם גביר און פון זיינע איבעריק אַרויסגעוואָרפענע רייד.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער גאַנצער וועג. און ערשט נישט ווייט פון טשערנאָסטערע, אַז דער גביר האָט שוין קיין שום עצה נישט געהאַט און האָט זיך מתחייב געווען אָפּצוטיילן אַ העלפט פון זיין גאַנץ פאַרמעג, האָט ר׳ מענדעלע איינגעוויליקט, אויפצוזעצן זיך אויף דער קאַלעס און צו פאָרן מיט אים אינאיינעם, ביז קיין טשערנאָסטערע.

עניות

אַז נתן רעזילסקער האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון זיין רבין, איז זיין צורה געווען באַהויכט מיט אַ ליכטיק שמייכעלע, אַ פאַרחלומטס, וואָס איז נישט פאַרגאַנגען, און אויף די ליפּן האָט ביי אים געהאַנגען ציטריק דער נאָמען הוסיאַטין, ווי דער שם פון אַ געבענטשטער קמיע.

די איבערלעבענישן וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט האָט ער געקליבן מיט גרויס באַדאַכט, ווי פון אַן אוצר, און זיי געסדרט און אַלץ צעציילט איינצלנע ווי פּערל:

צו דער נסיעה קיין הוסיאַטין האָט נתן רעזיליסקער זיך געקליבן און געגרייט אַ לאַנגע צייט, אָבער ס׳איז צום פאָרן נישט געקומען.

אויף דער נסיעה און אויף מעשר פאַרן רבין האָט אים נישט געקלעקט. און ער זאָל אָראָפּנעמען אַ חלק פונעם געהייליקטן אויף דער הוצאה, אַזאַ געדאַנק איז אים אַפילו אויף דער מחשבה נישט געקומען.

צו פוס איז שוין אויך נישט פאַר זיינע כוחות געווען. אַ זקן, אַ חלוש!

ס׳זענען אַוועק די צייטן, וואָס אַז עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ברען, פלעגט ער אַ נעם טאָן דעם שטעקן און זיך איבערגיין די 30 מיילן פון רעזיליסק קיין הוסיאַטין, ווי אויף אַ שפּאַציר — הין און קריק.

ס׳איז אים אַמאָל אויסגעקומען, ער איז אַריין אין אַ ספק איבערן רבינס אַ זאָג, האָט ער זיך אומגעקערט, אַז ער האָט שוין כמעט געהאַט דערגרייכט אַהיים. ער איז אַפילו די שוועל פון זיין שטוב נישט אַריבערגעטראָטן און קריק אין וועג.

ס׳מאַכט זיך, חסידים לייגן זיך צונויף געלט צו שיקן אַ שליח מיוחד צום רבין — פועלן אַ ישועה פאַרן כלל, און ווער עס איז זוכה בגורל האָט די גרויסע זכיה. איז אים דאָס מזל אויך נישט באַשערט.

האָט ער קיין עצה נישט געהאַט, ווי צו צעטיילן דאָס ביסל פון זיין קאַרגער פרנסה און שיקן דעם רבין קיין הוסיאַטין, ער זאָל האָבן כאָטש אַ קליינעם טייל אין זיין קדושה.

און ער, מיט אַן איבערגעלאָדן געמיט, איז פֿאַרבליבן אין דער היים, ציילנדיק ספֿירות און אויסרעכענענדיק זיך, וואָס עס טוט זיך דאָרט יעדן טאָג און אין אַ יעדער שעה.

אָבער אַז ס׳האָט די עלטער גענומען ביי אים צושטיין און נעפּלדיקע מחשבות האָבן נישט אויפגעהערט אין אים טונקלען:

ער זאָל חלילה נישט פֿאַרשפּילן זיך ביים רבין צו געזעגענען, איידער מען וועט אים פֿון דער דאָזיקער וועלט רופֿן אַרויף צום דין. האָט נתן רעזילינסקער געטאָן וואָס ער האָט געטאָן, און ער איז געפֿאָרן קיין הוסיאַ־טין.

אויפֿן דריטן טאָג האָט אים פּנחס יואל, דער עלצטער מקורב, אַריינבאַפֿוילן אין דער אכסניה: ער האָט היינט דאָס קוויטל זיינס אָפּגעגעבן און אַז דער רבי האָט בעתן לייענען אַ שמייכל געטאָן!

אַ שמייכל געטאָן!

דער זקן ווערט פֿאַרציטערט און מבולבל, וויפֿל מאָל עס זאָל אים נישט קומען דער געדאַנק.

וואָס עפּעס? ווי קומט ער צו דער זכיה?

שלום נעמען צווישן די לאַנגע און פֿולע שורות וואָס שטייען אויס־געשטעלט אין הויף, בעת דער רבי גייט אין קלויז אַריין צום דאַווענען, האָט ער פּשוט קיין כוח נישט געהאַט. אַליין אַריינגיין צו אים, ביחידות, ס׳וואָלטן אים די פֿיס נישט דערטראָגן!

צו שטיין מיט אים אַליין, פּנים אל פּנים, אין גרויסן זאַל, אויפֿן גליטשיקן דיל, און ווו די שפּיגלווענט, פֿון אַלע פֿיר זייטן, כאַפּן אויף און ווייזן דער בריאה דאָס גאַנצע נישטיקייט אירס. ס׳וואָלט אים די נשמה אויסגעגאַנגען אויפֿן אָרט.

אַז מען האָט זיך כאָטש אויסגעהאָרעוועט אויף דער מדרגה, צו קענען שטיין — כעבדא קמיה מרא — אָבער ער...

נתן רעזילינסקער רוט זיך אַ ווײַלע אָפּ פֿון זיינע מחשבות. נאָר ס׳הייבט זיך טאַקע באַלד ווידער אָן קנייטשן זיין באַרגיקער טאָפּלטער שטערן:

פֿון די טישן האָט ער זיך דאָס מאָל אויסגעהיט. ער איז אַן אָפּגע־נוצטע שברי־כלי, שוין צו שוואַך, ער זאָל קענען פֿון דער נאָענט

איבערטראָגן די קדושה וואָס פלאַקערט און שפּרייט זיך פון רבין ביי דער דאָזיקער עבודה:

רויכערנדיק, ווי דער גאָלדענער מזבח אין מקדש וואָס דעמפט מיט פאַרשיכורנדיקע קטורתן און געווירצן, בליצט עס פאַר אים אויף.

דער רבי זיצט אויף דער מלכותדיקער שטול, פאַרדמיונט, פאַרטראָגן פון דער וועלט, און אין פנים שפּילן זיך ביי אים די קאָלירן — פייער־פלאַם — טויט־בלייך, און דער עולם, איין פאַרגליווערט שטיק, מיט פאַרוואַר־פענע, פאַרחלשטע קעפּ, הענגט אין דער לופטן. און מיטן מיטלסטן פינגער פון זיין אָפּגעטויטער, דורכשיינענדיקער האַנט, קלאַפּט ער זיך ווי מיט אַ העמערל אויף דער רעכטער ברעם.

די אימה שטאַרקט זיך און פאַרציטערט אין הענט און אין פיס מיט יעדן קלאַפּ. און ער גיט פון מאָל צו מאָל אַ רייס אויף די פאַרשלאָסענע אויגן — ברענענדיקע קוילן, שרויפט זיי אין עמעצן אַריין, און ער טוט זיך ווידער אַ שטויס מיטן פינגער אויף דער אייגענער ברעם, ווי ער וואָלט זיך דאָרט אַ נאָגל אַריינגעיאָגט.

דער אַלטער האָט ווי פון אַ באַנומענקייט אַ צאַפּל געטאָן און מיט דער גרויסער רויטער פאַטשיילע געצומען ווישן דעם באַגאָסענעם, קאַלטן שווייס.

אַ ברייטער שמייכל גיט זיך אָבער באַלד ביי אים אַ צעגלאַנץ איבער דער גאַנצער ווייסער באָרד:

ער האָט אים געזען, נישט גאָר פון דער נאָענט. דער ליכטיקער אָפּשיין ליכטיקט אים אין האַרצן. ער האָט אים געזען זיצן אין דער אָפענער קאַרעטע, בעת ער איז געפאָרן — לשוח בשדה — מנחה דאַווענען אויף גאָטס פריי.

גליקלעך איבער גאָר איז ער אָבער פון אַן אַנדערער זאַך:

ער איז דעם נסיון בייגעשטאַנען. ער האָט דער תאווה נישט נאָכגע־געבן, אַליין דעם רבין איבערצוגעבן דעם פדיון־נפש זיינעם.

אַ וואָך לאַנג האָט זיך אים אַ רוח שטות געפּלאָנטערט אין מוח און האָט אים ווייסט געמאַכט די טעג און די נעכט. און די טענות זענען גאָר נישט געווען אָפּצוווענדן:

ווער ווייסט צי ס׳איז שוין נישט דאָס לעצטע מאָל... אָבער ער האָט

זיך נאָך געכאַפּט אין דער רעכטער מינוט און נישט געלאָזט זיך אַראָפּ־פירן פון וועג.

וואָס וואָלט ער געטאָן, וואָס וואָלט ער געפונען פאַר אַ ווערטער, ווען דער רבי גיט אים אַ מעסט איבער מיט די בריִענדיקע אויגן זיינע און פרעגט אים שטום די שאלה:

מה פעולך?

סאַראַ גליק, סאַראַ גרויס גליק...

דער משפּט

און ס'איז דער אייזערנער קאָפּ נישט מיד געוואָרן מיט זיינע רדיפות אויף די לובלינער לייט און נישט אָפּגעשטאַנען איז ער מיטן שליידערן ביזות קעגן זיי, אַז עס האָט שוין געקאָכט און איבערגעשוימט. און נישט איין מאָל וואָלטן זיי, די לובלינער, אַ צעפּיר געגעבן די הענט, אַ בונ־טעווע געטאָן, ס'זאָל זיך טראָגן אין דער לופטן...

ווי לאַנג איז עס דער שיעור צו בידעווען — ווי לאַנג? און פאַרליידן דעם פּחיתת־הכבוד, וואָס ער הערט נישט אויף אָנטאָן דעם רבין זייערן?

ער ווערט נישט מיד. ער האַלט עס פאַר אַן אייזערן געבאָט, דער אייזערנער קאָפּ!

זענען זיי אָבער געבונדענע און טאָרן זיך אַפילו אין די קייטן נישט אַ טרייסל טאָן. אים, דעם רבין זייערן, רירט עס נישט אָן. ער האָט דער־פאַר קיין אויגן נישט און די אויערן האָט ער זיך אויך צוגעמאַכט.

זיי, די תלמידים זיינע, זאָלן די קריוודעס נישט אַרן. און מיטן האַרבן וואָרט: עס זאָל זיך קיינער נישט פאַרמעסטן, זיך חס־ושלום נישט פאַר־זינדיקן: דער כנגד מיינט עס אויך לשם שמים!

און מען האָט באַין ברירה געמוזט אָנבייגן די קעפּ און מען האָט מיט יעדן ניי־געבוירענעם טאָג אָנגעלאָדן אויף נישט־ווילעקע, ווידער־שפּעניקע פּלייצעס — פּיין אויף פּיין.

ס'איז אָבער דעם אייזערנעם קאָפּ דאָס סבלנות זייערס נישט באַקו־מען...

האַ, זיי שלאָפן גאָר! נישט לעשן וויל ער ,אָנצינדן, צעפלאַקערן!

מען דאַרף זיי אייביק יאָגן, די חסידישע כת, און טרייבן פון זייער באַהעלטעניש — דער אויפגעצווונגענער רו!

◈

און ער האָט עפּעס גאוניש פאַרטראַכט, דער אייזערנער קאָפּ, און געטראָפן ביז אין פּינטל אַריין:

אין אַ פּרייטיק פאַרנאַכט. באַענט צו ליכט־צינדן, האָט ער פּלוצים באַפוילן אָפּצושפּאַרן אַלע מקוות אין לובלין און פאַרהיטן, ס׳זאָל קיין פוס נישט אַריבערטרעטן איבער גאַנץ שבת.

און אַז דער רב הייסט, איז געטאָן.

חסידים אין הייליקן טאָג פון שבת אָן מקווה?

סאַראַ שטראָף!

כאָטש איין איינציקע שעה פריער! וואָס פאַר אַ דאגה וואָלט עס גע־ווען? מען וואָלט זיך באַלד געפּאַקט אויף פורלעך און אין נאָענטסטן שטעטל געפּראַוועט אַ שבת אויף וואָס די וועלט שטייט. וו׳פל גאַרט מען נישט צו זיין אַמאָל מיטן רבין אויף אַ שבת אונטערוועגס!

דער אופן רשעות איז שוין איבערגעגאַנגען אַלץ וואָס מען האָט ווען געליטן. און ס׳האָט דעם עולם אַ רודער אויף געטאָן אַזוי, אַז ס׳איז נישט געווען מער צו האַמעווען, צו פאַרהאַלטן.

און ווי ביים אָנפאַל פון אַ פּלוצימדיקער שרפה, האָבן גענומען שטור־רעמען פאַריסענע הענט, פּנימער אין פלאַם מיט צעפלאַטערטע בערד און פיאות, און ס׳האָבן זיך געקאַטשעט שוואַרצע, אין זיידנס בלישטשענדיקע הויפּנס איבער די גאַסן.

דער לובלינער אָבער האָט זיך ווידער אַמאָל אָוועקגעשטעלט ווי אַ מויער, און ער האָט נישט דערלאָזט. אַ אזהרה זיינע האָט זיי אָנגעיאָגט:

— עס זאָל זיך קיינער נישט דערוועגן מיט עפּעס וואָס — כי הוא זה!

און ס׳האָט זיך אָן עצבות פאַרצויגן און ס׳איז פון אַלעמען אַראָפּ דער שבתדיקער פאַרשפּרייט.

◈

איין און איינציקן, דעם יִיד־הקדוש, האָט עס נישט מבולבל געמאַכט. ער גייט זיך שטענדיק אויף זיינע אייגענע וועגן — אַליין און אָפּגעשיידט. אים האָט דער טומל נישט פאַרהילכט.

די קדושה פון שבת, זאָגט ער, איז די לויטערסטע מקווה. אַ ייִד דאַרף דער עיקר לייטערן די מחשבות, זיך טובלען אין הייליקע רעיונות!

און מער ווי יעדן שבת, האָט עס פון אים געברויזט מיט שמחה, גע־קלונגען מיט צעפייערטן און פריילעכן געזאַנג. עד אַליין, ער פאַר זיך.

ס׳האָט ביי די אַנדערע נישט אָנגעכאַפּט. אַ באַרג האָט געהויערט און איז נישט געווען אָפּצושטויסן. געהאנגען האָט אַן אומעט וואָס האָט זיך נישט צעהעלט. און עס איז דער שבת אַריבערגעאַנגען ווי דאָס געבאָט — קיין עונג איז עס נישט געווען.

◈

אין זיין בית־מדרש וואָס מיט ווענט פון גראָבע, געטעסעטע דעמבעס און וואָס די סטעליע, אַ געפלעכט פון געקרימטע און געשניצטע באַלקנס, שוועבט שפּיציק צום שיפּועדיקן דאַך אַרויף, זיצט דער אייזערנער קאָפּ אויף אַ גרויסער געגאָרנט־הילצערנער שטול און פאַר אים, אַרום שורות לאַנגע טישן, די תלמידים זיינע.

ס׳איז שאַ־שטיל. אַ דעך פאַרציט זיך נישט דרייסטער און מען האָרכט זיך איין מיט פאַרדרייטע העלדזער און מיט אָנגעקנייטשטע און פאַרשאַרפטע שטערנס.

ער זאָגט דעם שיעור און צעטומלט מיט האַרבע סברות, ברעכט מוחות מיט שפּיציקע פּילפּולים און דאָס קול זיינס וויקלט, קייקלט זיך אין דער הייך און פאַרציטערט, אַן איבערגעקרומטס, צווישן געבעלק.

און פּלוצים האָט עס אַ ציטער געגעבן: אַ קול, אַ פרעמדס, האָט אַדורכגעשניטן און ווי אַ ווינטל, אַ פריקרעס, אַ בלאָז געטאָן.

אויערן און אויגן שפּיזן זיך: ווער האָט עס די העזה, בעת ער איז מחדש?

דער ייד־הקדוש, אַרויסבייגנדיק זיך פון אונטער אַ שטענדער, אין אַ וויטן און פאַרלייגטן ווינקל, האָט דעם אייזערנעם קאָפּ אין פּלי איבער־געריסן:

— ס׳איז דער פּשט נישט אַזוי ווי איר טייטשט.

יענער אָבער קוקט זיך אפילו נישט אום, ווער עס ווענדט אים אָפּ, און וואַרפט אין פלוג דעם ענטפער צוריק.

און דער ייד שטעלט אים ווידער אָפּ:

— דער תירוץ פאַרענטפערט נישט.

ווערט שוין היציק. ס׳הויבן אָן יאָגן פיילן הין און קריק. און עס צעבליצן זיך די מוחעשע שווערדן און ס׳לאָזן זיך די שאַרפן קעגן אַנאַנד וואָס אַמאָל אַלץ ווילדער, אַלץ צעברענטער.

און דער ייִד־הקדוש האַלט אים ווי צווישן פּרענטן און לאָזט אים נישט אַרויס פון קלעם. און ס׳ווערט יעטוועדע סברה פאַרשלונגען, יעטוועדער ענטפער צעבויערט פון אַן אַנדערער און אַ פאַרשפּיצטערער קשיה.

ער פּאַכעט פון אָנגעצונדענע׳ צאָרן, דער אײַזערנער קאָפּ. ווען האָט עס נאָך געטראָפן, אַז אים זאָל זיך עמעץ פאַרמעסטן אַקעגנצושטעלן? און ער האָט זיך אַ לאָז אַראָפּ געגעבן אין די טיפעניש, אין ים פון זײַן בקיאות, און גענומען שליידערן מיט כוואַליעס און אויפטורעמען בערג אויף בערג. נאָר ס׳העלפט נישט: דער ייִד צעוואַרפט, צעיאָגט און דער אײַזערנער קאָפּ, אַ מטושטשער, קען זיך נישט דערכאַפּן, קען זיך נישט אַרויסברענגען קריק.

און אין דעם געראַנגל, עפנט זיך די טיר און ס׳קומען אַרײַן צוויי בעל־הבתים. זיי האָבן אַ לאָדעניש צווישן זיך און ווילן זיך משפטן ביים רב. הייסט ער זיי איבערגעבן דעם סכסוך.

טענהט ראובן, טענהט שמעון, יעדער איינער פאַר זײַן אייגן רעכט. און דער אײַזערנער קאָפּ כאַפּט אויף פלינק, אויפן גאונישן שטייגער, און לאָזט באַלד אַרויס זײַן וואָרט:

ראובן איז חייב.

און ווידער אַמאָל מישט זיך דער ייִד אַרײַן:

— איר האָט פאַרגעסן אַ תוספות אין כתובות דף ל״ב, און עס קומט, זאָגט ער, גראָד אויס אַז ראובן איז גערעכט.

לאָזט ער זיך נאָך נישט אונטערקריגן, דער אײַזערנעם קאָפּ, ער באַרעט זיך מיט צעווילדעוועטן נצחון און פּרוווט זיך פאַרפעסטיקן. ס׳איז אָבער דעם כנגד נישט בײַצוקומען. און ס׳איז קיין ברירה נישטאָ און מען מוז צוריקנעמען דעם פּסק.

אַן אָנשיקעניש! אַ ליאַדע יונגערמאַנטשיק האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים און ברענגט אים צו בילבול־המוחות.

דאָס חולשת־הדעת זײַנס איז געווען גרויס, אָן אַ שיעור, און אַזוי ווי ס׳האָט אים דער מוח מער נישט געדינט אויסצוהערן נאָך אַ מאָל די בעלי־דינים, איז דער משפט פון אים אָפּגעלייגט געוואָרן אויפן אַנדערן טאָג.

◈

זענען זיי געקומען, די בעלי־דינים, אויפן אַנדערן טאָג און אָנגעהויבן פונאַנדערלייגן זייערע טענות אויף סניי.

דער אייזערנער קאָפּ האָט זיך דאָס מאָל איינגעהערט, מיט גרויס געוואָרנטקייט, צו זייערע רייד און האָט ערשט, נאָך אַ לאַנגן שיקול־הדעת, אַרויסגעזאָגט דעם פּסק.

— אַ בית־יוסף, אַ פּשוטן בית־יוסף פאַרקוקט!

האָט עס אַ הודע געטאָן, און ס'האָט דער ייִד־הקדוש זיך ווידער פון אונטער זיין באַהעלטעניש, דעם שטענדער, אין ווייטן פאַרלייגטן ווינקל, אָפּירגערוקט.

אַ פינצטערניש האָט אויפן אייזערנעם קאָפּ אַ נעפּל געטאָן און אין אַ געמיש פון שרעק און אויפגעבראַכטן כעס האָט ער זיך, און נאָך אים דער אָרום זיינער, צום ייִד ווי אויף אַן אָנפאַלער אַ וואָרף געגעבן:

— אין מיין רשות? אין מיין...

מער האָט ער זיך נישט דערדעדט, ס'האָט זיך דאָס לשון ביי אים איבערגעשניטן. און ס'הערט זיך פאַרכטיק דאָס קול פונעם ייִד־הקדוש:

— די גמרא דערציילט אונדז, אַ נשמה אַז זי דאַרף אַראָפּגיין אויפן עולם־עשיה, וויל זי נישט. זי וויל זיך נישט אָפּטיילן פונעם גרויסן ליכט און אַראָפּנידערן אין דער פינצטערניש — אין חומר פון אַ בשר ודם. און דער גזר איז נישט אָפּצוווענדן, און דאָס רחמנות איז גרויס — זי קלאָגט און וויינט. נעמט מען זי איין דערמיט וואָס מען שיקט זי אַראָפּ מיט אַ מלאך אין באַגלייט. זיצן זיי ביידע אין דער מוטערס טראַכט, אַלע ניין חדשים, און חזרן די תורה וואָס מען לערנט אין די הימלען. נאָר אַז ס'קומט אָן די מינוט פון צעשיידן, דאָס נפש דאַרף אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט, גיט אים דער מלאך אַ שנעל אונטער דער נאָז און דאָס אַלץ וואָס מ'האָט געלערנט, אַלע ניין חדשים, ווערט פון דער רגע אָן פאַרגעסן. איז דאָך די קשיה:

— מאי קא משמע לן?

— צו וואָס לערנען, אַז מ'מוז פאַרגעסן?

און דער ייִד־הקדוש האָט זיך צעקאָכט:

— די נשמה שיקט מען דאָ אַהער אַראָפּ, און דווקא אויף דער גשמיות־דיקער ערד, זיך מתקן צו זיין. דאָ דאַרף זי ביישטיין דעם פּרווו; פון דאַנען

דאַרף זי זיך דערהייבן צו העכערס, צו גרעסערס. ווערט זי דערפאַר אויסגעטאָן אַ נאַקעטע, פון אַלץ וואָס זי האָט אויף זיך מיטגעבראַכט, און דאָ אויף דער זינדיקער ערד, ווו עס בושעווען פייערן דאָס קדושהדיקע צו פאַרלענדן, דאַרף זיך די נשמה אויסהאָרעווען און אויסלייטערן, כדי נתעלה צו ווערן צו דער העכערער מדרגה.

— איר אָבער — און ער וויזט מיט דער האַנט אויפן אייזערנעם קאָפּ — האָט זיך נישט אויסגעהאָרעוועט, אייך האָט בלויז דער מלאך פאַרגעסן צו געבן דעם שנעל אונטער דער נאָז.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מען האָט דערנאָך דערציילט, אַז דער אייזערנער קאָפּ איז דעמאָלט געפאַלן אין חלשות און חדשים איז ער געבליבן ליגן אַ באַנומענער, און ס׳האָט נאָך לאַנג, לאַנג געדויערט, ביז וואַנען ער איז געקומען קריק צו זיינע פריערדיקע כוחות.

די אייניקלעך

א.

שמעון דער בערציעכעס און יאַנקל חיה־קונהס רופט מען זיי, ווייל דער יחוס נעמט זיך פון די מוטערס. אי שמעון אי יאַנקל זענען מיוחסים: אייניקלעך, און זאָגן זיך אָן קרובהשאַפט טאַקע מיטן אַלטן אַליין. און אַז אויב אייניקלעך, איז שוין גאָר אַן אַנדערער טייטש! הייסט עס, אויסגעזאָרגט זיין פון אַלע דאגות פון אַ פשוטן בשר־ודם און סע לעבט זיך אין כל־טוב על חשבון אדמו״ר.

דער רבישער הויף, ווו שמעונען און יאַנקלען לעבט זיך גוט, איז אַן ערי־מקלט, וואָס ציט צו זיך מענטשן ווי פליגן צום ליכט.

אַלטע יידן פאַרענדיקן דעם סוף פונעם לעבן אין שכנות מיט זייער רבין. יונגע־לייט אויסגעלערנטע קוואָקען צו באַקומען ערטער אויף רבנות, מלומדות אָדער שחיטות. און סתם אַזוי בטלנים, וואָס פון דער פאַרביייִקער זינדיקער וועלט ווילן זיי קיין הנאה נישט האָבן, קוועטשן דאָרט יאָר־איין, יאָר־אויס די האַרטע בענק אין קלויז און אין סאַלאַש.

פון כאור, איידער נאָך די זון ווישט זיך אויס די אויגן צו קוקן אויפן טאָג און ביז שפעט נאָך האַלבער נאַכט, שוויבלט מיט מענטשן און סע טומלט זיך ווי אויף אַ חגאישן יריד. קראַנקע און געזונטע וואָס הערן נישט אויף פון דער גאָרער וועלט שטראָמען, דורך די גרויסע ברייט צעעפנטע טויערן איןביידע עקן הויף און קענען טעג מיט זייערע בקשות נישט צוטרעטן, וואַלגערן זיך פאַר די שפאַן. קרעמערלעך מיט צעלייגטע קראָמען, בעטנדיק חיוגה, שרייען זיך איינס דאָס אַנדערע איבער אויף סקאַרבאָווע אימה אָנ־וואַרפנדיקע נוסחאותן. און ווייבער פאַרסאַפּעטע, יאָגנדיק מיט שווערע קוישן פאַרבייסעכצער אויף די הענט, רייסן זיך אויף זייערע שפּיסלדיקע קולכלעך און צעשרויפן די קעפ. און אין מיטן דערינען, אין אָט דעם קאָכקעסל, מישן

זיך צו מאָל גאָר אַנדערע קולות אַריין. סע דערהערן זיך פּלוצים שברים פון אַ פאַרכריפּעטן בלעכענעם טרומייט, שווערע זיפּצן פון אַ ריזדרעכעטן שלעפּעריקן באַס, פאַרזשומעט פון קלעפּ אויף אַ גרויסער לעכערדיקער פּויק: אַ חתונה. קליינוואַרג שניידט זיך אַריין מיט אַ געסוויפּטש פון פליִענדיקע פייגעלעך, און מחותנים ,טאַנצנדיק מיט חופּה־שטאַנגען, פירן אַ כלה פאַרן באַדעקנס נעמען אַ ברכה ביים רבין.

דאָ האָבן שמעון דער בערציעכעס און יאַנקל חיה־קונהס זיך צונויפגע־טראָפן, דאָ האָט דער גורל זיי צונויפגעשפּאַנט צו וויגען אונטער איין דאַך, טיר ביי טיר, איבערצוליגן זיך מיט די אויגן איינס ביים אַנדערן און נישט פאַרגינען איינס דעם אַנדערן די שיין.

טעמים צוליב וועלכע די דאָזיקע צוויי אייניקלעך פון אייגן בלוט און פלייש קומען צווישן זיך נישט אויס, זענען פאַראַן פאַרשידענע.

יאַנקל איז אַ נכנע, גייט אונטער אַ מענטש מיט אַ חניפהלע און ער איז אַ מוצלח נישט צו פאַרפעלן די מינוט, אויב ס'איז פאַראַן צו כאַפּן די מטבע ערגעץ־ווו.

ייִדן קומען דאָך צום אַלטן בעטן אויף זייערע צרות. און יאַנקל איז דאָך אויך אַ צד אין הימל, אַן אייניקל. שטעלט ער זיך פינקטלעך צו, ווען ס'איז עמעצן ענג און נעמט אויסרעדן מיט ווייכע רייד און שיטן מיט ברכות מיט אַ צעבראָכנקייט אַזאַ, ווי ס'וואָלט אים באמת נעמען ביי דער זיבעטער ריפּ. שטופּט מען אים אויך אין דער האַנט אַריין. און אַז דער פּדיון איז צו קליין, דינגט ער זיך נישט איבער, טוט נאָר אַ מאָל מיט אַ פאַרשמאָרעטער נאָז שטיל אַ וואָרטשע אין בערדל אַריין: געמעגט קרישען דעם קאָפּ...

ביי שמעונען איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. אים גיט מען נאָך די שמד. מע גיט אים, וויפל ער זאָל זיך אַליין נישט אויסבאָטן. מיט דער ברייט, מיט דער הייך זיינער פאַרשפּאַרט ער ווער סע קומט אים אין וועג. און בעת ער רעדט מיט עמעצן, שפּריצט ביי אים דאָס מויל מיט פּייער, די אויגן זיינע שרויפן זיך יענעם איין ווי גווינטן ביז צו די געדערעם און די האַרטע באָרד זיינע, אַ לאַנגע, אַ צווייטיילּיקע, וואַרפט זיך ווי אַ שטרויענער סנאָפּ אין פּנים אַריין. מען שרעקט זיך פאַר אים ווי פאַר בייזס. שטייט אים פאַר גדלות נישט אָן צו היטן די טיר ביים אַלטן באַגלייך יאַנקלען און סע געראָט

צו מאָל זיך פון אים אויסצומיידן. גרימט אין אים און ער לאָזט אויס דעם כעס צו זיין קרוב.

אין יאַנקלען ווידער טאָטשעט אַ וואָרעם און הערט נישט אויף צו טאָטשען: צו שמעונען מוז מען אַ מאָל אָנקומען ביז אין שטוב אַריין. ביי יענעם געפינט זיך אַ חפצל, אַ ירושה פון זייערע זיידעס: אַ קליינטשיק כתב־ידל אָן אָנגעפּיקעוועטס מיט סגולות און רפואות. שמעון איז אוחז און סע ברענגט אים איין אַ מאַיאָנטעק. וואָרעם אויב עמעצער נייטיקט זיך שוין אין דעם, איז ביי שמעונען אָן רחמנות. און יאַנקל, וויפל ער לייגט נישט דעם קאָפּ און וואָס ער האָט נישט געפּרוווט צו לייגן די יד דערויף, גיט זיך אים נישט איין.

שמעון און יאַנקל האָבן צווישן זיך נאָך אָן אַנדערן חשבון, אָן אַלטן, וואָס ווישט זיך קיין מאָל נישט אָפּ. מיט יאָרן צוריק האָבן זיך ביי ביידע אין איין צייט די ווייבער געפּעלט. יאַנקל האָט זיך צוליב סיבות קיין אַנדערן זיווג נישט געוואָלט צוזוכן און איז געבליבן אַן אַלמן. שמעון האָט באַלד געוואָלט חתונה האָבן. און איידער נאָך די שלושים האָבן זיך פאַרענדיקט, הייסט ער זיך רעדן שידוכים. פּירט זיך אים אָבער נישט. ער קען זיך קיין פּאַסיקס נישט צוטרעפן. דאָ איז דאָס קרן נישט רעכט, דאָרט איז דער נדן נישט גענוג. און אַז אי די כלה אי דער נדן גייען אים שוין איין, שטייט אים דער יִחוס נישט אָן. קלויבט ער יאָרן נאָך אַנאַנד און קען זיך נישט צוקלויבן. וואַקסט ביי יאַנקלען אונטער אַ יפת־תואר, מיט אַ שיינעם נדן וואָס ער האָט פאַר דער צייט פאַר איר אַוועקגעלייגט און שמעון שדכנט זיך צו דער בתולה.

יאַנקל היינטיקן טאָג נאָך, אַז סע קומט אים אַמאָל אויף דער מחשבה, קאָכן אין אים די בלוטן: די העזה קען ער אים נישט פאַרגעסן. שמעון אָבער, מיט אָן אייביקער ווונד אין האַרץ, האָט פון דעמאָלט אָן זיך אָפּגעלאָזט פונעם געדאַנק זיך מתדווג צו זיין.

לעבן זיך אַזוי די צוויי אייניקלעך אין שכנות — צעטיילן קען מען זיי נישט ווי שלענג פאַרביסענע אין אַנאַנד — און צעצאָלן זיך ביסלעכווייז און מיט כוונה.

וועגן יאַנקל חיה־קונהס גייט זיך אַ ווערטל: אַז נישט אַזוי צוליב זיך איז ער, ווי אויף השגחה צו האָבן אויף אַלץ וואָס אויף אים און אַרום אים.

מעג מען זיך פאַרגינען אויף אים אַ קוק צו טאָן. דאָס בערדל איז ביי אים ווי אין אַ רעמל: סאַמע ציידענע פעדים, אַ הערעלע נישט קירצער, נישט לענגער. די בגדים זיינע — בלאַנקע שפּיגלען. און אַליין טראָגט ער זיך איבער דער ערד ווי אַ גלעזערנער סערוואַנץ.

צו יאַנקלס אַ זאַך טאָר זיך קיין פרעמדע האַנט נישט צורירן. אַלץ מוז זיך ביי אים געפינען אויפן צוגעקליבענעם אָרט, נישט פאַררוקט אויף אַ האָר, בלישטשענדיק ווי אין אַן אַפּטייק. אַ קנייטשעלע, אַ שפּרענקעלע ברענגט אים אַרויס פון דער הויט. און ווען און ווו מע זאָל אים נישט טרעפן, הערט ער פון זיך נישט אויף בלאָזן און פּראָשען.

שמעון האָט זיך זיין תענוג אַריינצוכאַפּן זיך צו יאַנקלען אין שטוב, בעת יענער פאַרגעסט אַ מאָל אין איילעניש צו פאַרזיכערן די טיר אויפן שלאָס און מאַכן דאָרט שוואַרץ שבת. אין דער אמתן לערנט ער מיט אים ביי די טישן, ווו סע קומט די ביידע שכנים אויס צו זיצן אַקסל צו אַקסל. דאָ האָט אים שמעון אין זיינע קלעם. דאָ איז דאָס אָרט, ווו שמעון קען אים צעקנעטן אויף טייג און ער זאָל נישט דערוועגן צו געבן פון זיך אַ סלעד. און סע גייט זיך זעלטן אויס, יאַנקל זאָל דערנאָך שעהן לאַנג נישט האָבן צו באַ־וואַשן און באַפּוצן זיך פון פעטע יויכן און קלעבערדיקע שיריים.

יאַנקל פאַרשרייבט עד־לחשבון און גיט אים אָפּ אויף אַ צוגעפּאַסטן אופן.

שמעון מיטן עזות, מיטן גאַנצן שטעל זיינעם איז זייער אַ פּחדלעווע. ווי אַ יידענע, ווען סע קומט נישט צו רייד, הערט ער נישט אויף אָפּשפּייען און אָפּשפּרעכן זיך פון מזיקים און אַל־דאָס־בייז. און חלילה, סע שטאַרבט עמעצער אַוועק, איז ער פאַר פּחד אַזוי פאַרלוירן, ווי ווען דער מלאך־המוות וואָלט אים אַליין האַלטן פאַרן האַלדז.

אויף דער סטרונע שפּילט אים יאַנקל אַלע מאָל אויף אַ נייעם זמר. פון די אַלע פּיין אָבער, וואָס ער וויצט אָן אויף אים איז שרה די דולע דאָס ערגסטע אָנשיקעניש. סע ברענגט אים אי פון די כלים פאַר שרעק און אי סע מאַכט פון אים חוכא־וטלולא.

אין אַ וויים ליילעך, אַ רעם ברענענדיקע ליכט אויפן קאָפּ, און מיט צעשויבערטע ביז פאַר די קני זיך פלאַנטערנדיקע האָר, פאַלט זי אָן ביי־נאַכט שמעונס פענצטער, מאַכנדיק הוועיות פון אַ דיבוק. און ווי אָפּט דאָס

זאָל נישט געשען, ווערט ער אַזוי צעטומלט, אַז ער שטעלט דעם גאַנצן הויף אויף די פיס מיט זיינע ווילדע געשרייען: אַוועק! אַוועק! אין דיין רו אַריין!

ב.

דאָס גרויסע הויז אויף הויכע שטיינערנע טרעפּ מיט דער בראַנדזענער פאַרענטשע פאַר דעם ברייטן אָפענעם גאַנעק, מיט כפלדיק געטורעמטע טאָפּעלע פליגל, צעטיילט זיך אויף צוויי ממשלות. אויפן רעכטן פליגל זיצט דער אַלטער כסדר דערטראָנקען צווישן מענטשן און פאַרבאָדן מיט זייערע צרות, און אין לינקן געוועלטיקט די אַלטע איבערן הויף און איבערן גאַנצן הויפּסגעזינד.

די צוויי פליגל זענען דאָס מערסטע צווישן זיך נישט בשלום. סע פירט זיך אַ שטילער סכסוך מיט צדדים אויף יעדערנס זייט.

די אַלטע האָט ליב רחבות, ליב צו פירן מיט דערברייטער האַנט, מלכותדיק. און דער אַלטער איז דערמיט נישט מסכים. די פדיונות וואָס פאַלן צו אים אַריין באַדאַרף ער אויף בילכערס. ער איז אַ פּזרן אויף צדקה און צעטיילט. סטייעט ס׳רוב נישט אויף דער הויפּט־הוצאה. היט אים די אַלטע מיט אירע נאָכשפּייערס. און יאַנקל איז דער בריהשסטער.

אַז יאַנקלען קען מען זיך אין לינקן פליגל נישט באַגיין. ווו סע נייטיקט זיך, וויסט ער צוצולייגן אַ האַנט. וואָס סע זאָל נישט פעלן, זוכט ער אָפּ. און דעם יונגן עולם העלפט ער פון אַלע נויטן אַרויס.

ג.

ווינטער אין די לאַנגע אויפדערנאַכטן קומט דער ווייבערישער עולם זיך צונויף אין דער הילצערנער שטוב פאַרברענגען אינאיינעם ביי דער אַלטער.

שטיל, מיט געבויגענע קעפּ און מיט אָנגעצויגענעם ערנסט, ווי אין אַ תפילה, זיצן די טעכטער און שנורן מיט זייערע כלה־מיידלעך אַרום דעם לאַנגן אין ביידע עקן האַלב געקרימטן דעמבענעם טיש, פאַרנעמענדיק זיך

מיט ווייבערישע אַרבעטן: נייען און אויסהעפטן. און די אַלטע, אויף אַ הויך געבעטער שטול אין געבלעטערטן זיידענעם טיכל מיט די אַרומגעריזשלטע שוואַרצע שפּיצעלעך ביים שטערן און דער דימענטענער ציטער־שפּילקע און מיט דער אין דרייען הענגענדיקער בורשטינענער קייט אויפן האַלדז, היט מיטן אַדלערישן קוק יעדע מינע, יעדן ריר.

דאָס ברייטע אָפענע מויל אין דער גרויסער ווי אַ בייגל פון פּאַיאַנסן אויסגעפּלאָכטענער הרובע שפּייט מיט לאַנגע פייערדיקע פּיילן. די שיין פון די צוויי קרישטאָלענע הענג־לייכטער וואַרפט אויף דער געגילדטער הילצער־נער סטעליע און אויף די טאָוולענע מיט שניצערייען באַפּוצטע, ווענט שאָטנס מיט אַרונטערגעדרייטע קעפּ און אַרויסהענגענדיקע צונגען. און דער בייכיקער זילבערנער סאַמאָוואַר וואָרטשעט מיט כעס.

ביי חנה־מינדלען דער גבאיטע מיטן שפּיצעכיקן האָרב בויערן זיך די סאָווענע אויגן דורך שפּאַקולן, וואָס רייטן איר אויף דער פויגלישער נאָז, אין די פאַרגעלטע בלעטער פונעם גרויסן מיט בלוטיקע טרערן אָנגעזאַפּטן קב־הישר. זי לייענט פונעם גיהנום. זי לייענט פון די ביטערע שטראָף וואָס אַן אישה פאַרדינט זיך בעת זי פאַרבייגט חלילה אויף אַ האָר די ברייט פון אירע מצוות.

חנה־מינדל צעבלאָזט מיט איר יאַדעשלעוון דעך דאָס פייער פון אונטער די קעסלען מיט זודיקן פּעך. חלפים בליצן פון איר מויל. און די ווערטער צווישן אירע ציין קלינגען ווי אָנגעליטע שפּיזן, אויף וואָס די פאַרשאָלטענע נפשות בראָטן און פּרעגלען זיך נעבעך פאַר זייערע גרויסע זינד.

די יונגע פּנימער פאַרגעלן זיך האַרבסטיק. אַ פּרעסטל נעמט שפּיליען איבער דער הויט און טרערן וואַרגן אין האַלדז. חנה־מינדל אָבער הערט נישט אויף צו זינקען אין כף־הקלע און, ווי מיט האָגלען, פון דאָרט צו שליידערן כל־הפורעניות, מיט וואָס מענטשלעכע שוואַכקייטן ווערן באַ־שטראָפט. יאַנקל פאַרפעלט נישט צו זיין דערביי און קומט צו הילף, אַז די פונקען פליִען שוין איבער די קעפּ און די נשמות פלאַטערן אויף די שפּיץ נעז.

— מכשפה! וואָס האָסטו זיך דאָ אָנגעזעצט? וואָס ווילסטן נעבעך פון די קינדערלעך? געװג! אַן עק זאָל עס נעמען!

און אויב די אַלטע גיט אַ שמייכל דערצו, איז שוין גאָר וויל. הייסט עס,

אַז זי איז מסכים, מע זאָל די כּמאַרעס פּאַריאָגן. כאַפּט יאַנקל שוין אויף דעם וווּנק און סע נעמט ווייען מיט פרישן דעך. מיט די גלעזער צעקלינגט ער זיך ווי מיט גלעקלעך, טײלט טײ מיט צובײסעכץ און הערט נישט אויף שטיפן און שיטן מיט לצנותלעך. צעגייט זיך דאָס געפּרוּווירנקייט ווי אין דער וואַרעם און סע בליִען אויף די יונגע ווייבערישע בעקלעך די פאַרבן אויף ס׳ניי.

און חנה־מינדל, אַ פאַרשעמטע, אַן אָנגעצונדענע, כאַפּט דעם קב־הישר אונטערן אָרעם, גיט אַ יאָג אַרויס און צעוויינט זיך ביטער אויף דער אַנדע־רער זייט טיר:

— זי וועט אים נאָך ווייזן דעם מה־יעשׂהניק, דעם אָנלייגער. זי וועט אים פאַרטרײבן, פאַריאָגן!

ד.

פון דעם לינקן פליגל האָט שמעון קיין תענוג נישט. אַהין איז אים דער צוגאַנג פאַרלייגט. און אויף וויפל ער איז ביי קײנעם נישט אָנגעלייגט, ווײזט מען אים דאָס אַזוי אָפן נישט אַרויס ווי אין דער דאָזיקער ווייבערישער מלוכה.

טוט עס ביי שמעונען אַ פינקל. ער שפּילט אויס אַ גאַנץ טערקיש קוויטל. וויפל דער באַטרעף האָט אויסגעמאַכט, איז פאַרשטייט זיך קיינער נישט דערגאַנגען. נאָר אַז ס׳איז אַ היפּש ביסל, האָט זיך אָנגעשמעקט.

אין דעם יאָר האָט שמעון אַריינגעטראָגן דעם אַלטן שלח־מנות אויף אַ זילבערנער טאַץ: אַ מאַראַנץ מיט אַ פלעשל קיטעווער וויין. קלייבט זיך שוין אַרום אים אַ שטיק צד: אַ גביר!... און מענטשן קומען אָן צו זיין לאַסקע מיט אַ הלוואהלע. וואַקסט אים די העזה איבערן ווערך.

ה.

ווייבערישע קעפּ זענען גרינג, אָן דאגות. פאַלט זיי איין צו טראָגן אויף זיך, ווי די טשערעפּאַכע דאָס שטיבל, קליידער וואָס רופן זיך אָן קרינעלינעס. און אַז חוהניו, דעם אַלטנס אָן אורא־ייניקל, דערזעט דאָס צום ערשטן מאָל אויף דער יונגער פריצה, איז אָן עק מיט איר. זי לעבט נישט. זי קען זיך שוין אָן דער קרינעלינע נישט באַגיין.

ווי־זשע איז נאָך געהערט געוואָרן, אַ יידישע טאָכטער זאָל זיך אַזוינס אָנטאָן? איז אָבער חוהניו אַן איין און איינציקע ביי טאַטע־מאַמע און ביים גאַנצן הויף.

חוהניו איז אַ באַשעפעניש אַן אויסגעטראַכטס פון אַ מעשה וואָס ברענט אייביק מיט פאַרלאַנגען, כישופט מיט די טריט, מיט יעדער תנועה פון איר בייגעוודיקן ווי פון דער דאָלעטע אויסגעמיינסטערטן לייב און פאַר־שיכורט מיטן באַשלייערטן בליק פון אירע טיף־פאַרטראַכטע מאַנדלענע אויגן.

און חוהניו האָט אירס אויסגעפועלט. נישט מיט די אייגענע כוחות, נאָר מיט יאַנקלס הילף, וואָס פאַרשטייט מיט געניטע חניפהדיקע רייד די אַלטע פון איר דעה אַראָפּצוברענגען. און געפועלט האָט זי דאָס בתנאי, למען־השם! מיט דער קרינעלינע זיך פאַר קיין פרעמד אויג נישט צו באַווייזן. ביי חוהניון האָט דאָס נישט איבעריק אויסגעמאַכט. איר זענען די שפיגלען צווישן די אייגענע וועגט מער פון פרעמדע אויגן. האָט אָבער חנה־מינדל זיך מיט די סאָוועגע אויגן צו דעם סוד דערביוועט.

חנה־מינדל טאַנצט פאַר גדולה. ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין אירע נעצן, דער דם־שונא אירער — יאַנקל. די גבאיטע מיטן שפיצעכיקן האַרב און מיט דער פויגלישער נאָז קען עס יאַנקלען נישט מוחל זיין וואָס תמיד, ווען זי ברענט מיט די פייערן פון גיהנום, רייסט ער איר דאָס טייטל פון דער האַנט. ער וועט שוין אין זיינע וואַסערן מער נישט שווימען! זי האָט דאָס לעקעכל מיט דער קרינעלינע וואַרעם און טאַקע אַט אונטערגעטראָגן שמעונען.

האַ — האַ!

ס׳איז דער אמתער ביסן. און פריש ווי ער האָט עס באַקומען, איז ער שוין דערמיט אַוועק צו איסרן דעם רויטן.

ז.

איסרן רופט מען אין הויף די אינקוויזיציע. פאַר אים ציטערט קליין און גרויס. און פאַר עפּעס וואָס סע קומט אים אויס דעם רבין שלא בכבוד, צינדט ער זיך אָן ווי די רויטע באָרד זיינע און איז להוט אומצוברענגען אַ וועלט.

נעמט נישט לאַנג, אַז אין הויף כאַפּט זיך פּלוצים אויף אַ בורע. מע יאָגט, מע שטורעמט פון אַלע זייטן. מענטשן ווילד ווי צעלאָזענע חיות

שפּרינגען זיך איבער די קעפּ. פּענצטער טראַסקען, טירן ברעכן זיך אויף און סע טומלט מיט קללות און ווילדע געשרייען.

איסר מיט דער פייערדיקער באָרד און מיט די פּיאות צעפּאַטלטע, וואָס וואַרפן זיך אים פאָרויס ווי דעם ביק די הערנער, רייסט זיך דורכן אָנגעלייף און נאָך אים אַ לוויה מיט דער ברענענדיקער קרינעלינע אויף אַ לאַנגער קאָטשערע.

ז.

נאָך דער שרפה איז מיט שמעוּגען געשטאַנען שמאָל. דער לינקער פליגל וויל נישט אַנדערש ווי מע זאָל אים משלח זיין פונעם הויף, און דער רעכטער איז בדיעבד דערמיט נישט אומצופרידן: פּטור! גיט מען דאָרט אָבער צו אַ תנאי: יאַנקל חיה־קונהס זאָל זיך אויך פאַרנעמען. גייען טענות אַ לאַנגע צייט אַהין און צוריק און מע קען זיך נישט משווה זיין. פאַרבלייבן דערווייל די אייניקלעך נישט גערירט און ווייטער אינאיינעם.

ח.

ס'איז פאַראַן אַ צייט וואָס די צוויי אייניקלעך זענען נישט צו דער־קענען. ס'איז צווישן זיי שלום־ושלווה. מע ווינט כמעט באַנאַנד און ווו און ווען הערט מען נישט אויף איינטענהן און שושקען זיך אויף די אויערן. ווען איז די גדולה? בעת ר' יאַנקעלע דעלעטינער האַלט זיך דאָ אויף אין הויף.

ר' יאַנקעלע דעלעטינער איז אויך אַן אייניקל. דעם אַלטנס גאָר אַ נאָענטער קרוב, וואָס לעבט פאַר זיך און קומט נאָר צו פאָרן אויף אויס־געזעצטע זמנים, באַצייכנטע שבתים און יום־טובים.

אָט דעם ר' יאַנקעלען קענען די אייניקלעך נישט צעקייען ווי אַ האַרטן ביין. ער טרינקט זיי אויס די לופט. פון דעם טאָג וואָס ער פאַרפאָרט מיט דער בויד איז אויף מיט אים דער הויף.

אַ גאַנצן ליבן טאָג גייט איין זשום: ר' יאַנקעלע און ר' יאַנקעלע...

און וויפל כבוד ס׳איז נאָר פאַראַן, איז אַלץ פון זיינעט וועגן: ביי די טישן זיצט ער דער ערשטער דעם אַלטן צו דער לינקער האַנט; שיריים טיילט מען נישט, ביז וואַנען ער נעמט אויך נישט אַ ביסן פונעם אַלטנס שיסל אין מויל אַריין. און וואָס נאָך מער: ער פאַרשפאַרט זיך, דער אַלטער, מיט ר׳ יאַנקעלען און זיי פּראַווען אינאיינעם התבודדות. אַמאָל אַ טאָג און צו מאָל טעג. און אַז ס׳האָט געטראָפן, עולם איז צוגעשטאַנען צו דער פאַר־שלאָסענער טיר, האָט דער אַלטער אַן עפן אויף געטאָן און אַ זאָג געגעבן:

— כ׳האָב מיר אויסגעטאָן די זשופּיצע.

ר׳ יאַנקעלע האָט אָבער דערפון קיין הנאה נישט. ער האַלט זיך נישט ראוי. און מיט יעדער תנועה וואָס מע הייבט אים אויף פאַלט ער ביי זיך. סע קומט ביי אים אויס, אַז דאָס גיט מען אים אַלץ אַ בייטשל ווי אַ נישט געראָטן קינד צו דערוועקן ביי אים דעם חשק צו דער התמדה.

צו זיין אַ טאַטנס אַ קינד איז דען שוין גענוג צו לאָזן זאַלבן זיך מיט כבוד? צו מעגן אָנוואַרפן זיך אויף פרעמדע פּלייצעס?

אַז מע פאַרמאָגט כאָטש כוחות בירושה צו קענען מחזיק זיין אַ ייִדן מיט אַן אויסגעכשרט וואָרט! און ער אַליין איז דאָך פּשוטער פון אַ פּשוטן. אים גיט זיך דאָך קיין מאָל קיין צייט נישט איין צו פּרוּוון זיך גיין אין שפּאַן, צו פּרוּוון זיך אויסהאַרעווען אויף עפּעס. אַז כסדר זיצט ער אויף דער פור! דאָס שווערע הויזגעזינד זיינס ליגט אויף אים ווי אַ באַרג.

סאַראַ נחת צו קענען זיצן ביי זיך אין שטוב פאַר זיך אַליין און קענען אַריינדרינגען אין אינעווייניק פונעם הייליקן וואָרט: אַ קאַפּיטל תהילים זאָל דורכנעמען מיט דראָזש; אַ בלעטל זוהר צעבלאָזן זאָל די צוגעדושעטע פייערן און טראָגן מיטן פלאַם.

צו מאָל כאַפּט ער זיך מיט שרעק: גוואַלד, די באָרד איז ביי אים שוין אַ פאַרשנייעטע און ער איז נאָך אַ נאַקעטער ווי אַ בוים אַן אָפּגעשיילטער פון דער קאָרע. צו די צרות איז ער נאָך אַ פאַרשולדיקטער אויך. גאָרנישט איז זיינס. און אַ מצווה טוט ער אויך נישט פון זיין אייגנס — פרעמדע האָרעוואַניע! ער לעבט דאָך דערפון וואָס ייִדן טיילן אים אָפּ.

צו ר׳ יאַנקעלען ווערן מענטשן צוגעוואַקסן. אַ שמייכעלע אויף זיין אויסגעדייוועטן פנים איז בכוח אַ באַצערט נפש אַ חיות אַריינצוזעצן. באַ־זונדער ליב האָט מען אים פאַר זיין כוח־הדיבור. ר׳ יאַנקעלע איז אַ לעבע־

דיקער פנקס. נישט פאַראַן דער מאמר, די מעשה, ער זאָל זי נישט האָבן אין קאָפּ. איבערגעגליט אין זיין מויל, ווערט אַלץ באַשאַפן מיט זיין צורה, מיט זיין תמונה, אַז סע דאַכט זיך באַשיימפּערלעך:

בעת ער דערציילט, זיצט ער נישט איין, מעסט מיט זיינע לאַנגע שפּאַן איין עק צום אַנדערן. און ס׳צעגייען זיך ריחות פון פעלדער, מדבריות ברענען אונטער די טריט, בערג מיט ווילדע חיות וואָס שטעלן זיך ווי שעפּעלעך אויף די הינטערשטע פיס און בוקן זיך מיט די מאָרדעס צו דר׳ערד, וואַקסן פאַר די אויגן אויס און מענטשן פון אדם־הראשונען אָן ביז צום בעל־שם הערט מען רעדן מיט צונגען.

און דער עולם, אַ פאַרשיכורטער, נאָכהאַלטנדיק זיינע שפּאַן מיט אויפגעשטעלטע אויערן, טרינקט די ווערטער, ציט דעם דעך אַ פינטעלע נישט צו פאַרלירן.

די צייט וואָס ר׳ יאַנקעלע דעלעטינער געפינט זיך אין הויף איז שמעונס גרויס אָפּקומעניש. די קינאה פרעסט אים אויף. ער מיט זיין גאַנצן פאַרנעם און שטעל זעט זיך שוין גאָרנישט אָן. מע קוקט אויף אים אַזוי ווי דורך אַ שויב.

— אָך, דער דעלעטינער... ווען ער וואָלט זיך קענען קילן אין אים!

אין שמעונען טליעט אַ פאַרגראָבענער ווייטיק יאָרן לאַנג. דער זיסער חלום זיינער דעם דעלעטינער אויסצוועסן איז אים נישט נאָר פאַרשטערט געוואָרן, נאָר יענער איז צוליב דעם נאָך העכער אויסגעוואַקסן.

שמעון האָט זיך געפּרוּווט מיט אַזאַ אָנשטעל: באשר בכן דער דעלע־טינער איז פוגע אין רבין! ווו איז נאָך אויף אַ וועלט געהערט געוואָרן, בחיו פונעם צדיק זאָל זיך עס עמעץ דערוועגן צו נעמען אַ קוויטל. און ס׳האָט אָנגעכאַפּט!

די מקורבים און ספּאָדעקעס צעהיצן זיך. און דער רעכטער פליגל נעמט גיין אויף רעדער. און סע רודערט זיך אַזוי, אַז סע דערטראָגט זיך ביז צום אַלטן. טוט ער זיך אַ וויש דעם שטערן דער אַלטער, און גיט אַ שמייכל: ער זאָל נאָר וועלן ביי אים צונעמען, וואָלט ער אַליין ר׳ יאַנקעלען — די ריש ברייט אַרויסרעדנדיק — געגעבן אַ קוויטל.

אויך יאַנקלען חיה־קונהס איז ר׳ יאַנקעלע דעלעטינער אַ שטעכלענקע אין אויג. זיין גאָסטשען זיך דאָ איז אים ביז גאָר נישט ניחא. דאָס וואָס

ביידע הייסן זיי דעם אייגענעם נאָמען ברענגט אים שטענדיק איין אומכּבוד און פאַרדראָס:

טוט מען אַ רוף אויף ר׳ יאַנקעלע דעלעטינער שלישי, פאַרגעסט יאַנקל ווען מען מע מיינט, הערט זיך שוין אין אימפּעט אַפילו אויפן פאַר־טערס נאָמען נישט צו און גיט זיך אַ וואָרף. באַווייזט מען אים, אַז ער איז זיך טועה... טרינקט דער אַלטער לחיים צו ר׳ יאַנקלען, איז ער דאָך אין די עולמות, זעט ער נישט. דערמאָנט מען זיין נאָמען, טוט זיך יאַנקל חיה־קונהס אַ כאַפּ אויף און שטרעקט די האַנט, בעט מען אים מוחל זייז איבערוואַרטן... און אַזוי גייט עס די גאַנצע צייט. קאָכט ער — נאָר אויף זיין אופן, באַהאַלטן ווי אַ צוגעדעקטער טאָפּ.

ר׳ יאַנקעלע דעלעטינערס אכסניא אין הויף איז שטענדיק ביי די קינדערלעך. מאַכט זיך איין מאָל על־פּי סיבה, אַז סע קומט אים אויס איינצושטיין אין דער זעלבער שטוב, ווו שמעון און יאַנקל האָבן זייערע דירות. דאָס איז פאַר די צוויי אייניקלעך געווען דער רעכטער טרעפער. און מע נעמט אינאיינעם פאַרטראַכטן אַ רישעות.

ר׳ יאַנקעלע דעלעטינערס הכנות פאַרן שלאָפן־גיין נעמען צו אַ גרויס שטיק נאַכט. ער געזעגנט זיך מיט דער וועלט.

מיט ציטערדיקע, איינגעהאַלטענע טריט שאַרט ער איבער דער לענג פון חדר, שטעלט זיך ווידער און ווידער אָפּ פאַר דער טיר, בויערט דעם שטערן אין דער מזוזה אַריין, און פּסוקים פון קריאת־שמע און טרערן קייקלען זיך פערלדיקע פון אים. און פּלוצים גיט ער זיך אַ לאָז, הייבט אָן דרייען זיך ווי אַן אָפּגעריסענער ווינט אַרום טיש מיט די ברענענדיקע צוויי ליכט און זעצט זיך מיט האַרטע קלעפּ אין דער ביינערדיקער ברוסט אַריין. די פּאָלעס פונעם צעלאָזטן קאַפּטן פליִען, די באָרד און פּיאות אויפ־געשטעלטע שטייען פונעם אויסגעהוילטן פאַרמעטענעם פּנים ווייט אָפּ, די אויגן איבערקוועלנדיק פון די ווייסלען בליצן אים אין דער הייך — און ער ציילט און ציילט זיינע חטאים. און די ליפּן זיינע פאַרבלויען זיך. שטיל און שטילער הויבן זיך פון אים תּפילות ביי יעדן בגד וואָס ער נעמט פון זיך אַראָפּ ווי בעת תּכריכים אָנטאָן, און ער טוט צום סוף מיט זיך אַ שליידער אויפן געלעגער, ווי מע שליידערט אַ רשע אין קבר אַריין.

זענען זיך שמעון און יאַנקל אין אַ טאָג מישב און טוען אָפּ אַזאַ

מעשה: פאַרגנבענען זיך צו אים אין חדר אַריין בעת ער איז נישטאָ און נעמען די ברעטלעך פון אונטער זיין געלעגער אַפּיר; און אַז ר׳ יאַנקעלע האָט זיך אין דער אייגענער נאַכט אויפן געלעגער אַ וואָרף געטאָן, ברעכט זיך עס אונטער אים איין און ער צעביילט און צעשלאָגט זיך רוק־און־לענד.

ט.

צו־מאָרגנס, אַז די מעשה האָט גענומען גיין אויף דער וועלט און טראָגן זיך פון מויל צו מויל, איז באַלד קיין ספק נישט געווען, ווער די בעלנים אויף דעם שטיקל אַרבעט האָבן געקאָנט זיין. און אַלע גוטע מידות און מעלות זייערע זענען אויפגעשטאַנען מיען זיך פון זייערעט וועגן.

קיין טענות, קיין אָפּלייקענען האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן. און איידער נאָך מען האָט זיך אַרומגעקוקט, איז אַראָפּ אַ פּקודה מיטן הסכם פוןביידע פליגלען די צוויי אייניקלעך זאָלן זיך נאָך דעם זעלבן טאָג פון הויף פאַר־נעמען. און אַזוי איז דאָס געשען.

יאַנקל חיה־קונהס איז אַוועק און איז טאָקע שוין מער נישט צוריק־געקומען. פון שמעונען אָבער האָט מען זיך אויף לאַנג נישט אָפּגעטשעפּעט. ווי באַלד ער האָט דאָס עשירות זיינס אָנגעבויט, האָט ער גענומען אַזוי לאַנג צושטיין, אונטערוואַרפנדיק זיך אַלע תנאים וואָס מע האָט אים נאָר געשטעלט, ביז וואַנען ער האָט זיך אין הויף צוריק אַריינגעבעטן.

י.

זומערלעב אין די הייסע טעג, אַז דער אַלטער פּאָרט אַרויס זיך אַ ביסל אָפּרוען, אָפּוואַרפן פון זיך אויף אַ שטיקל צייט דעם עול פונעם גאַנצן יאָר, און דער הויף ווערט סמוטנע ווי אַן אָפּגעקאָסעט פעלד, אויסגעליידיקט פון אייגענע און פרעמדע, צעלאָזן זיך די אייניקלעך מהנה זיין די וועלט.

שמעון דער בערציעכעס האָט זיך זיין אייגענע מדינה וואָס ער איז אַלע יאָר מזכה מיט זיין קומען, בעת ס׳טוט זיך אָפּ די שפע אין הויף. אין דער צייט וואָס שמעון האַלט זיך דאָרט אויף, דערוועגט זיך קיין שום אייניקל נישט אַהין. און אויב אַן אייניקל פאַרפאָרט אין אַ מקום, נישט

ווינסדיק אַז שמעון געפינט זיך דאָרט, פאַרקערעוועט ער איידער נאָך ער שטעלט דעם פוס פון דער פור אַראָפּ.

שמעון אַז ער ציט ערגעץ אָן, איז דאָס נישט אויף דערוויל, איבער־געזעסן אַ שבת און גענומען ווייטער זיך אין וועג אַריין. ער איילט זיך נישט. ער זיצט זיך צוויי, אַפילו דריי וואָכן אַוועק און געזעגנט זיך נישט, אויב ער שמעקט נאָך אַן איינציקן רייניש אָן.

צווישן די מקומות וואָס שמעון פאָרט זיי איבער אין משך פון זיין נסיעה איז פאַראַן אַ שטעטל, ווו ער האָט טאַקע די גאַנצע ממשלה; אַ שטעטל מיט ווינציק חסידים און די פּני דאָרט, רענדאַרעס, זענען פאַר־גלייבט אין זיינע סגולות.

שמעון באַזעצט זיך דאָרט ביי אברהמל שוחט אין דער איינציקער שטוב און אברהמל מיט זיין גאַנצער משפּחה ווערן נע־ונד אין קיך. דאָס איז נישט צום ערגסטן. אברהמלס הויזגעזינד איז צו דעם צוגעוווינט.

נישט זעלטן טרעט מען ביי אים אָפּ דאָס געלעגער אַ פרעמדן ייִדן און ס׳רוב דעם ביסן אַן אומגעריכטן אורח. שמעון אָבער לייגט זיך אָן ווי אַ שטראָף. אַ שוחט מוז אַראָפּשלינגען. ער איז דאָך משעובד צום מינדסטן קנייטשל אין פּנים פון אַ יעדן בעל־הבית. און אברהמל איז אַ ייִד אַ צע־בראָכענער, אַן אָנגעבידעוועטער, פאַרוואָרפן מיט אַ שווער הויזגעזינד און מיט דאגות פון דערוואַקסענע נישט אויסגעגעבענע טעכטער.

ביי שמעונען איז ער און דאָס בני־בית זיינס אין פאַנשטשינע. ער לאָזט נישט כאַפּן דעם דעך. ער הערט נישט אויף שאַפן זיך און ס׳איז קעגן אים נישט יוצא צו זיין.

און קיין שאָרך זאָל מען נישט הערן; און אָט טשאַדעט, אָט רייכערט...

אברהמלען אַליין שאַנעוועט ער נאָך ווינציקער. מיט אים שאַפט ער זיך ערגער ווי מיט אַ משרת.

שפּעט ביינאַכט אַפילו, אַז דער שוחט, אַן אָפּגעהאָרעוועטער פון זיין עבודה, דערלעבט שוין קוים זיך ערגעץ ווו צוצושפּאַרן, פאַרגלוסט זיך ערשט שמעונען אים אויפצוטרייסלען פונעם שלאָף:

— אברהמל סערדצע, הער נאָר, ברענג אַ גלאָז וואַסער מיט איינגע־מאַכטס!

אברהמל פאַר זיך וואָלט שוין די צרות איבערגעשטאַנען, האָט ער דאָך עפּעס די נשים אויף זיין האַלדז. און זיי ברענען אויף קוילן. ווייבער אַז סע קומט זיי אָן די בייזע מינוט, איז דאָך קיין מאָס נישטאָ. קאָסט דאָס

אברהמלען כסדר געזונט דעם צאָרן מיט געבעט און פאַרשווערעכצער אָפּ־צולעשן.

האָט פאַר אברהמלען אויך אַ טאָג אַ שיין געטאָן.

יא.

אין דעם שטעטל לעבט אַ יונג פּאָר־פאָלק. עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה, און די ברכה פון קינדער האָבן האָט ביי זיי זיך נאָך נישט געוויזן.

פאַרצייטנס פלעגן מענטשן זיך איילן צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט. איז דאָס געמיט ביי זיי אַ צערודערטס. דעם ווייבלס פאָטער איז דעם אַלטנס אַ פאַרברענטער חסיד. און וויפל מאָל ער קומט נישט צו אים פאַרבייגט ער נישט מזכיר צו זיין די בקשה פון זיינע קינדער. נאָר אַז דער רבי זיינער איז דאָס מדחה מיט אַ שמייכל, מאַכט עס אים קיין זאָרג נישט.

קומט שמעון דער בערציעכעס צו פאָרן, ווי געוויינטלעך, און דאָס ווייבל הייבט אָן צאַפּלען אַ סגולה.

דאָס יונגע ווייבל איז שטאַרק צוגעבונדן צו איר מאַן און מאַכט זיך דאגות וואָס זי איז נאָך קיין מוטער נישט. דער יונגער־מאַן האַלט נישט פון קיין סגולות, און צו שמעונען אָנצוקומען איז אים שוין גאָר נישט אָנגעלייגט. ווארעם דער שווער זיינער זאָל זיך דערוויסן, וואָלט זיך טאָן חושך. פאַר אים טאָר מען דעם נאָמען נישט דערמאָנען. נאָר אַז זי הערט נישט אויף בעטן און רעדן איבער אים, האָט ער קיין ברירה נישט און איז מסכים.

כאַפּן זיך ביידע אין אַ שפּעטן ביינאַכט, בשתיקה, קיינער זאָל זיי נישט זען, אַוועק צו שמעונען אין דער אכסניא.

שמעון אין אַ באַרכעטענעם, מיט געלע און רויטע פּאַסן שרייענדיקן כאַלאַט, זיצט צעשטרעקט אויף אַ שטול און פאַרנעפּלט די שטוב מיט כמאַרעס פון זיין ווייכשלענעם ליולקע־ציבעך, אַ לאַנגן ביז צו דער ערד.

דאָס פּאָרל שטייט פאַר אים אויף ציטערדיקע פיס, און די אויסגע־גלאָצטע אויגן זיינע שרויפן זיך אין זייערע פאַרבלעכנעטע און שעמעוו־דיקע פּנימער.

שמעון צעקייט אַ שפּיץ פון זיין האַרטער שטרויענער באָרד צווישן די אויפגעוואָרפענע ליפּן, לאָזט אַ זיפץ נאָך אַ זיפץ פון זיך אַרויס און טוט אַלץ ווי אַ שווער דערהערנדיקער פון זיך אַ ברום:

— אַאַאַ?... אַאַאַ?... און דער אַלטער?... נו?...

דער יונגער־מאַן קנייטשט זיך:

— כ׳ווייס?... ער הערט זיך עפּעס נישט צו.

שמעון אַרויסשפּייענדיק די שפּיץ באָרד פון צווישן די ציין, צעלאָזט זיך בייז:

— איז דאָך גוט!... גאָר גוט!... וואָס־זשע איז טאַקע אַזוינס דאָס איילעניש?...

זיי זענען איבערגעשראָקענע. אַ קרובה אירע, נישט פאַר קיינעם גע־דאַכט, זיצט שוין זעקס יאָר נאָך דער חתונה אָן קינדער.

פון שמעונס ליולקע־ציבעך גיט זיך אַ הייב אַ כוואַליע געקנוילטע רויכעס און צוויי טיפע פינצטערע קנייטשן פון זאָרג קאַרבן זיך אויף זיין שטערן איין:

— אַזוי?!...

מילא, וועט ער זיי געבן אַ סגולה, כאָטש ס׳איז נאָך קיין סכנה נישטאָ. די סגולה איז אַ חריפות, איינע אין דער וועלט. ער גיט עס נישט אַרויס, סיידן סע האַלט חלילה ביים ערגסטן. זיי זענען דאָך עפּעס חשובים. וועט ער פאַרקוקן. סע באַדאַרף אָבער קאָסטן אַ פינף־און־צוואַנציקער, אַ פּרוטה נישט געמינערט.

דאָס פּאָר־פאָלק זיצט אויף קעסט ביי אירע עלטערן און דער פאָטער האַלט דעם נדן אונטערן שלאָס. און שמעון איז נישט ווייך צו מאַכן. האָט מען קיין ברירה נישט, גיט אים אַן אַדערויף, אַן אָפּשפּאָר פון די וואָכערס, און זאָגט אים צו דעם רעשט, אַז די סגולה וועט אָננעמען.

און דער פון אויבן האָט געהאָלפן.

יב.

דאָס אַנדערע יאָר, אַז שמעון האָט אָנגעצויגן אין שטעטל און זיך דערוווּסט פון זיין מופת, האָט ער באַלד גענומען צושטייך, מע זאָל אים אָפּצאָלן דעם חוב.

דאָס פּאָרל איז אָבער נישט בכוח. זיי זיצן נאָך אַלץ אויף קעסט, די הוצאה האָט זיך ביי זיי פאַרגרעסערט און דעם פאָטער טאָר מען פון דעם חוב נישט דאַכטן. בעט מען זיך ביי אים צו צוואַרטן אַ קורץ שטיקל צייט:

זיי גרייטן זיך בקרוב אַראָפּצוגיין אויף אייגן בעלי־בתישקייט. איז נישט צו פּועלן, בלייבט קיין עצה נישט ווי זיך נישט־וויסנדיק צו מאַכן און אויסצובאַהאַלטן זיך פון זיין פּנים.

נישט אָבער ביי שמעונען פּטרט מען זיך דערמיט. ער לאָזט נישט אויס אַ טאָג נישט צו שיקן אויף זייערע קעפּ זיינע חסידים און געטרייע גבאי־טעס מיט סטראַשאַקעס אַזעלכע וואָס נעמט ביי זיי צו די רו און דאָס געזונט.

דער יונגער־מאַן, וויפל דאָס זאָל אים נישט צענעמען, האַלט ער זיך און סע זעט זיך אויף אים אַזוי נישט אָן. דאָס ווייבל אָבער גייט איין, דאַרט אָפּ ווי אַ צעבראָכענער צווייג.

די עלטערן אירע צוקוקנדיק זענען ביז גאָר באַצערט און פאַרשטייען נישט וואָס איז דאָ געשען, וואָס פאַר אַ קללה ס'האָט זיך ביי זיי אַריינגע־מישט. אויף פּרנסה איז זיך נישט צו באַקלאָגן. געזונט — אויך דאַנקען גאָט. און דאָס צוגעבונדנקייט צו אַנאַנד ווייזט זיך אויס פאַרשטאַרקטער, פון זינט דאָס קינד לעבן איז זיי געשענקט. וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ שטראָף...

באַקומט שמעון אין אַ טאָג דעם יונגן־מאַן אין גאַס און פאַלט אים אָן פּעכנדיק ווי אַ וואָלף: ער וואָרנט אים, אויב ער וועט אים נישט באַצאָלן דעם חוב, נאָך פאַר זיין אַוועקפאָרן, זאָל ער דאָס געדענקען. נישקשה, ער האָט ביי אים אַ גוטן פּקדון, ער קען זיך אים אָפּנעמען ווען ס'איז.

דער יונגערמאַן איז אַהיים מיט אַ ויצעקו און די יונגע טאַטע־מאַמע האָבן דעם סוד שוין מער פאַר זיך אַליין נישט געהאַלטן.

יג.

דער פאָטער, אַן איינגעקשנטער, פאַרגלייבטער חסיד, דערשרעקט זיך נישט. אויפגעזאָטן איז ער אָבער פון דעם פאַרמעסט: אַ ייד זאָל גאָר קיין מורא נישט האָבן אַזעלכע רייד אויסצוברענגען! און שוין שפּאַנט ער די פור, זעצט אויף די גאַנצע משפּחה זיינע, דאָס פּיצעלע קינד אויך, און אויסלאָזנדיק דאָס פאַרביטערטע האַרץ זיינס צו די פערד, נעמט ער טרייבן מיט אַ היץ אַזאַ, אַז סע זיפּט זיך די ערד אונטער די קאָפּיטעס. ער יאָגט צו זיין רבין.

יד.

פאַרגייט נישט די גאַנצע וואָך, אַז סע לויפט אָן אַ משולח אויף אַ פערד מיט אַ שליחות פונעם אַלטן צו שמעונען. שמעון איז שוין אונטער־וועגנס. ער האָט געפילט, אַז דער שטורעם וואָס וועט באַלד אויף אים אַראָפּפאַלן האַלט שוין אין פאַרגאַרטלען זיך מיט פייער אָנגעלאָדענע וואָלקנס. און דער רייטער, נישט פאַרגינענדיק זיך אַפילו צו כאַפּן אַ ביסל דעם דעך פונעם שאַרפן געיעג, נעמט זיך ווייטער נאָך זיין סליד.

שמעונען אָבער האָט ער מער נישט דעריאָגט. ער איז פאַרטראָגן געוואָרן מיט די ווינטן וואָס קערן זיך מער נישט אום.

די ירושה

א.

צוליב איין איינציק חפץ האָבןביידע ברידער, ר׳ אברהם־יעקב און ר׳ דוד־משה, זיך געוואָרפן מיט דער ירושה — דעם גרויסן עשירות, וואָס ס׳איז פאַרבליבן נאָך זייער פאָטער, ר׳ ישראלטשע רוזשענער.

דאָס דאָזיקע איינציקע חפץ האָט איינער קעגן אַנדערן געפּרוווט אויס־שפּילן מיט בערג: גאָלד און זילבער, טייערע צירונגען — אַנטיקן וואָס קי־ניגלעכע אוצרות פאַרמאָגן נישט, און ס׳האָט דאָס אַלץ קיינעם פון זיי ביידע נישט געקענט איבערוועגן.

ביידע ווילן איינס און דאָס אייגענע — דעם פאָטערס תפילין.

האָט מען געוואָרפן אַ גורל: איין מאָל, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און ס׳זענען געפאַלן די תפילין ר׳ דוד־משהן.

ר׳ אברהם־יעקב איז זייער צערודערט דערפון. אים, דעם עלטערן, האָט געדאַרפט פאַרבלייבן דעם פאָטערס קרוין — די תפילין. און דער גורם איז פאָטיק! דאָס אָפּרו־אָרט פון זייער פאָטער — סוף יאָרן, ווו אַהין ס׳האָבן זיך די יורשים פאַרקליבן צו צעטיילן זיך מיט דער ירושה.

אין סאַדעגערע, ווו ער איז דער ממלא־מקומו, וואָלט ער דעם גורל נישט פאַרשפּילט...

מילא, די שכינה איז אין טשאָרקאָוו אויך נישט פאַרפרעמדט!

פון דעסט וועגן אָפּזאָגן זיך אין גאַנצן האָט ר׳ אברהם־יעקב נישט גע־קענט. ס׳איז אים פאַרבליבן אַ בענקעניש וואָס האָט זיך נישט אָפּגע־טעמפּט, אַ בלויז וואָס ער האָט נישט געקענט אָנפילן. פלעגט ער, צו־מאָרגנס, ווי נאָר ער האָט אָנגעטאָן דעם טלית, עפענען די טיר פון דאַוון־שטיבל אין קלויז אַריין און נעמען רעדן פון די תפילין און פון דעם סופר וואָס האָט זיי געשריבן — ר׳ משה פּשעוויסקער. אַ צייט אַזוי:

אַ ייִד וואָס האָט די זכיה צו לייגן ר׳ משהס תפילין איז פאַרזיכערט צו האָבן גלוי־אליהו. זען אליהון איז דען גלאַט אַ זאַג אַזוי? ס׳איז דאָך התרוממות אַרויף, אַרויף. ס׳עפענען זיך טירלעך פון די פאַרשלאָסענע טי־פענישן אין דער נשמה און מען דערזעט און דערהערט מעשים וואָס מיט קיין חוש באַנעמט מען עס נישט.

אַ מענטש וואָס ס׳איז אים נישט אָנגעצייכנט צו לייגן די תפילין, טאָר זיי נישט אָנרירן. חס ושלום! די אותיות זענען ווייסער גלי, פאַרהילט אין שוואַרצער טינט.

ר׳ משה האָט נישט איינגעטונקען די פעדער, ביז מען האָט אים פון אויבן נישט מודיע געווען, אַז ס׳גייט אַראָפּ אַ נשמה וואָס דאַרף לייגן זיינע תפילין. און ערשט פון דער רגע אָן האָט ער זיך גענומען שרייבן און האָט געשריבן אַלע דרייצן יאָר, ביזן טאָג פון דער בר־מצוה.

בעתן שמועס זענען ביי ר׳ אברהם־יעקבן די אויגן געווען פאַרטראָגן אין דער ווייט און אין פנים איז אים געשטאַנען אַ פלאַם.

און איין מאָל איז ר׳ אברהם־יעקב אַריין אין אַ התפעלות אַזאַ, אַז ער האָט זיך פאַרגעסן און ס׳האָט זיך פון די ליפּן ביי אים אָפּגעריסן:

— ווען נישט וואָס די הייליקע תורה... וואָלט איך...

און אַ דערשראָקענער פאַרן אייגענעם, נישט דערזאָגטן וואָרט, האָט ער מיט זיך אַ וואָרף געגעבן און זיך פאַרשלאָסן הינטער דער טיר.

האָ? — וואָס? —

אַ פראָסט האָט געטאָן אַ צי אָן. דער עולם אין קלויז, אויף דער אַנדערער זייט טיר, שטייט פאַרגליווערט און מבוהל. און דער האַלבער, נישט־דערזאָג־טער דיבור, הערט נישט אויף פאַרקלינגען אין די אויערן, בויערט זיך אין די מוחות, און קיין טייטש, קיין פירוש געפינט מען נישט.

ב.

אַן עוולה — אַן עוולה אַזאַ, וואָס אַפילו דער כסא הכבוד קען עס נישט פאַרענטפערן!

מענדל־שלמה, דער איינגעזעסענער, פאַרגריזשעטער יושב, פאַר־שטייט די טייטש, באַנעמט גוט דעם פירוש: פון זינט דער רבי עפנט אויף,

צו־מאָרגנס, די טיר אין קלויז אַריין און הייבט אָן זיינע הייליקע רייד פון די תפילין, צעשטעכט אים יעדעס וואָרט דעם קאָפּ, צעפּייניקט אים יעדער קנייטש דאָס לייב און לעבן.

אָבער וואָס טאָן? — וויאַזוי פאַרריכטן די קריוודע? —

היינט איז אים קלאָר. דער רמז וואָס איז אַרויס פון זיין הייליק מויל האָט פאַר אים אויפגעלויכטן דעם פאַרשטעלטן וועג:

ער דאַרף צוריקברענגען די תפילין צו דעם, וואָס נאָר פאַר אים זענען זיי געוואָרן אָנגעצייכנט!

און נאָך אין דעם אייגענעם טאָג, איז מענדל־שלמה ווי צעבריט פון אַ בייטש אַוועק בשתיקה קיין טשאַרקאָוו.

ג.

צוויי שרפות האָבן זיך אויפגעריסן. ס'ברענט אין טשאַרקאָוו, ס'ברענט אין סאַדאַגערע, און מענדל־שלמה שטייט אין מיטן און קען זיך נישט אַדורכרייסן. די הקפדה פוןביידע רבים הענגט איבער אים ווי אַ שאַרפע שווערד, גרייט אַ יעדע רגע אים צו צעשפּאַלטן, און ער האָט קיין זכות נישט וואָס זאָל אים באַשירעמען.

ד.

אויף ר' דוד־משהן זענען געקומען גרויסע יסורים: נאָר ער לייגט די תפילין, באַפאַלט אים אַ חולשת און אין מוח אַ מסוכנער בלבול־הדעת. די ווערטער פון די תפילות צעפאַלן זיך און ס'שווימען אים פאַר די אויגן פייערדיקע רעדער.

טאָג אויף טאָג איז מען מגיה די תפילין און ס'איז חלילה קיין פּסול, קיין פּגימה נישט צו געפינען. דער פּאַרמעט, דאָס כתב זענען כשר וישר. וואָס־זשע איז פּלוצים געשען?

און מיט יעדן טאָג שטאַרקט זיך ביי אים דער בלבול־המוח, דאָס חולשת, און די שווימענדיקע, פייערדיקע רעדער האָבן שוין גענומען זיך

רייסן צו די ווענט. ווי לאַנג ער טראָגט די תפילין, טוט ער זיי אויס און לייגט אַ פּאָר אַנדערע, זעענען די פּיין ווי מיטן רויך אַוועק.

ר׳ דוד־משה דערפילט און זעט פאַרבאָרגענע זאַכן, נאָר די סיבה איז פאַר אים פאַרטונקלט מיט געדיכטע נעפּלען.

אפשר זיך פאַרזינדיקט וואָס ער האָט זיך דעם עלטערן ברודער אַנט־קעגן געשטעלט... זכה בגורל. דריי מאָל האָט מען געוואָרפן און געפאַלן איז אַלע דריי מאָל אויף אים.

צי האָט ער זיך נישט קיין צו גרויסן כבוד אָנגעמאָסטן. אַיי וואָס ער האָט עס ביז איצט נישט דערזען... איז עס טאַקע אַ זכיה — אַ גרויסע זכיה... מען האָט פאַר אים געעפנט דעם וועג... אָבער ער דאַרף נאָך קלע־טערן, ער זאָל זיך אַרויפבאַקומען — דערגרייכן...

מוותר זיין וויל ער נישט!

און ר׳ דוד־משה טוט אָן און טוט אויס די תפילין, פאַרבייט זיי אַלץ מיט אַנדערע — יעדן טאָג פון דאָס ניי, און טראָגט די יסורים וואָס טרעטן נישט אָפּ מיטן גאַנצן מסירות־נפש.

ה.

עלף חדשים קומט אָפּ די נשמה פאַר די זינד וואָס זי איז באַגאַנגען אויף דער וועלט. דערנאָך באַקומט זי דעם תיקון — ווערט אויסגעלייזט. מענדל־שלמה איז נאָך אַפילו צום משפט נישט געוואָרן צוגעלאָזט.

ביידע בערן האָט ער אויף זיך אָנגערייצט און קען נישט איינשטילן קיינעם פון זיי. און ער בלאָנדזשעט, אין דמיון, ווי אַ גילגול פון איינעם צום אַנדערן. און דאָ און דאָרט ברענט ער פון די פּיינען וואָס האָבן זיך אויף אים אָנגעלייגט, זינט ער האָט זיך געלאָזט אין שטרויכלגאַנג, גע־לאָזט זיך אַריינפלאָנטערן אין זייער פאַרבאָרגעניש...

נאָר דער שטן האָט אים דערצו אָנגערעדט!

ו.

שעטנז! ער איז נישט קיין אייגענער. זיי האָבן אים דערשמעקט, די טשאָרקאָווער יושבים, ווי אַ פרעמדן שעפּס אין זייער טשערעדע. און

ס׳גייען אים נאָך אויגן און שפּיזן אים אויף ביי יעדן טריט. ס׳נוצט נישט קיין אויסמיידן, קיין אויסבאַהאַלטן. טעג גייען אָפּ, אַמאָל אַ גאַנצע וואָך, ער ווייזט זיך נישט אין הויף, אָבער אויגן פּראַקטיקע שפּירן אים אויס ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, און שרויפן זיך אים ביז אין די געדערעם אַריין.

דערנענטערן לאָזט אים קיינער נישט צו זיך. אַ דיבור, ער פּרוּווט אויסברענגען, האַקט מען איבער מיט אַ ביטולדיקן קנייטש, אַ פאַרוואַרף מיט דער האַנט, און דרייט צו אים אויס אַ שטומע קאַלטע פּלייצע.

נישט פאַראַנען דער טאָג זיי זאָלן נישט פּראַווען אַ חסידישן זיץ — ס׳איז זיי אויפגעלייגט! אים לאָזט מען אין רעדל נישט אַריין. זיי האָבן אים נאָך קיין איינציק מאָל קיין גלעזל משקה נישט דערלאַנגט צו טרינקען לחיים מיט ייִדן. ווען נישט דער ברען וואָס גליט אין אים צו זיין הייליק שליחות, וואָלט אים דאָס חולשת־הדעת אַראָפּגענידערט חלילה ווי טיף... און צו וואָס קען דאָס נישט דערפירן...

אַז ייִדן זאָלן זיך אַזוי פאַרפרעמדן פון אַן אַנדערן ייִדן, אַ פאַרוואָגלטן. די מידה פון הכנסת־אורחים איז ביי זיי הפקר. זיי טראַכטן גאָר נישט, די טשאַרקאָווער לייט, זיי זענען עובר אויף אַ לאו אין דער תורה!

ז.

טריט ביי טריט, ווי מיט מילשטיינער אויפן האַלדז, דערשלעפּט איין טאָג צום אַנדערן, און ס׳האָט זיך דער פינפטער חודש שוין באַנייט און ער שטייט נאָך אַלץ ביים אָנהייב:

ער קען נישט דערלאַנגען די עטלעכע שפּאַן פון דער קלויז אין דאַוונשטיבל אַריין, ווו די תפילין געפינען זיך, אינאיינעם מיט אַ ספר־תורהלע, אין העלפאַנט־ביינערנעם אָרון־קודשל. בעת דער רבי זיצט נישט דאָרט, איז אָפן די טיר פאַר סיי וועמען: מען גייט איין און אויס און באַוווּנדערט די חידושים וואָס בלישטשען און פאַרכאַפּן ביי יעדן קער און ווענד. ייִדן וואָס האַלטן אין שיעור ביי תבנית־המקדש, באַקוקן מיט דער גמרא אין דער האַנט, דאָס בית־המקדשל וואָס באַשיינט דאָרט, אַ געשניצטס פון זילבער, אַן אָפּשפּיגל פון דעם אמתן בית־המקדש אַמאָל אין ירושלים.

אים, אַז ער פּרוּווט זיך דערנענטערן, באַפאַלן אים משונהדיקע שרעק.

זיי דערציילן, אַ מלאך וואַכט איבער די תּפֿילין. אַ האַנט וואָס שטרעקט זיך אויס נאָך זיי דאַרט אָפּ.

גוזמאות. מאַלע וואָס זיי רעדן. אים וועט עס נישט אָפּהאַלטן צו טאָן זיין חוב!

אָבער וויפֿל מאָל ער האָט שוין נישט געהאַלטן אָט, אָט, נאָר צו צוליגן די האַנט, איז געקומען אַן איבערשלאָג:

איין מאָל האָט דער פֿידל, וואָס איז אויסגעמאָלן איבער דער טיר, זיך צעשפּילט און אַלע אויסגעמאָלענע פֿייגל פֿון דער סטעליע האָבן צו־געזונגען.

אַן אַנדער מאָל איז ער שיער נישט אומגעקומען: דער זילבערנער הענגלייכטער איז אַראָפּגעפֿאַלן, אַ פֿינגערשפּאַן די ברייט, פֿון אים. נאָר אין זכות פֿון זיין שליחות איז ער ניצל געוואָרן מיטן לעבן.

און ווידער האָט געטראָפֿן וואָס ווילדע קולות האָבן געבראָכן די ווענט און אַ בערע האָט געשליידערט מיט אים און מיט אַלץ אין דער לופֿטן. ס'אַראַ פּחד ס'איז אים פֿון דעמאָלט אָן אַריין אין האַרצן... און ער איז נישט אָפּגעשטאַנען... ביז דער פֿון אויבן האָט זיין אינעווייניקסט געשריי דערהערט און האָט זיין רצון ממלא געווען: פֿונעם טיפֿן שלאָף אויף אַ באַנק אין קלויז האָט אים, אין אַ נאַכט, אַ פֿאַרשאַטנטער פֿון שיין, אויפֿגעוועקט, צוגעפֿירט אים צום קליינעם העלפֿאַנט־ביינערנעם אָרון־קודש, אין דאַוון־שטיבל, און געגעבן אים ר' משה פּשעוויסקערס פּרשיות, אַן די בתּים, אין די הענט אַריין.

ח.

וואָס האָסטו אויף מיר אָנגעבראַכט? האָט ר' אברהם־יעקב, דערזעענ־דיק אים פֿאַר זיך מיט דער מתּנה, אַ צאַפּל געטאָן אין דער הייך און איז אַן אָפּגעטויטער צוריקגעפֿאַלן אויף דער שטול.

און די דאָזיקע געציילטע ווערטער טראָגן זיך איבערן גאַנצן זאַל, קלינגען פֿון איין עק צום אַנדערן, פֿון אַלע זייטן, כאַפּן זיך אַריין אין די געגילדעטע שפּיגלען אויף די ווענט, און ס'נעמט הודען און איבערקרימען זיך יעדעס וואָרט פֿון יעדער זאַך און פֿון אַלץ וואָס שפּיגלט זיך אין זיי.

און ס׳שטעלט זיך נישט אָפּ, ס׳לעשט זיך נישט איין. און די זייגערס אין די ווינקלען, אַריינגעטונענע אין קרישטאָלענע מיט גאָלד געפּוצטע שענק, ציילן נישט געמאָסטן די טריט פון דער צייט. ס׳שטורעמען די אומרוען מיט דונערדיקן געפּויק און ס׳פּאַרטויבן די גלעקער מיט אַ צעשפּאָלטן גרילצנדיק געשאַל. און ער, מענדל־שלמה, איינער אַליין, אין דעם הפקר־דיק־צעלאָזטן געטומל, הויקערט זיך טיף און טיפער, ביז ער פאַלט פון די פיס און וואַלגערט זיך ווי אַן עכברוש אויפן קאַלטן פּילמיניק גלאַנצנדיקן דיל.

ט.

אַ שאָטן האָט זיך געלייגט איבערן הויף און קאַרבט זיך אין אַלע־מענס פּנימער. ער ווייזט זיך, ר׳ אברהם־יעקב, מער נישט אויף די גע־שניצטע גאַניקעס, וואָס פלעכטן זיך ווי הדסן אַרום די אויסנדיקע ווענט פון זיין באַוווין, מיטן דעמפּנדיקן באַרשטינענעם לולקע־ציבעק. ייִדן וואָס קומען פון גאָר דער וועלט זיצן אָפּ וואָכן און ער נעמט זיי נישט צו:

— ס׳איז קיין עת־רצון נישט, די טויערן זענען פאַרשלאָסן...

און זיי פאָרן אַוועק מיט געבראָכענע הערצער און מיט זייערע נישט־אָפּגעלאָדענע דאגות. אַ מטבע שיקט ער צום עולם, פון מאָל צו מאָל, אַרויס אויסצושפּילן אויף תיקון, און הייסט בעתן ווינטשן אים אין זינען האָבן... און קיינער ווייסט נישט אין וואָס ס׳גייט, אַפילו די נאָענטסטע נישט.

פריטיק־צו־נאַכטס, ביי די טישן, זיצט ער ווי איינגעגליווערט: אין דער צורה איז אים דאָס לעבן אויסגעלאָשן, און ער ברענגט קיין דיבור נישט אַרויס. איין מאָל בלויז האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט:

— אַז מען דערהייבט זיך נישט צום צדיקס השגות, פאַרגרייזט מען די טייטשן און ברענגט אָן זינד...

און ס׳האָט זיך פון אים אָפּגעריסן אַ קרעכץ אַזאַ, ווי אין דער לעצ־טער מינוט:

— און ערב איז ער, נאָר ער, אויף אים פאַלט די שולד — בזה ובבא!

י.

און מענדל־שלמה בלאָנדזשעט אין שאָטן פון זיין אייגענער געשטאַלט און געפינט קיין אָרט נישט זיך אויסצוהיטן פאַר די פּחדים וואָס הויערן

איבער אים. און דאָ, אין סאַדעגערע, ערגער נאָך ווי דאָרט, גייען אים נאָך אויגן ווו ער שטעלט די טריט און שטעכן זיך אים אַריין אין פינטל פון האַרץ. און טעמפּ און פּאַרטויבנדיק הערן די קולות, וואָס האָבן זיך אויף אים אַ לאָז געטאָן ביים רבין אין זאַל, נישט אויף נאָכהילכן אין אַלע זיינע חושים, און צו פאַרציטערן אין זיין בלוט.

יא.

און ווידער, אין אַ צו־מאָרגנס, נאָך דער לאַנגער צייט, האָט ר׳ אברהם־יעקב, איינגעהילט אין טלית ביז איבערן קאָפּ, אַן עפן אויף געטאָן די טיר פון דאַוון־שטיבל אין קלויז אַריין און האָט זיך צום עולם אַ ווענד געגעבן מיט אָט די רייד:

— וויפל איז עס דער שיעור, וויפל דאַרף עס אַ ייִד אָפּקומען — אַ שוגג? ער האָט עס דאָך געטאָן מיט אַ כשר האַרץ, מיט דער אמונה פון אַ הייליקן חוב!

יב.

ר׳ אברהם־יעקב פאָרט צו זיין ברודער קיין טשאָרקאָוו. „ביי זיי״? דער עלטערער ברודער זאָל פאָרן צום יינגערן, נישט פאַרבעטן אויף אַ שמחה, נישט אָנגעזאָגט, אַזוי אומגעריכט! דער רושם, די פאַרוווּנדערונג איז איבער גאָר.

די ידיעה פליט מיט שטורמישע פליִערס און רודערט אויף אַ בהלה, אין שטעט און שטעטלעך, וואַרפט אָן אַ שרעק אויפן גאַנצן וועג.

און ר׳ אברהם־יעקב זיצט אין דער קאַרעטע מיט פאַרהאַנגענע פענצ־טער און ווייזט דאָס פּנים נישט אַרויס צו די טויזנטער, מיט אָנגעשריבענע בקשות, אויסגעשטרעקטע הענט...

— איצט איז נישט די צייט. איצט קען ער אַ רגע נישט פאַרזאַמען!

יג.

ביידע ברידער אין דאַוונשטיבל שטייען זיך פּנים אל פּנים און ר׳ אברהם־יעקב, אַ שטאַרק־צעדרודערטער, קוקט ווי ר׳ דוד־משה לייגט די

תפילין און טוט זיי באַלד אויס, לייגט אַנדערע תפילין און טוט זיי אויס און לייגט ווידער די ערשטע תפילין. נאָך און נאָך אַמאָל אַזוי.

ווי היינט, האָבן נאָך ר׳ דוד־משהן דעם פּאַטערס תפילין נישט גע־ברענט, אַזוי האָבן זיי אים נאָך קיין מאָל נישט דעם מוח צעטראָגן.

— פון אַ צייט זענען מיך דעם טאַטנס ז״ל תפילין שטאַרק מבולבל, אַזוי מבולבל אַז איך זע נישט אַן אות, אַ פּינטל פון אַן אות אין די תפילות.

— האַ, ווי מיינסטו, ברודער, כ׳בין נישט ראוי?...

ביי ר׳ אברהם־יעקבן איז דער ברייטער הויכער שטערן אָנגעוואָלקנט מיט טיפע קנייטשן, באָרד און פּיאות צעכוואַליעט און דאָס פּנים גליט ביי אים אָנגעצונדן פון היץ.

הויל ציט זיך אַ מינוט נאָך אַ מינוט, אויסגעליידיקט פון אַ דעך, פונעם מינדסטן באַוועג, ביז ער גיט זיך אין גרויס ציטערניש אַ וואָרף צו זיין ברודער און דערלאַנגט אים דאָס פּאַרהוילענע: די פּרשיות, געשריבענע פונעם סופר, ר׳ משה פּשעוויסקער.

די סטרעליסקער

אין סטרעליסק איז אַ שמחה — אַ יום־טוב. דער תיקון גיסט זיך מיט קאַנען. חסידים טאַנצן אויף די גאַסן און דער געזאַנג ברענט זיי פון די מיילער.

אַ גרויסער חשובער גאַסט איז דאָ. ר׳ מענדעלע קאָסאָווער, באַגלייט פון חסידים זיינע, איז געקומען אויף נאַכטלעגער צו זיין שוואָגער, ר׳ אורי, קיין סטרעליסק.

די וועלט פלעג זאָגן: ביי ר׳ מענדעלען ליגט דער שליסל צום אוצר פון פרנסה, ביי ר׳ אורין — פון יראת־שמים.

זענען טאַקע קאָסעווער חסידים געווען גבירים עשירים, סטרעליס־קער — קבצנים־אביונים.

סטרעליסקער חסידים פעלט אָבער קיין עשירות נישט. זייערע השגות זענען נישט קיין געלט.

— התעוררות עבודת־הבורא! מיט דעם חיות לעבן זיי.

פייער שפריצט זיי ביי די תפילות. בעתן דאַוונען וואַרפן זיי זיך מיט די קעפּ צו די ווענט, סדוכן זיך מיט די קולאַקעס אין די הערצער און מיט וואָס עס קומט זיי אונטער די הענט. טאַנצן ווי מטורפע מיט די שטענ־דערס אַרום, צעברעכן צעלאָמען, און די געשרייען און גוואַלדן זייערע צע־שלאָגן וואָלקנס, רייסן די הימלען איין.

◈

ר׳ מענדעלע קאָסאָווער האָט פונעם סטרעליסקער עניות געוווּסט, נאָר אויף אַזוי ווייט נישט געגלייבט. און אַז ער האָט עס איצט דערזען, דאָס אָרעמקייט, אין דער גאַנצער באַשיימפּערלעכער גרייס: אויסגעווייקטע, פאַרהונגערטע פּנימער, אָפּגעריסענע מלבושים אויף איינגעטריקנטע לייַ־בער, איז ער געווען צעקאָכט און איבערגענומען ביז גאָר.

— היתכן! ווי אַזוי דערלאָזטו עס ,אַז ייִדן, יראים ושלימים ווי דיינע, זאָלן עס אַזוי אָפּקומען אויף דער וועלט?

— גלייב מיר ,שוואָגער־לעב, פאַרענטפערט זיך ר׳ אורי, אַ זייער התנצלותדיקער, איך האָב — חס־ושלום — אין דעם קיין שולד נישט. אַז ס׳פעלט זיי נישט!

◈

ר׳ מענדעלען איז ר׳ אוריס תירוץ נישט איינגעגאַנגען. עס האָט אים נאָך מער צערודערט און אין גרויס אומרו אַריינגעבראַכט.

ער וועט זיך אַליין פּרוּוון צו זיי.

און שפּעט ביינאַכט, דער עולם האָט נאָך אַלץ געפּראַוועט די שמחה, געפרייט און דערהויבן זיך מעלה מעלה, לאָזט ער צו זיך רופן די פּני פון די סטרעליסקער און פרעגט ביי זיי:

— וואָס, למשל, וואָלטן סטרעליסקער חסידים זיך געוווּנטשן?

— ס׳איז אַן עת־רצון!

זיי שטייען צעחושט און קוקן אויף ר׳ מענדעלען מיט אָפּגענומען לשון:

— וואָס וויל ער? זיי פאַרשטייען נישט זיין מיין!

— האַ, — ייִדן האָבן גאָר קיין בקשות נישט? ס׳פעלט זיי גאָרנישט?

צעטרייסלען זיך די סטרעליסקער, פון אַ פלוצים אָנגעצונדענעם התפעלות, און קנייטשן די אָנגעצויגענע, פאַרנעפּלטע שטערנס זייערע:

— וואָס איז שייך? אַוודאי, אַוודאי וואָלטן זיי געהאַט אויף וואָס צו בעטן.

ווער קען דען דערגרייכן צו דערצו?

— נו, — זאָגט, זאָגט!

זיי וואָלטן זיך געוווּנטשן, צו קענען זאָגן — ברוך שאמר — פּונקט אַזוי, מיט דער אייגענער קדושה, מיטן אייגענעם ברען, וואָס זייער רבי.

די פלאַקערלעך אין ר׳ מענדעלעס אויגן האָבן אַ פלייץ געטאָן און ער גיט זיך, אַן אָנגעצונדענער, אַ הייב פון זיין זיץ:

— און מכוח פּרנסה? ס׳איז חלילה אַ זינד צו דינען גאָט מתוך הרחבה?

די חסידים לאָזן טיף אַראָפּ די קעפּ און שטייען ווי פאַרשולדיקטע ביים משפט.

— רופט אויס: וואָס און וויפל אַ יעדער איינער פון אייך וועט מאָרגן אין דער פרי אין זינען האָבן ביי דער תפילה — אדון־עולם — וועט אים דער פון אויבן משפיע זיין!

◆

די ידיעה האָט אָנגעיאָגט אַ בהלה. ס'האָט אַלעמען אַ נעם געטאָן. און מען רעשט און דער טומל שטאַרקט זיך מער און מער. עפּעס ווי זיי וואָלטן זיך פון אַן איינקלעמעניש אָפּגעריסן. עס האָט דער עולם דאָס לייב דערפילט. מען דערוועקט זיך ווי פון שיכרות, פון אַ נאַכטיק חלום־געשפּין.

פאַראַנען אַ היים וואָס דאָס דחקות איז דאָרט אָן אַ שיעור, ווייב און קינדער פאַרלאָזן, אָן חיונה — הפקר. אַ סך פון זיי האָט נאָך קיין איין דערוואַקסן קינד צו לייט נישט געבראַכט.

און ס'האָט דער יום־טוב זיך אָפּגעשפּרייט, און ס'איז די פרייד פאַר־גאַנגען.

דעם רעשט פון דער נאַכט ביזן אויפקומענדיקן טאָג, איז מען אין גאַנצן, אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין דער נייער, איצט אַנטפּלעקטער וועלט: מען מוחט, חשבונט און חזרט איין די באַגערן אויף אויסנווייניק.

זיי טאָרן חלילה נישט פאַרגעסן. וואָרעם אַ צווייט מאָל?...

מאָרגן, אויף מאָרגן שטייט די וועלט!

◆

אויף צו מאָרגנס וואָרט דער עולם אומרויִק, מיט אַ ציטער און שרעק אין האַרצן — און דער רבי האָט זיך גראָד היינט שטאַרק פאַרשפּעטיקט. מען וואָלט שוין גערן וועלן האָבן אַריבערגעשפּרונגען דאָס בריקל.

און נאָר ער האָט זיך באַוויזן, ר' אורי, אויף דער שוועל פונעם בית־מדרש און, ווי אַ לייב, אַ געשריי געטאָן אדון עולם — האָט זיך אַ שטורעם אויפגעכאַפּט, אַ פייער צעבלאָזן. און ס'טרייסלען די ווענט, ס'קאָלערט דער דיל ווי פון ערדציטערניש.

ב ר ו ך ה אַ ג ע ר

דער עולם פלעכט זיך צונויף און רייסט זיך פון אַנאַנד. קידער־ווידער. נאָך און נאָך אַמאָל. און מען צעניזוקט זיך און ס׳איז אַ געלאף ווי אין אַ מסוכן ראַנגלעניש, ווי צווישן גבורים אין אַ מלחמה.

און ר׳ אורי היצט, בייטשט מיט גליִענדיקע ריטער און דאָס התלהבות זיינס גיסט זיך, ברענענדיקער שוועבל.

◈

און אַז די סטרעליסקער לייט זענען, לאַנג נאָכן דאַווענען, פונעם פאַר־מאַטערטקייט אַביסל צו זיך געקומען, כאַפּן זיי זיך:

אָוואַ־אָוואַ! פאַרגעסן, גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן...

די ברכה

די הענט פאַררוקט אין די ברייטע אַרבל פונעם זיידענעם טולופּ מיטן סויבלענעם פאַרברעם, איז ער געזעסן, דער סאוואַניער רב, אין ברענענדיקן פראָסט אויפן שליטן און האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַראָפּגיין, נישט געוואָלט אַריינטרעטן אין קיין יידישער שטוב.

— כ׳וועל דאָ מיין פוס נישט אַראָפּשטעלן.

די קייט פלעכט זיך גרעסער און ענגער. קליין און גרויס פּליִען פון די וואַרעמע נעסטן אַרויס — די קעלט האַלט נישט אָפּ, קייקלען דעם שליטן אַרום, און קוקן מיט שטומע דערשראָקענע פּנימער אויף דעם פאַרכטיקן גאַסט.

מען האָט זיך שוין פון לאַנג אויף אים געריכט. מען האָט געוווסט, ער וועט דאָ ווען אַראָפּפאַלן און איינשלאָגן ווי דער דונער.

ער שענקט נישט!

אַ ישוב זאָל עס דערלאָזן: אַ ייִד זאָל צונעמען ביי אַן אַנדערן ייִדן דאָס ברויט, אויסדינגען די אַרענדע, אַ חזקה פון דור דורות!

דער סאַוואַניער רב איז קאַרג געווען אויף אַ וואָרט. אַ וואָרט וואָס ער האָט פון זיין מויל אַרויסגעלאָזט איז אַ געמאָסטענער דימענט. און אויב ער דערצערנט זיך, רעדט ער אונטער דער נאָז, אַ סימן, אַז ס׳וועט דאָס שוין עמיצער אָפּלייזן דעם אמתן פּסק.

— נו — מיט וואָס וועט איר פאַרענטפערן אַ מעשה נבלה אַזאַ — אַ רציחה? ס׳איז דאָך מידת סדום!

— גאָט איז יודע, אַז ס׳האָט דאָ קיינער קיין שולד נישט. מען האָט געטאָן וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך, געפּרוווט זיך מיט אַלץ וואָס עס איז אין מענטשנס מאַכט, אָפּצוווענדן די זינד.

אָבער אויף יענעם האָט קיינער קיין שליטה נישט.

אַ תקיף. פאַר גאָר קיין מורא נישט!

דער סאַווראַניער רב צעלאַכט זיך איבערן גאַנצן פּנים און די געדיכטע ברעמען זיינע שויבערן זיך אים איבער די אַדערדיקע אויגנלעפּלעך.

— אַ תקיף? כאַ־כאַ־כאַ! פאַר גאָר קיין מורא נישט? כאַ־כאַ־כאַ!

— חנניה! טוט ער זיך מיטן קאָפּ אַ דריי אויס צו זיין משמש — גיי, כ׳בעט דיך...

— כ׳הייס אים שוין קומען!

און ס׳איז חנניה געגאַנגען און איז באַלד געווען צוריק מיט דער תשובה, אַז ער וויל נישט.

דער סאַווראַניער רב האָט אים נישט צו שאַפן!

מוראַדיק האָט זיך ביים רב מיט פינצטערניש דער שטערן פאַרצויגן. און ער זיצט פאַרטראַכט, פאַרגאַנגען אין טיפע רעיונות, ביז פּלוצים, ער גיט זיך אַ הייב און לאָזט זיך הויך פאַרנעמען מיט אַ בייזער:

— כ׳הייס אים די רגע שטיין פאַר מיר!

דער סאַווראַניער האָט זיך נאָך אַמאָל פאַרטראַכט, דעם משמש אַ ווונק געגעבן נאָך אויסצוהאָרן, און ער לאָזט דערנאָך אויס מיט געציילטע ווערטער:

— באַם נישט, וועט ער שוין פאַרשפּאָרן...

און ס׳איז חנניה געגאַנגען צום צווייטן מאָל.

דער דאָזיקער גרוס האָט דעם פאַרשוין אַ מונטער געטאָן און ער איז טאַקע שוין געקומען צו לויפן — צו לויפן אָן אַ דעך.

דער סאַווראַניער מעסט אים מיט זיינע שוועבלדיקע אויגן:

— צוויי מאָל באַדאַרף מען אַזאַ חשוב ווי דיך פאַרבעטן? איין מאָל איז חלילה נישט פאַר דיין כבוד וועגן?

— האַ — וואָס איז אַזוינס דיין גבורה?

דער פאַרשוין בלאָזט פון זיך מיט גאווה:

— כ׳האָב אַ ברכה פונעם שכויזער צדיק, אַז מיר וועט מען קיין שלעכטס נישט קענען טאָן — קיינער נישט, און כ׳על האָבן אַריכות ימים ושנים.

דער אַלטער האָט די הענט, וואָס זענען ביז איצט געלעגן באַהאַלטן אין די ברייטע אַרבל מיטן סויבלענעם פאַרברעם, אַ צי אַרויסגעגעבן און

די שמאָלע פינגער זיינע איבער דער געזילבערטער שיטערער באָרד אַ פיר געטאָן:

— או! או!...

דער הייליקער שכויזער — זכרונו לברכה! — ער אַליין האָט דיך גע־בענטשט? דיר מבטיח געווען?

אָ־וואָ! דער הייליקער שכויזער... אַזוי, אַזוי...

גרויס דיין זכיה...

נו, וועט אַוודאי און אַוודאי מקוים ווערן...

פון דעסט וועגן, און ער גיט פאַרלייגנדיק דאָס קול אונטער דער נאָז, אַ ברום: באַדאַרפסטו פאַרן סאַווראַניער רב אַלץ האָבן דאָס נייגיעריקע!

יענער שטייט טעמפּ, נישט אָנגערירט, ווי ווען ס'וואָלטן זיך אים די ווערטער צו די אויערן נישט דערשלאָגן, און צעבייסט אָן עזותדיק שמיי־כעלע צווישן זיינע זאַטע איבערגעלאָפענע ליפּן.

דער סאַווראַניער גייט אים איבער ווי אַ חלף מיט די אויגן:

— דעם הייליקן שכויזערס ווערטער וועלן טאַקע מקוים ווערן פּינקט־לעך אַזוי ווי ער האָט דיר מבטיח געווען.

איינס נאָר דאַרפסטו פאַרגעדענקען:

— ימי שנותינו בהם שבעים שנה —

וועסטו דיר אויסלעבן די זיבעציק יאָר און דיר וויל גיין... אויף דערנאָך אָבער, בין איך דיר מוסיף נאָך צוואַנציק יאָר, נאָר אַזעלכע פּינצ־טערע, שוואַרץ־מזלדיקע, אַז די פּריערדיקע, די געבענטשטע וועלן זיך דיר שוין אויך אָפּגלוסטן!

און ס'האָט דער שליטן זיך אַ ריס געגעבן און איז פאַרשוווּנדן אין אַ רויך פון אויפגעשטורעמטן שנייערנעם פּוך.

דער מעזיניק

שוין דעם דריטן טאָג ליגט ער, דער דאַרער עלטערער ייִד, אויף אַ באַנק, אין ווילד גרויסן בית־מדרש, און קאָרטשעט זיך פאַר האַרצווייטיק, פון די פּחדים וואָס רוקן זיך אויף אים אָן.

פון וואַנען נעמען די הילף?

אונטער דער קאַלטער הרובע זיצט אַ האַלב מנין בטלנים, די פאַר־בלאָטע הענט אַריינגעטאָן אין די ברייטע אַרבל פון זייערע אָפּגעקומענע טולעפּעס, און שאָקלען טעמפּ די אַראָפּגעלאָזענע קעפּ צום גמרא־ניגון וואָס קייקלט זיך פון דער ווייבערישער שול, אין דער הייך, פון מעלה־גרהדיקע קינדערישע קולעכלעך.

אַן אומעט פינצטערט פון דער סטעליע, שורשעט פון די ליידיקע גראָע ווענט און פאַרקלעמט מיט בענקעניש דעם גאַנצן פאַרנעם.

דער רבי איז נישטאָ. ער איז שוין וואָכן אונטערוועגנס, ווייט פון דער היים.

◈

צוויי מעת־לעת, אין שטורעם און אין רעגן, אָן אַן אָפּשטעל, אָן אַן אָטעם, האָט ער, דער דאַרער ייִד, געיאָגט, געטריבן די פאַרע פון די פערד, אַהער — קיין טשערקאַס, מיט דער גאַנצער פאַרזיכערונג אויף זיין אויס־לייזונג, אויף זיין הילף, און זי איז אַזוי דערווייטערט פון אים.

שונאים האָבן אויף אים אַ שרעקלעכן בלבול אויסגעטראַכט, אַ האַרבע מסירה אָנגעגעבן. און אַז ס׳איז זיין איינציקער בטחון, דער רבי, נישט צו דערגרייכן!

דורך די גרויסע האַלבגעקרומטע פענצטער, שפּיגלען זיך פון הויף די פאַרוואָלקנטע און פאַרווייקטע געביידן, פּוסט און פאַרלאָזן, און סמוטנע פּויקט דער האַרבסטיקער ווינט אין די בלעכערנע און פאַרוויינטע דעכער.

ברוך האַגער

דער ייִד טאַפּט, מעסט אויס, מיט זיינע נאַסע אויגן, יעדעס ווינקעלע, יעדע זאַך, און זוכט אין עפּעס וואָס אַן אָנהאַלט, אַ טרייסט, און ער קאָן נישט געפינען.

ווידער און ווידער רייסט ער זיך אויף און גיט מיט די לאַנגע צע־וואָרפענע הענט אַ שווים אין דער לופטן:

ער וויל דעם אָנגעהאַרטעוועטן, אינעווייניקסטן ווייטיק אין זיך לויז מאַכן, אַרויסשטויסן פון זיך אַ וואָרט, איז ער נישט בכח. ס׳איז אים דאָס לשון איינגעפרוירן אין מויל.

וואָלטן זיי, די בטלנים, אונטער דער הרובע, מיט אַ דיבור, מיט אַ רמז פון זייַן הייליק מויל, אים געשטאַרקט, אויפגעהויבן פון דער ירידה, זיצן זיי אַליין ווי אויסגעלאָשענע און ווי פון אַ נעפּל פאַרשפּינט.

וואָס־זשע זאָל ער טאָן? וואָס פאַר אַן עצה זיך געפינען? און די סכנה דערנענטערט זיך פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה.

◈

ער האָט שוין עטלעכע מאָל געטראַכט, צו שפּאַנען די פור און לאָזן זיך קריק אין וועג — אַ היים, און האָט חרטה.

דעם וועג זיינעם איז ער שוין באַלד אַריבערגעפאָרן. וויפל איז נאָך פאַרבליבן ביזן עק? צו וואָס־זשע פאַרשפּילן דאָס קליינע רעשטל צייט אויף נאַרישער זאָרג...

דאָ, אַהער, קאָן די בייזע האַנט נישט דערלאַנגען, דאָ, אין הייליקן אַרום, ווי גוט איז צו דערוואַרטן דעם סוף...

אָבער די מורא, ווייב און קינדער וועלן אַליין אָפּקומען, דאַרפן אַן אים טראָגן דעם באַרג יסורים און שטראָף וואָס הענגען איבער זיי, צעטרייסלט אים דעם דאָזיקן געדאַנק.

און ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, ביזלאַנג ער האָט אָנגעשעפּעט אין זיך די לעצטע כוחות, מיט זיינע איי־גענע קליינע זכותים אַראָפּצובעטן גאָטס גענאָד, און האָט גענומען זיך גרייטן צו פאָרן אויף קריק.

◈

זיצט ער שוין, דער דאַרער, עלטערער ייִד אויף דער פור, גרייט ווי־דער צו לאָזן די פערד אין געיעג, און ווערט פאַרכאַפּט פון אַ זיסן געזאַנג אַזאַ, אַז ער קען נישט רירן פון אָרט.

קינדערישע קולות פאַרקלינגען, פאַרציטערן דעם הויף, מיט פרום התעוררות, וואָס נעמט דורך אַלע אברים מיט דראָזש, און ס׳ציט אים, מיט אַ נישט צו געוועלטנדיקן כוח, אַראָפּ צוריק פון דער פור: ער מוז זיך לאָזן נאָכן געזאַנג.

◈

— מגדל בית דוד —

פינקלען גרויס געכתיבהטע, גילדענע אותיות, אויף טירן און אויף ווענט, און קינדערלעך, אַ גאַנצע שטאָט, מיט פנימלעך, באַמאָלענע, און פּאַפּירענע קרוינען אויף די קעפּ, רייטן אויף לאַנגע בענק, פאָכענדיק מיט פאָנען, אויסגעהאָפטענע מיט די נעמען פון די שבטים און די מלכים פון דודס שטאָם.

און פאָרויס, אויף אַ הילצערן, הויך ווייס פערד, אַ געשניצט שווערדל אין שמאָלן הענטל, זיצט דער עלצטער, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר זיבן, דעם רבינס מעזיניק.

דאָס פּליושענע היטעלע זיינס איז מיט גילדענע פּאַסמעס באַצירט און דאָס זיידענע קאַפּאָטקעלע, אויף זיין שמאָל גופל, שפּיגלט זיך אין הויכע שטיוועלעך, לאַקענע.

— ס׳זאָל לעבן אונדזער משיח!

הילכן ווידער און ווידער די קינדערישע קולעכלעך, צערייסן מיט זייערע אויסגעשרייען די סטעליע און טאַנצן און זינגען, צוקלאַפּנדיק אויף טאַצן און אויף בעקנס.

און אויף איין מאָל, אומגעריכט, איז די שמחה, די גדולה איבערגע־ריסן. און ס׳האָט דאָס געזאַנג פאַרשטומט און דאָס געפּילדער זיך איינ־געשטילט. קליינוואַרג גלאָצט דערשראָקן, מיט אָפענע מיילעכלעך, אויף דעם עלטערן דאַרן ייִדן ווי אויף אַ מוראדיקער זאַך.

ב ר ו ך ה אָ ג ע ר

◈

ער שטייט שוין דאָ אַ צייט, פאַרגליווערט, דער פרעמדער ייִד — ס׳האָבן אים די קינדערלעך ביז אין דער רגע נישט דערזען, און איז פאַר־דביקהט און פאַרשפּינען אין מחשבות:

— את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח —

ס׳איז שוין צייט, ס׳איז שוין די העכסטע צייט...

צרות און פּיין, וואָס אַן איינציקער ייִד טראָגט איצט איבער, וועגן גענוג, גענוג ס׳זאָל זיין די וועלט אויסגעלייזט דערפאַר...

אַ גורל — אַ פינצטערער גורל!

ביים סוף פון גאַנג, זאָל ער מיטן בוים וואָס ער האָט געפלאַנצט און געהיט דאָס גאַנצע לעבן, מיט אַזויפיל צער, אַזויפיל מסירת־נפש, ווערן אויסגעריסן — חרוב! ווערן פאַרוואָרפן אין דער ווייט, אין דער פרעמד, ער זאָל חלילה צו קיין קבר ישראל נישט קומען...

די צאן קדשים, די לויטערע, די ריינע, וועלן נבואה זאָגן — באחרית הימים... זיי וועלן אָנזאָגן די בשורה פון דער גאולה...

דאָס האַרץ זעצט אים אויף אַרויסצופאַלן, אָבער אַ לייכטקייט הייבט אים, פליגלט אים אין דער הייך.

און ס׳האָט אַ שיין אַ פליייץ געטאָן און ס׳ליכטיקט אים אַ גלאַנץ פאַר די אויגן:

דער משיח, דעם רבינס מעזיניק, איז זיין גואל, ער וועט פאַר אים אַראָפּבעטן די הילף!

און ס׳גיט זיך דער עלטערער, דאַרער ייִד אַ וואָרף צום מעזיניק און שעפּטשעט, אָן אָטעם און מיט פאַרבלאָטע דאַרשטיקע ליפּן, אַ הייס געבעט אים אין די אויערן אַריין...

דאָס קינד, אַן איבערגעראַשטס, דערשראָקן, פאַרציט דאָס פאַרגרינטע פּנימל, קנייטשט די שמאָלע ביינערדיקע אַקסל, און ווערט זיך מיט די ציטערדיקע הענטלעך אָפּ פון אים.

און ס׳וואַכט דער קליינער עולם ווידער אויף, הייבט אָן זשומען ווי אין אַ בינענהויז, און ס׳טראָגט זיך זייער געטומל אויף ס׳ניי מיט צעלאָ־זענעם אימפּעט און אויף קולי־קולות:

העי, ר׳ ייִד, מאַכט פריי דעם וועג פאַר אונדזער משיח!

דער חסיד שטייט באַנומען, פֿאַרבויערט אין זיך, שאָקלט זיך אַ ווײַלע, ווי צעוויגט פֿון אַ ווינטער, און פֿאַלט אויף די קני.

די קינדערלעך, אָפּגעטויטע און פֿאַרציטערטע, הייבן אָן איינציקווייז זיך צו פֿאַרקלויבן און זיך צו באַהאַלטן אין די ווינקלען און אונטער די בענק. ס׳איז שטיל, אויסגעליידיקט דער הויל.

און דער עלטערער דאַרער ייִד ליגט פֿאַרשטייפֿט אויף די קני. דאָס האַרץ זײַנס פֿלאַטערט מיט גרויסער אמונה און אויפֿן פּנים בײַ אים גלאַנצט די שײַן פֿון ברענענדיקן בטחון. ביז ס׳גיט דעם רבינס מעזיניק אַ שפּרונג פֿונעם הויכן הילצערנעם פֿערד און צעשרייט זיך מיט אַ גרויס געוויין:

— איך בין דאָך משיח — נישט דער טאַטעשי!

דער פּרנס

א.

צעפלאָכטענע בערד הענגען פון ברענענדיקע וועקסענע ליכט אַראָפּ און מאָלן ווילד צעצויגענע קריכערס איבער די פאַררייכערטע ווענט.

איבער לאַנגע טישן, אויסגעשטעלטע ווי אַ חית, בייגן זיך צעקרומטע פּנימער; געגדזענע פּענען, לאָזנדיק שוואַרצן טוי נאָך זיך, שאַרן זיך פלינק אויף ווייסע פּאַרמעטן; און קולות פאַרדביקהטע שטויסן זיך, איבערחזרנדיק פאַרשריבנס בעל־פּה.

ר׳ חיים סאנדזער, ווי אין וועג אַריין, די ראָצעמאָרענע ראזעווולקע אויף איין אַרבל, דעם שמויסענעם קאָלפּעק אויפן קאָפּ, שלעפּט זיך מיטן קראַנקן געשווילטן פוס איבערן חדר, וואַקסט אָט אויס ביי די טישן, מוסרט פאַר געגרייזט־פאַרשריבענע סברות, און באַלד ווידער ביים כיור, באַגיסנדיק אַלץ די צעווייטיקטע הענט מיט קוואָרטן וואַסער. און פון די ליפּן שיטן זיך ביי אים שטילע תפילות.

אַ ייִד אַ דאַרער, אַן אויסגעצויגענער ווי אַ סטרונע, וואָס איז אים אויף די טריט, זאָגט אים מיט פרומען ברען זוהר אין די אויערן אַריין. און ער, דער אַלטער, קנייטשט אַלץ די ביינערדיקע פּלייצע, פאַרציט אַלץ דאָס לעכערדיקע פּנים און הערט נישט אויף שיסן מיט פיילן פון זיין אָנציינער־דיק מויל:

— גויעץ איינער! וואָס פאַרדרייסטו די ווערטער פונעם הייליקן זוהר? נאָך נישט צייט צו קענען פּראָסט עברי?

— און דו דאָרט, טייטלענדיק צו אַן אַלטן סופר ביי די טישן, וואָס פאַרגרייזטו דעם מחבר? עסט נאָך אָנמאַכן אַ צרה.

— סאַראַ בושה אַ פּשוטן דין נישט קענען מצמצם זיין? כ׳על ברעכן רוק און לענדי!

די נאַכט פאַרבלויט זיך טונקלער.

ב.

די אייליקע פענער זענען פון מידקייט אָפּגעשטאָנען. איינצלנע שלעפּן זיך נאָך שלאַבעריקע. און קעפּ נעמען דרימלען אויף פאַרשריבענע שאלות תשובות.

דער סאַנזער רב ציטערט אויף ביי איטלעכן שאָרך, ביי איטלעכן טריט, און לאָזט זיך מיט אימפּעט צו דער טיר.

די שיין פּונעם לעצטן וועקסענעם ליכטל גייט איין און דער טאָג אין גרויען איינהיל ברעכט זיך דורך די שויבן.

אויף דער טיר באַוויזט זיך אַ ליכטיקע צורה. דער סאַנדזער רב טוט צו אים אַ טאַנץ צו, כאַפּט אים אַרום מיט אָפּשיי, מיט פרייד, ווי מען כאַפּט אַרום אַ ריינקייט:

— שלום עליכם, רבי ר׳ הערשעלע ליסקער, שוין פון נעכטן אויף דער נאַכט קוקן מיר אַרויס אויף אייך!

— פון וואַנען ווייסט דער רבי, ווי אַזוי איך הייס און פון וואַנען איך קום?

— כאַ־כאַ־כאַ, צעלאַכט זיך דער אַלטער גאָר געהויבן, פון וואַנען איך ווייס? סע לייכט דאָך אונדז אויפן גאַנצן וועג אייערן אַהער.

ר׳ הערשעלע פאַרלירט די קאָלירן אין פּנים און די אויגן זיינע גאַפן מיט שרעק אויפן סאַנדזער רב, וואָס צעהיצט זיך ערשט מיט התפעלות:

— און נאָך און נאָך ווייס איך... איך ווייס אַפילו, אַז אין זכות פון דער מוטער אייערער, דער בייגל־בעקערן, וואָס האָט מקדש־השם געווען, זענט איר אויף דער וועלט געקומען!

ג.

ליסק, אַ שטעטעלע אין זיבנבערגען, ווערט אַמאָל, אין אַ פאַרנודעטן זומערדיקן נאָך וואַרעמס, פונעם פאַרמאַראַטשעטן דרימל אויפגעטרייסלט.

דער שמש פּאַכעט מיט דער צעווייעטער בייזער באָרד זיינער איבער די געסלעך, שטעכנדיק מיטן געלענקיקן קוויטש פון אַ ווילדן פויגל, און קלאַפּט:

— אין שול אַריין! אין שול אַריין רופט דער פּרנס די גאַנצע שטאָט!
אַ גרויל גייט איבער די לייבער: וואָס שוין ווידער?

דער פּרנס איז דער צורר פון דעם דאָזיקן שטעטל. יאָרן שוין האָט מען פון אים דאָרט קיין מנוחה נישט. ער איז דער כל־וולף ביי דער שררה, דער ליכטפּאַכטער אויכעט.

אַ יידן פאַרשטערן דעם שבת, פאַרנעמענדיק ביי אים פּרייטיק, פּונקט צו ליכט־בענטשן, די ליכט מיט די געזילבערטע לייכטער אינאיינעם, איז זיין תענוג. און ער קוועלט פונעם גרויסן נחת־רוח וואָס ער האָט ביז אָנצוברענגען אומגליקן אויף מענטשן, ווען און וויפל ס׳איז אים נאָר ליב.

ד.

פאַר זיין רחבותדיק הויז אין מיטן שטעטל, ליגט ער זיך אויף אַ באַנק דעם גאַנצן טאָג נחתדיק צעלייגט און מושלט מיט געשפּעט, מיט בזיונות איבער זיינע אונטערטעניקע.

דער פליכיקער קאָפּ איז ווי אָן אַ האַלדז מיט דער גראָבער פלייצע צו־נויפגעוואקסן. פון אויפגעלאָפּענע שפּעלטלעך אין פּנים שפּיליען צוויי שוואַרצע פינטלען און די באָרד, אַ ברייטע ווי אַ פאַרטעך, קרייזלט זיך ביז איבערן פּעטן בויך זיינעם.

קיין פאַרהוילנס איז פאַר אים נישט פאַראַן: פון אַלעמען, ווו און וואָס סע קאָכט זיך, ווייסט ער דער ערשטער.
זיינע מישטאַליערעס זאָרגן דערפאַר.

ה.

לעבט זיך אין ליסק אַ פאַר־פאָלק בצמצום און דערנערט זיך פון בייגל באַקן. די לייט לעבן שטיל און פרום און זענען צופרידן מיט דעם וואָס גאָט באַשערט.

איין זאָרג גיט קיין רו נישט: ס׳איז קיין קדיש נישטאָ!

שטייט צו מאָל, אין פּראָסטיקע ווינטער־פאַרטאָגן, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, די בייגל־בעקערן, דעם שווערן קויש אויף די פלייצעס, אונטער דעם פענצטער פון רבס דירה און נעמט אין זיך איין ווי אַ רפואה, דעם מתיקותדיקן ניגון פונעם רבס תורה לערנען. זי איז פאַרגלייבט אַז דער זכות פון רבס געהייליקט תורה לערנען וועט איר ביישטיין.

ו.

איין און איינציקן קען דער פּרנס אין שטעטל נישט בייקומען: צום רב דערגייט זיין שליטה נישט. מיט וואָס פאַר אַ רישעותן ער האָט זיך שוין צו אים נישט געפּרווט, נעמט עס נישט. דער רב נעמט אַלץ אָן באהבה.

פאַרוועדט אים דער פּרנס די שול, דאַוונט דער רב בשתיקה, מיט אַ מנין אין דער היים. פאַרזאָגט ער אים צו נעמען רח״ש, איז — נישט. שטעלט ער אים אָפּ דאָס וואָכנגעלט — טראָגט עס דער רב מיט שמחה.

די יסורים וואָס קומען אים דורך דעם דאָזיקן רשע זענען אים ביז גאָר אָנגעלייגט.

דאָס קען דער פּרנס נישט איבערטראָגן. מיטן אויר פון דעם דאָזיקן הייליקן ייִדן ווערט אים דער דעך פאַרשלאָגן. און סע הערן אין אים די קליפּות נישט אויף מאָרדעווען, עפּעס צו פאַרטראַכטן דעם כנגד זיינעם גובר צו זיין.

פאַלט אים די אָרעמע בייגל־בעקערן אויפן זינען און ער פאַרוואַרפט די נעצן, זי אין זיינע תחומן אַריינצונאַרן.

— סאַראַ גרויס רחמנות, ס׳אַראַ פלאָגעניש נעבעך!

— דער שווערער קויש בייגל איז איר ווי אַ צוגעוואַקסענער האָרב צו דער פּלייצע.

דער פּרנס קען נישט צוקוקן, ווי זי ברעכט זיך נעבעך איין פאַר דער בידנער פּרנסה. און ער נעמט האָבן השגחה אויף איר: ער טיילט איר צו פון דער קהלהס פּושקע, פאַרגרעסערט איר דאָס לייזונג און זעט איר צו זייטיקע פאַרדינסטלעך.

די בייגל־בעקערן מיטן מאַן אירן זענען אָבער דערמיט נישט גליק־לעך. ס׳איז זיי נישט גוט וואָס סע קומט זיי אויס צו עסן אַ זאַטער שטיקל ברויט דורך אַזאַ פאַרוואָרפענער בריאה. סע ווייעט אַ מורא אויף זיי.

און דער רגש האָט נישט אָפּגענאַרט.

ז.

אין אַ טאָג רופט דער פּרנס די בייגל־בעקערן צו זיך, נעמט זי אַריין אין אַ חדר־מיוחד, און פּרווט זיך זי פאַרגיין אויף דעם אופן:

— ס׳טייטש, פאַר אים וואָס האָט זי אויפגעריכט, וואָס טראַכט נאָר פון איר גוטס וועגן, באַהאַלט זי אויס אַ סוד! פאַר אים אָבער קען מען זיך נישט אויסבאַהאַלטן. ער ווייסט פון אַלץ און אַלעמען. נו, פאַרוואָס פאַר־שווייגט זי, אַז ס׳איז איר געשען אַ גרויסער בזיון: מען האָט זי געבראַכט צו אַ גרויסער זינד.

ער איז ערב, ערב!

די ייִדענע, אַ צעחושטע, בלאָנקעט מיט צעשראָקענע אויגן אין דער הויל און באַנעמט נישט וואָס דאָס מיינט.

— חצופה, האַ?... דו ווילסט עס פאַרשלינגען? ווילסט עס פאַרלייקע־נען?... זאָגן אפשר אַז דער רבּ, דער צדיק דיינער, האָט דיך אייערנעכטן ביי נאַכט נישט מאַנס געוועזן?...

זי פילט די וואָג נישט אונטער זיך. דער קאָפּ ברענט איר און טראָגט זיך פון די אַקסל.

— הער נאָר! — רייסט דער פרנס אויף דעם פיסק אויף איינצושלינ־גען — דו וועסט פאַר קהל מעיד זיין, אַז מיט די צען רענדלעך וואָס איך גיב דיר דאָ, האָט ער געוואָלט זיך אויסקויפן פון דיר! אויב אָבער נישט, אויב דו וועסט זיך דערוועגן מיר צו ווידערשפּעניקן, וועל איך דיך מיט דיין מאַן און אַלע דייניקע אויסוואָרצלען! אָפּמעקן אייער געדעכעניש!

ווי אַן אונטערגעשאָכטענע האָט די ייִדענע מיט אַלע אברים אירע זיך אַ ריס געטאָן צו אים:

וואָס רעדט ער?... אַזאַ שקר בלבול?!

דער פרנס צעגייט איצט פאַר נחת.

זעט די אומגליקלעכע אַז ס׳איז אויף איר אויסגעפאַלן אַ פינצ־טערער גזר און הייבט אויף אַ קלאָג וואָס וואָלט שטיינער געריסן:

— מיט וואָס האָט זי זיך אַזוי ביטער פאַרזינדיקט? ווי אַזוי קען זי נעמען אַזאַ חטא אויף זיך?... מיט וואָס זיך אויסלייזן, מיט וואָס זיך אָפּ־וואַשן...

נאָר מער זי בעט זיך ביי אים און קאַטשעט זיך צו זיינע פיס ווי אַ צעטרעטענער וואָרעם, גרעסער איז זיין פרייד, העכער וואַקסט אים דאָס האַרץ פאַר גדולה, און ס׳צעקרומט זיך אים דאָס פנים פון געלעכטער ווי ביי אַ שד.

ח.

סע הילכט דאָס איילקע צוקלאַפּן לאָדנס פון קליימן און שטיבער, ווי ווען גזלנים באַפאַלן אין מיטן העלן טאָג. דאָס גאַנצע שטעטל ציט ווי ביי אַ לוויה פון אַ חשובן נפטר צו דער שול.

די ספרי־תורות, אויסגעטוענע פון די קרוינעך, פונעם זילבערנעם באַהאַנג, בייגן זיך אבלדיק פונעם צעעפנטן אָרון־קודש אַרויס און די ברענענדיקע וואַקסענע ליכט, אין אַלע הענגלייכטער און אין אַלע העסעס, אויף די ווענט, נעפּלען מיט טשאַדנע רויכעס.

אויף דער בימה, אין קיטלען, מיט טליתים איבער די קעפּ, שטייט דער פּרנס מיט אַן עדה און דאָס מאַריטשענדיקע קול פון שופרותן טראָגט זיך ווי געוויין. דער עולם, איינגעפּרוירן, קוקט מיט פאַרשטאַרצטן שרעק זיך איינס דאָס אַנדערע אין די פּנימער און פון אויבן, פון דער ווייבערישער שול, יאָגט אַראָפּ אַ ביטער געשריי ווי ביי ונתנה־תוקף.

אַ זעץ אין שולחן אַריין און דער שטעכיקער פויגלישער קוויטש פונעם שמש צעררייסן די אויערן:

— שאַ זאָל זיין!

דער פּרנס הייסט דער אישה מיטן נאָמען... זיך באַווייזן פאַר קהל!

דער עולם מיט אויפגעריסענע מיילער הייבט די קעפּ פון די איינ־געבראָכענע אַקסלען, שפּאַרט מיט די אויגן צו דער פאַרזונקענער טיר.

זי אָבער באַווייזט זיך נישט.

דער שמש קלאַפּט צום צווייטן מאָל, זי קומט אַלץ נישט. פאָכעט ער מיט דער צעווייעטער בייזער באָרד אַהין און צוריק און טוט אַ האַק אין שולחן אַריין צום דריטן מאָל:

— דער פּרנס איז אויף דיר גוזר די רגע צו שטיין פאַר קהל!

די טיר האָט זיך אַ שליידער אויף געטאָן און אַ יידענע אין אַ גרויסן שאַל פאַרבאַהאַלטן, גיט צו דער בימה אַ יאָג און פאַלט מיטן קאָפּ צו די טרעפּלעך צו.

דער פּרנס פאָנפעט צעקנוידערטע ווערטער פון אונטערן טלית אַפּיר:

— זיי זיך מתוודה! זאָג פאַר אַלע יידן דאָ וואָס דו ווייסט!

זי רירט מיט קיין אבר נישט.. אַ קרעכץ נאָר, אַ דורכשניידנדיקער, ברעכט זיך פון איר אַרויס.

דער פּרנס, אַראָפּשלײַדערנדיק דעם טלית פון איבערן קאָפּ, טוט מיטן גאַנצן עזות אין זײַן פּרצוף אַ חיהשן ברום:

— שפלה, זאָג וואָס דו ווייסט!

די ייִדענע שטעלט זיך אויף די פיס, קוקט מיט אַן אויסגעלײַדיקטן בליק אַרום זיך, שאָקלט זיך אַ רגע ווי אין געוויג און נעמט זיך הייבן איבער די טרעפּלעך מיט געוויגענע טריט.

אַ שטילקייט ווי אַרום אַ שטאַרבנדיקן ציטערט אין דער לופט.

די בייגל־בעקערן קנעט עפּעס צווישן די דאַרע פאַרהאָרעוועטע הענט, שעפּטשעט מיט די בלייכע ליפּן ווי אין באַנומענקייט, און פאַרפאַלן שלאָפּ־קייט, ביז זי הייבט אָן אויסשיילן אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

— וואָס איך ווייס?... איך ווייס, דו ביסט אַ הולטיי... אַן אויסוואורף... אַ פּושע־ישראל... איך ווייס, אַז דו ווילסט מיך פאַרזינדיקן פאַר גאָט און פאַר לייט... דו ווילסט מיך פאַרדאַרבן, אַראָפּנידערן די נשמה מיינע אין דער שאול־תחתיה...

און אַ וואָרף געבנדיק די רענדלעך אויפן שולחן, טוט זי אַ טאַנץ אונטער אין דער הייך און צעשרייט זיך מיט אַן אוממענטשלעך קול:

— זעט נאָר, ייִדן!

מיט אָט דעם געלט וויל דער אשמדאי מיך נייטן מוצא־שם־רע צו זיין אויף אַ צדיק, אויף אונדזער רבי!

דאָס אויסגעשריי אירס יאָגט זיך ווי דאָס הרימען מיט אַ שווערן גלאָק צווישן די זיילן און דעם געסקלעפּ, און דאָס ווידערקול, וואָס שלאָגט זיך דונערנדיק צוריק, צעמערשט די מוחות.

ס'האָט די שול זיך אַ וואַקל געטאָן. אַ משוגעת צעבונטעוועט זיך. פון אויבן נעמען ווייבער וואַרפן ברענענדיקע ליכט.

מענער מיט שוימיקע פּנימער שפּרינגען אויף טישן און בענק, שלייַ־דערן מיט אַראָפּגעריסענע קליידער פון זיך, רייסן זיך מיט שטענדערס, מיט מעשענע העסעס פון די ווענט און מען ברעכט און מען קידעט אַלץ און אַלץ.

פּלוצים גיט דער עולם ווי צונויפגעבאַלעוועטע קלומקעס זיך אַ וואָרף צום אָרון־קודש, רייסט די ספרים אַרויס, און דאַרויף צו דער טיר, צו די פענצטער.

ב ר ו ך ה אַ ג ע ר

אַ פלאַם טאַנצט אין דער לופטן, צעפליט זיך איבערן גאַנצן חלל און צינדט פון אַלע עקן...

דער פּרנס, אַ ברענענדיקער שטורקאַטש, טראָגט זיך איבער דער אויסגעליידיקטער און אין פייער זיך טונקנדיקער שול, פּרוווט ווי אַ מויז זיך דורכרייסן פונעם קאפקאן און ווערט פונעם פלאַקער פאַרשלונגען, מער און מער.

ט.

כאַ־כאַ־כאַ צעהילכט זיך דער סאנדזער רב, און ס׳האָט ר׳ הערשעלע, אַ דערשראָקענער, זיך דערוועקט פונעם פאַרטראַגנקייט אין דער וווּנדער־לעכער מעשה.

— נו, וואָס זאָגט עטץ, ליסקער רבי, ווייס עך...

כ'גלייב נישט

אין מיטן שטאָט שטייט אַ לאַנג הויז, מיט טירן האַלב־געקרימטע פון אַלע זייטן, משופּע און אָנגעבויגן ווי אין מידן דרימל; דער הילצערנער דאַך, בערדיק באַוואַקסן, הענגט צעריסן אויף די קראָקוועס ווי אויף צעבראָכענע נאַקעטע ריפּן און די בייכיקע צעשפּרונגענע ווענט גרינען פון שימל־שווילעכץ — אַ זקן וואָס האָט, אין לאַנגע יאָרן, אַ סך צרות צוגעזען, אַ סך קלאָג אין זיך אַריינגענומען, און ברעכט זיך פון דער עלטער.

אַרום דעם הויז אַ זשום פון מענטשן, פאַר די טירן אַ באַלעגערונג פון מענער און ווייבער וואָס הערן נישט אויף צו קומען נאָך הילף פון נאָענט און ווייט, צו ר׳ חזקעלע שיניווער, דעם רב פון שטאָט און דעם רבין פון דער גאָרער וועלט.

◈

אין אַ גרויס חדר וואָס די ווענט זענען ביז צו דער סטעליע מיט ספרים געמויערט שטייט ער, ר׳ חזקאלע, אַ פּאָר בלעכענע שפּאַקולן אויף דער שפּיץ נאָז, און נישטערט אין אַ באַרג מיט כתבים — שאלות תשובות, פון ווו די וועלט האָט אַן עק, פון ווו ס׳לעבן יידן אויף דער קיילעכדיקער ערד.

די ראיה איז אים שוין שוואַך, נאָר וואָס ער דערזעט נישט געפינט ער אין זיין זכרון.

— עך גלייב נישט...

ס׳האָט זיך ביי ר׳ חזקעלען פאַרהאַלטן דער קוועקזילבערנער בליצי־קער קוק אין די געדיכטע שורות פונעם כתב־יד, אין דער האַנט, און ער צעגייט זיך מיט אַ ניגונדל איבער דער גאַנצער שטוב:

— ווי קאָן געמאָלט זיין? אַ גט וואָס איז נישט געוואָרן געמאַכט כהגון און די אישה האָט חתונה געהאָט?

ברוך האָגער

— האָ? מען זעט גאָר נישט? מען קען דאָך דערפאַר פאַרפאַלן ווערן...

— קלמן־שמעון, וואָס שטייסטו דאָרט פאַרגולמט? גיט ער זיך אַ בייזער אויף אַן אַלטיטשקן וואָס טאַנצט פלינק אויף הויכע לייטערס און לייענט הויך פון ספרים נאָכן רבס אָנווייז.

— טו נאָר געשווינד אַ קוק אין אבן עזר סימן י״ז!

◈

אַ ייִדענע, מיט צעוואָרפענע הענט, פאַלט אַריין מיט אַ ביטער געוויין:

— הייליקער צדיק, מיין קינד איז היינטיקע נאַכט אַוועקגעפאַלן און ליגט מיט גרויס היץ.

ר׳ חזקעלע, אַן אויפגעשראָקענער, גיט אַ ריס די שפּאָקולן פון דער שפּיץ נאָז און בליקט מבוהל:

— נו, — וואָס האָסטו צו מיר? עד בין דען אַ רופא?

— עך זענט מעך נאָר מבטל מיט פּוסטע נאַרישקייטן.

— פּוסטע נאַרישקייטן! אַ רופא אויף מיין קאָפּ!

די ייִדענע מאַכט געוואַלדן אויף קולי־קולות.

— נו, טייטלט ר׳ חזקעלע מיט די דאַרע פינגער, גיי, גיי, שוין, כ׳זאָל שוין פון דיר פּטור ווערן.

— ס׳עט אים חלילה גאָר נישט זיין!

◈

— דער רשע, דער גזלן!

און ווידער טראָגט זיך אַ ווילד געשריי וואָס יאָגט אָן פון דער אַנדערער זייט און ס׳רייסט זיך אַריין אַ קליין אונטערגעזעצט פאַרשווינדל, צעוואַקסן ברייט אין דער פּלייצע, און פאַרעט פון רציחה:

— ער האָט דאָך מיך בדיל געמאַכט! דעם גאַנצן מקח געניזוקט: פוילע עפּעלעך, ווערעמדיקע, מיר אונטערגערוקט.

— עך הערט? מיט וואָס־זשע וועל איך מיך שטעלן אויפן מאַרק?

דער שינעוועור רב כאַפּט זיך ביי דער באָרד און די לאַנגע צעפּלאָשעטע פּיאות:

— וואָס גייט עס מעך אָפּ? וואָס האָט עך ענק אויף מיין לעבן אָנ־געזעצט? נאָר מיט שטותים פּלאָגט מען מעך, נאָר מבטל זיין, אַראָפּפירן ווילן זיי מעך...

— ס׳אַנדערע, ס׳איז דאָך אַ ליגנט, אַ שקר מוחלט, ווי ווערט עס אַ ייִד אַזעלכעס אָפּטאָן?

— עך גלייב נישט...

דאָס ייִדל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום שינעוווער און גענומען קלאַפּן מיט ביידע, רויט אָנגעלאָפענע קולאַקעס אין טיש אַריין:

— עך גלייבט נישט!

— כ׳על איך אַלע כתבים צעררייסן אויף אשר יצר, עך הערט?

— רבי, כ׳על עס צעוואָרפן אויפן ווינט.

— אַז נאָר אין הימל לעבט עך! און אויף אַן אייגענעם, אַ דערשלאָ־גענעם אויף דער זינדיקער ערד, איז קיין ברעקל רחמנות נישטאָ.

ר׳ חזקעלעס פּנים פאַלט איין, דער שטערן פאַרשאָטנט זיך מיט קנייטשן, און ער שטייט ווי אַ פאַרשוולדיקטער, פאַרלוירן ווי אַ קינד, און נעמט זיך בעטן:

— נו, — גיי, — גיי שוין, כ׳זאָל שוין פון דיר פּטור ווערן. ס׳עט דיר גאָר נישט אָפּגיין, כ׳על פאַרריכטן, אַלץ פאַרריכטן...

◆

ר׳ חזקעלע האַלט זיך, ווי אין אַ שטאַרקן ווייטיק, מיט די בלייכע הענט ביים קאָפּ און לויפט פון איין וואַנט צו דער אַנדערער, דרייט זיך אַרום דעם לאַנגן, הויך־אָנגעלאָדענעם טיש:

דעם גאַנצן טאָג און אין די נעכט זענען זיי אים מבטל, פאַרמישן אים די חושים, און ערגער ווי גאָר — זיי זענען מלשין איינס אויפן אַנדערן.

ער וועט אַנטלויפן, אַנטלויפן אין דער הוילער קאַפּאָטע, אין אַ מדבר אַריין.

דער רב האָט זיך אין זיין געלאָף פּלוצים אָפּגעשטעלט און קוקט פאַר־חידושט, מיט אַ ווילדן בליק, אויפן אַלטיטשקן וואָס טאַפּט זיך פּאַמעלעך פון די הויכע לייטערס אַראָפּ:

אַ בריוול, אַן איבערגעלייענטס פאַר זיך און פאַר אַנדערע, צענדליקער

מאָל, ביז וואַנעץ ער האָט אויף זיך גענומען צו באַווייזן עס ר׳ חזקעלען, פלאַטערט, אַ צעקנייטשטס, אין זיין ציטריקער האַנט.

— נו, — קלמן־שמעון?

אַרויספּאָרן אין וועג אַריין אויף אַ פאַרבעטונג, מזכה זיין אַנדערע שטעט מיט אַ געהויבענעם שבת, ווי ס׳איז דער שטייגער פון אַנדערע גוטע ייִדן, בשום אופן נישט.

— עך האָב צו שטותים אַזעלכע קיין צייט נישט.

וואָס מען האָט שוין נישט איינגעלייגט, וויפל מען איז שוין נישט צו־געשטאַנען, און ניין, ער בייגט זיין ווילן נישט:

— ציגיינערן אויף דער בויד ווי אַ קאָמעדיאַנט, אַ קונצנמאַכער!

דאָס בריוועלע וואָס דער אַלטיטשקער האָט אים אונטערגעטראָגן איז פון חסידים אין באָכניע. זיי האָבן קיין עצה, קיין שום תרופה נישט, נאָר איין גאָט און נאָר איין שיניוועער רב זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין:

אַ פייער האָט פאַרכאַפּט זייער שטאָט. ס׳האָבן געלעבט ייִדן מיט ייִדן בשלום ושלווה — און פלוצים אַן אומגליק, אַ בראָך!

דער ס״ם ר׳־לצלן האָט פאַרוואָרפן זיינע נעצן אויף יעקבס געצעלט חסידים פון אַנדערע שיטות האָבן פאַרבלאָנדזשעט אויפן שטרויכל־וועג און ס׳ברענט אַ מחלוקה און צעשפּרייט זיך ווי אַנגעשוואָלענע, יאַגנ־דיקע וואַסערן. און ס׳האַלט שוין חדשים אַן, און וויפל גדולי־ישראל און צדיקים ס׳האָבן נישט געפּרוווט איינשטילן דעם צאָרן, האָבן זייערע רייד קיין הילף נישט געבראַכט. בכן...

דער רב האָט פון אים דאָס בריוול אַ ריס געגעבן און בלאָנדזשעט מיט די געטריבטע אויגן איבערן צעקנייטשטן פּאַפּיר, איבער די הכנעהדיקע שורות און קרעכצט ווי אין אַ שווער שלאָפקייט:

— ס׳אַראַ אַנשיקעניש, ס׳אַראַ קלאָג!

— נאָר אַראָפּפירן ווילן זיי מעך, נישט לאָזן מעך דערגרונטעווען צום תוך... וואָס האָט מען צו מיר?

ס׳אַנדערע, ס׳איז דאָך אַ ליגנט. ווי וועלן ייִדן זיך לאָזן אַזוי פאַר־פירן. מען קען דאָך פאַרפאַלן ווערן אין פּוסטע וועלטן...

עך גלייב נישט...

◈

ס׳האָבן זיך די טירן אַ ברעך אויף געגעבן און ס׳איז פול די שטוב מיט געשרייען, ווי אין אַ טומלהויז.

— הייליקער צדיק, הייליקער צדיק!

ייִדן און ווייבער, מיט אָנגעשריבענע קוויטלעך אין די אויסגעשטערקטע הענט, וויינען מיט פאַרטייבנדיקע יללות:

— בענטשט אונדז, ברענגט אַראָפּ ברכות אויף אונדזערע פאַרדאגהטע, צעווייטיקטע קעפּ!

— הייליקער באַשעפער אין הימל, וואָס וויל מען פון מיינע אַלטע פאַרמוטשעטע יאָרן?

ס׳וואַרפט זיך דער רב ווי אין גליווער און ווי פון משונהנער שרעק.

— קלמן־שמעון, וואָס שטייסטו דאָרט אַ צוגעבונדענער ,טרייב זיי אָפּ, די רגע, דו הערסט?

— וואָס האָבן זיי זיך אָנגעלייגט אויף מיין האַלדז, אויף מיין לייב און לעבן?

— עך האָב שוין קיין כוח נישט. עץ זענט מיך מבטל און שלאָגט מעך פון די מחשבות אַרויס. און איך מוז פונדעוועגן אין דער טיף, היטן דעם דת ישראל, אַז עץ זאָלט ענק נישט פאַרפלאָנטערן, חלילה, נישט פאַרפאַלן ווערן...

קיינער רירט נישט, טרעט נישט אָפּ פונעם אָרט, נאָר ס׳הייבן אָן פאַלן ווי אַ רעגן די אָנגעשריבענע בקשות זייערע צו זיינע פיס.

— נו, — גייט ענק שוין, קינדער מיינע, און מיטן לאַנגן ליולקע־ציבעק וואָס ער האָט אַ הייב געטאָן פונעם טיש, נעמט ער אַליין טרייבן: — כ׳זאָל ענקער פטור ווערן, כ׳זאָל ענק נישט זען פאַר די אויגן.

— ער עט העלפן דער אייביקער באַשעפער, כ׳על, כ׳על...

און ס׳הייבן אָן ציטערן זיינע פאַרברענטע ליפּן אין פאַרקלעמטער, שטילער תפילה.

פורים

זיצט ר׳ לייבוש הלוי - איש הורוויץ, אויף דער הויכער, אויסגעטאָקטער שטול מיט די אויסגעשניצטע ווערטער:

על כסאו לא ישב זר — אַ צוואה פון דור־דורות.

דינע קנייטשעלעך ציטערן ווי רויך־וועלקלעך אויף זיין לויטערן שטערן, און ס׳באַהענגט ווי אַ יום־טובדיקער פּרוכת זיין צורה די צעשפּריי־טע ווייסע באָרד.

שאַטנס פון אחשורוש־שפּילער יאָגן זיך שטיפעריש אויף די ווענט און פון דער גאַס הילעכן קולות און צעברויזטער געזאַנג.

אין טיסמעניץ איז פריילעך — ס׳איז פּורים אין לאַנד!

ר׳ לייבוש קוקט פאַרטראַכט און אין זיין מח בלעטערן זיך מדרשים, צעשפּילן זיך מנהגים, פאַרצייטיקע, וואָס האָבן אַ שייכות צום היינטיקן טאָג.

ס׳אַראַ טייערער, ס׳אַראַ פריילעכער יום־טוב ביי ייִדן!

נאָר פריילעך, נאָר לוסטיק זאָל מען זיין!

און מהאי טעמא האָבן אונדזערע חכמים געבאָטן צו טרינקען — טרינקען עד דלא ידע!

איז דאָך קשה — שיכרות? שיכרות איז דאָך אַ מידה בזויה?

נישט פּורים! דער טאָג פון גאולה!

— אשר נהפך להם מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב —

פּורים איז אַ מנהג־ישראל און אַ מצווה צו טרינקען און פריילעך צו זיין!

אָבער דער מרא־אתרא! ער נישט. ער מוז זיין געהיט און שטיין ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך. טאָמער אַ שאלה — און דער דמיון איז ביי אים חלילה...

כאָטש דערפאַר האָט ער קיין שום מורא נישט. אים וואָלטן משקאות נישט בייגעקומען. פון דעסט וועגן...

ברוך האַגער

דער רב קוקט אויף זיין כוס וואָס שטייט פאַר אים אויף דעם טיש, דעם שווער־באַלאָדענעם מיט שלח־מנותן פון דער גאַנצער שטאָט, און וואָס פינקלט מיט די קאָלירן און פאַרשיכורט מיט די ריחות פון אַלטע פייעריקע ווייגען.

ס'איז נאָך אַלץ דער ערשטער און נאָך אַפילו נישט אָנגערירט.

על כל פנים טועם זיין מוז מען דאָך — יוצא זיין.

— חיאל, חיאל!

דער שמש איז פאַרטאָן. ער טענהט מיטן כוס — גיסט אין זיך — גיסט... און דער רב מונטערט אים אַלץ און וויל נישט דערלאָזן, דער עד דלא ידע — זאָל אים גובר זיין:

— מען רוט שוין — מען רוט שוין אין גאַס?

און ווידער איז זיך ר' לייבוש אין זיינע רעיונות פאַרגאַנגען און פאַרבלאָנדזשעט אין צייטן פון יאָרן אַ סך צוריק:

אַ פורים ביי זיין פאָטער ז"ל — אַ שמחה אַזאַ געדענקט ער נישט מער.

ס'איז געווען אין יענעם זמן, וואָס דער פאָטער האָט זיי, אים און זיין כתה, געגעבן התרות־הוראה.

אַ כתה פון סאַמע גאונישע קעפּ.

ביז גאָר אויפגעלייגט, מיט גרויס נחת־רוח, איז ער געזעסן, דער אַלטער, ביי דער סעודה — די לעצטע אין זיין לעבן, און אַ ליכטיקייט האָט זיך פון אים געשפּרייט און אַ פריילעכקייט געקוועלט.

און טרינקען הייסט ער און לוסטיק זיין!

און די ווייגען גיסן זיך און פונעם געזאַנג און די טענץ הייבן זיך די ווענט און די גדולה, די פרייד טראָגט דורך טיר און פענצטער זיך אַרויס, פאַרכאַפּט אַ גאַס נאָך אַ גאַס און ס'טאַנצט און ס'יובלט די גאַנצע שטאָט.

די תלמידים, ווי פורים־שפּילער פאַרשטעלט, זאָגן דרשות, ווו ש"ס און פוסקים זענען צעמישט ווי קאַשע מיט מאָן, און פירן צונויף הודו מיט כוש, אַז מען קאַטשעט זיך און גייט אויס פון געלעכטער.

אים האָט דער פאָטער געהאַלטן לעבן זיך און אויסגעפּרוווט דעם מח זיינעם — געפּרוווט ווי אַ שאַרף פון אַ שווערד.

ער פילעוועט אים מיט כוסות אָן אַ שיעור, גיסט אין אים פאַרמישטע משקאות, און פירט אים בשעת־מעשה איבער די שווערע און פאַרוואַק־

סענע וועגן פון פלפול און הלכה, פרעגט אים קשיות און פאַרדרייט דעם פשט פון האַרבע און נישט פאַרענטפערטע גמרות און מפרשים.

און ר׳ לייבוש האָט אויסגעהאַלטן. דער דמיון זיינער האָט געלויכטן לויטער און קלאָר: נישט נאָר געענטפערט האָט ער צו יעדער זאַך, נאָר נאָך חדושים, חריפותדיקע, אויפגעטאָן.

— עד שלא שקעה זרחה — האָט דער פאָטער, אונטערשפּרינגענדיק פון דער שטול, אויסגעשריגן און זיך אַ לאָז געטאָן טאַנצן אין רעדל מיט זיינע אַלע תלמידים.

און ס׳האָט דער פלאַם זיך אַ ריס געגעבן און אַרומגעכאַפּט דעם עולם ווי אַ פייערדיקער גאַרטל.

דער ריקוד גייט שטורעמיש און צעברענט, אָן אַן איבערייס, אָן אַ סוף, און דער אַלטער טאַנצט און הערט נישט אויף.

פון וואַנען ס׳האָט זיך נאָך גענומען אַזאַ כוח צו דעם זקן, דעם חלש...

פון שווערן מעשענעם הענגלייכטער טראָפּן טרערן פון שלעפּערדיקע און פאַרצאַנקענדיקע, וועקסענע ליכטער. און אין גאַס איז שטיל און אויס־געלאָשן יעדע שיין.

ר׳ לייבוש האָט זיך פון זיין רעיון דערוועקט און גיט דעם כוס אַ הייב צו די ליפּן:

—— חיאל, חיאל!

— מען מעג — מען מעג שוין?...

דער שמש, אַן איינגעשלאָפענער, האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן און, אויפרייסנדיק ווייט די אויגן אין פינצטערן אַרום, זיך צעלאַכט אויפן קול — הויך:

— רבי, מען האָט שוין פון לאַנג, לאַנג געמעגט...

די עקרה

ר׳ לוי־יצחק, דער בערדיטשעווער רב, אויף זיינע נסיעות פאַר הכנסת־כּלה, פאַר פּדיון־שבויים, אויב ער האָט אין אַ שטאָט צי אין אַ שטעטל נישט געקאָנט צונויפנעמען די נויטיקע מטבעות — דעם פולן פּדיון, האָט ער פאַר די בעל־הבתים תמיד גרייט געהאַט איין און די אייגענע ברכה:

ר׳ מאָטעלע זאָל אויף אייך אַראָפּפאַלן!

◈

ר׳ מאָטעלע טשערנאָבלער פלעג די חסידים זיינע אויסטאָן ביז צום העמד.

— גיב, גיב נאָך! אַ נישט וועט עס פאַרברענט ווערן!

— ר׳ נחומען, דעם טאַטן מיינעם, איז רעכט געווען פאַר אַ פּאָר גראָשן אויף תיקון מיט פאַרבייסן. איך וויל פאַר גראָשנס קיין הבטחות נישט געבן.

— ר׳ נחום האָט אויף זיינע חסידים קיין האָרעוואַניע נישט געדאַרפט אַוועקלייגן. זיי זענען געגאַנגען אויף זיבערע טריט. ער האָט געדאַרפט נאָר אַ וויַז טאָן דעם נענטרן וועג.

און אַז זיי האָבן פון דעם עולם קיין הנאה נישט געוואָלט האָבן, האָט ר׳ נחום אַוודאי און אַוודאי נישט געוואָלט. און ס׳איז אים ניחא געווען צו וווינען אין צוויי פינצטערע אַלקערלעך און צו שלעפן זיך איבער דער וועלט אין אַ שטרויענער בויד, מיט צוויי אָפּגעלאָפּענע עובר־בטלדיקע שקאַפּעס.

— איך וווין אין אַ פּאַלאַץ; און איך פּאָר אין אַ קאַרעטע, מיט זילבערנע באַשלאָגן און מיט ברענענדיקע פערד אין זילבערנע געשירן.

◈

ר׳ מאָטעלע טשערנאָבלער, אַז ער איז געקומען אין אַ מקום אויף אַ שבת, האָט ער עס אויסגעהוילט און אויסגעליידיקט, און ס׳איז געווען דאָרט נאָך זיין אַוועקפאָרן ווי נאָך אַ שריפה.

אַ חוץ מטמונים מזומנים, האָט ער פאַרנומען די צירונגען, דאָס זילבער — ביז צו די לעצטע בענטש־לייכטער, אַפילו ביז צום לעצטן זילבערנעם קאַוע־לעפעלע.

און אָן אַ חילוק. ער קלויבט נישט איבער, צווישן אָרעם און רייך.

— דער בעל־מבוקש, אַ ייִד וואָס דאַרף אַ ישועה, קאָן עוקר זיין דעם מקטרג און בטל מאַכן דעם גזר נאָר דורך אַ נסיון.

און וואָס פאַר אַ נאָך גרעסערער נסיון, גרעסערער יצר־הרע איז דען פאַראַן ווי די עבודה־זרה־געלט?

◈

דער פּאַלאַץ וואָס ר׳ מאָטעלע האָט באַוווינט איז געווען אַ גרויסער, אַ מלכותדיקער, איינגעפּונדעוועט אין פּליוש און אין זייד, און מיט גילדענע און זילבערנע כלים. נאָר ווינטער האָט דער פראָסט געשפּיגלט אויף די צעפּיקטע ווענט און זומער האָט דער רעגן געקאַפּעט און געפייפט דער ווינט דורכן לעכערדיקן דאַך.

— זאָל ער נישט מיינען, דער בעל־דבר, אַז ער אַליין איז דער מושל אויף פּאַלאַצן, אַז נאָר ער אַליין קען פאַרבלענדן די אויגן מיט גאָלד!

◈

דער פּאַלאַץ איז אַ סך מאָל געווען פאַרנומען פון אורחים, הינטער פאַרשלאָסענע טירן. מען האָט נישט געזען ווען זיי זענען געקומען צו פאָרן, נישט געוווּסט ווען זיי זענען אויס געווען די צייט.

צו די פאַרשלאָסענע טירן האָט קיין שום נברא נישט גענענט דעם פּוס. אַ פּחד האָט געבלאָזן פון די שפּאַרעס. ר׳ מאָטעלע, ער אַליין, מיט אַן אָנגעצונדן פּנים, האָט אַרומגעהאַוועט און איז געלאָפן ווי אַ משמש אין שליחותן, אַריין און אַרויס.

— אַז איך קען זיי נישט נאַסטאַרטשען! וויפל איך גיב נישט, און ס'איז זיי נישט גענוג!

אין אַזעלכע טעג האָט ר' מאָטעלע געפּראַוועט נאָר ביז וואָרעמעס, אַרומגייענדיק איבערן דאַוון־שטיבל מיטן טלית איבערן אַקסל, און ווער ס'איז געקומען בעטן אַ ישועה, האָט ער געשונדן געלט אַן רחמנות, פאַר־לאַנגט פון יעדן איינעם אַ הון־רב.

— זעסט דאָך, איצט איז טייער!

◈

איז צו ר' מאָטעלען אַמאָל געקומען אַן אָרעמע ייִדענע, אַ מאַרק זי־צערן, אין טשערנאָבל, בעטן אויף קינדער.

— עס דערנענטערט זיך שוין דאָס צענטע יאָר, פון זינט איר חתונה, און חלילה... וועט זי דער מאַן אירער אָפּגטן.

ווינטשט איר ר' מאָטעלע, זי זאָל געהאָלפן ווערן. נאָר אָבער זי איז אַרויס אויף דער אַנדערער זייט טיר, האָט ער פאַרבראָכן די הענט:

— וואָס בין איך עס, אַ זנאַכער, אַ מכשף?

— האַר פון דער וועלט, זי ווייסט דאָך ניט און גלויבט ניט, אַז דו ביסט איבער אונדז, און אַז איך בין בלויז אַ ווונק פון דיר!

פאַרגייט נישט לאַנג, און די ייִדענע שטעלט זיך ווידער אַריין. נעמט ר' מאָטעלע, אויף זיין שטייגער, זי פירן:

— הייַנט נישט, מירטשעם, איוודעוואָך.

און דערנאָך הייסט ער איר קומען אין אַ חודש אַרום. ער שטופּט אַלץ אָפּ.

די אָרעמע ייִדענע מאַכט עס נישט מיד. זי גייט און ער שלעפּט ביי איר דערווייל אַרויס דעם גרעסטן חלק פון דעם קליינעם לייזונג אירן.

אָבער אין אַ טאָג זאָגט ער צו איר אַזוי:

— אויב דו וועסט מיר ביז מאָרגן, קאַיאָר, נישט ברענגען כך וכך, איז פאַרשפּילט. געדענק־זשע, ביז מאָרגן קאַיאָר!

אַ סכום וואָס די מאַרקזיצערן האָט אַפילו קיין צענט־חלק דערפון נישט פאַרמאָגט.

און טענות און טרערן העלפן נישט. ס'רירט אים נישט.

וואָס טוט נישט אַ מאַמע פון קינדער וועגן!

לויפט זי און פאַרמשכנט וואָס עס איז שווה־כסף, פאַרקויפט, פאַר־תכלעוועט דאָס נויטיקסטע פון איר ביסל אָרעמקייט — ס׳איז נאָך נישט גענוג. גייט זי איבער די שטיבער און בעטלט, ביז גאָט צו דאַנקען, זי האָט דעם פדיון צונויפגעשטעלט.

איז זי דאָך שוין זיכער, אַז זי וועט האָבן די הילף. וואָס־זשע נאָך?

נאָר אַז זי ברענגט דאָס קניפל צוטראָגן, פּינקטלעך צו דער מינוט, און שפּרייט עס פאַר אים אויס אויפן טיש, צעפייערט ער זיך מלא כעס:

— וואָס האָט זי זיך אַקלעפּעט אין אים? ער קען איר קיין הבטחה נישט געבן. בשום־אופן נישט! און אַוודאי נישט פאַר דעם שיבוש. און ער וואַרפט איר דאָס געלט צוריק.

די אומגליקלעכע ייִדענע הייבט אויף אַ קלאָג:

ס׳טייטש, ווי איז נאָך אַן אומרעכט אַזאַ געהערט געוואָרן? אַ יעדן העלפט ער, און נאָר אויף איר איז אַ בראָך, אויף איר איז אַ צאָרן אויס־געגאַנגען! עס איז דאָך דאָס לעצטע וואָס זי האָט געקאָנט צונויפקלויבן. און ער ווייסט, זייער גוט ווייסט ער, דער מאַן אירער העלפט צו דער פרנסה נישט צו. ער פאַרבטלט די טעג אין בית־מדרש. און וואָס זי אַליין ברענגט צונויף, מיט איר שווערער מי, קלעקט ביז צום מויל, קוים אויף פּיסנער חיונה פאַר זייביידע.

וואָס־זשע וויל ער? פאַר וואָס האָט ער קיין איינזעעניש, קיין רחמנות נישט אויף דעם געפּלאָגטן לעבן אירן.

ביי ר׳ מאָטעלען נעמען די קלאָג און דאָס מענה־לשון אירס נישט אָן. ניין און ניין!

נאָר די ייִדענע פאַלט נישט ביי זיך. זי טרייסט זיך מיטן עקשנותדיקן געדאַנק:

— ער ווערט ווייכער, ער וועט בעסער ווערן. ס׳וועט אים גאָר נישט העלפן!

און זי לויפט איבער אים און ליגט אים טאָג איין טאָג אויס אין די אויערן.

◈

ס׳רעשט הינטער פאַרשלאָסענע טירן, נאָר נישט ווי אַלע מאָל: איינ־געהאַלטן, אויף נישט צו הערנדיקע טריט. ס׳קאָכט זיך דאָרט און ס׳טראָגן זיך אַרויס קולות, אָפּגעריסענע, פון הויכע, זייער צעהיצטע שמועסן.

ר׳ מאָטעלע איז מער צעפלאַמט אין פּנים, מער צעטומלט ווי תמיד, בשעת זיי, די באַהאַלטענע געפינען זיך דאָ.

און די קאַרעטע שטייט איצט שטענדיק אַ גרייטע, אַ געשפּאַנטע מיט די הירזשענדיקע, פייערדיקע פערד. און ר׳ מאָטעלע פאָרט און קומט — פאָרט און קומט:

איינער פון די באַהאַלטענע גייט אים אָפּ. שוין יאָרן, אַז ער ווייזט זיך נישט, און מיט אים איז זיין אייגענער גורל פאַרקניפּט.

ר׳ מאָטעלע האָט שוין געטאָן כל התפעלותן, ער זאָל זיך נאָך ווען זען מיט אים, און ס׳קומט נישט דערצו.

דער טשערנאָבלער האָט שוין אַפילו געפּרוווט אים צווינגען: ער האָט אים דעם מעמד אָפּגעשטעלט, דאָס געלט, וואָס ער, דער טשערנאָבלער אַליין איז ממונה, צו צעטיילן צווישן זיי. עס האָט אויך נישט געפּועלט. יענער האָט זיך פּקחותדיק אַן עצה געגעבן:

אַנומלט איז צו ר׳ מאָטעלען געקומען צו פאָרן אַ חסיד, אַ גביר, און דערציילט אים אַט־וואָס:

פאָרנדיק אַהער, איז אים אונטערוועגס אַקעגנגעקומען אַ גייער, אַן עלטערער ייִד. האָט ער, דער חסיד, געהייסן אָפּשטעלן די קאָטש און האָט פאַרבעטן דעם אַלטן זיך אויפצוזעצן. איז ער מסכים, זעצט זיך אויף און מען פאָרט אינאיינעם. נאָר אַז מען האָט זיך צערעדט און עס זענען געקומען די רייד אויף טשערנאָבעל און ער האָט זיך נאָך דערוווּסט, אַז דער גביר איז אַ פאַרגלייבטער און איבערגעגעבענער ר׳ מאָטעלעס, איז דער אַלטער אַריין אין אַ כעס, אַ מסוכנעם, און ער האָט גענומען שיטן פעך און שוועבל.

דער חסיד איז נשתומם! אַ ייִד, אויף די אַלטע יאָרן, און ער האָט גאָר קיין מורא נישט פאַרן אייגענעם דיבור. עפּעס קעגן וועמען רעדט ער עס?

— וואָס איז די מעשה?

— ר׳ מאָטעלע איז אים אַ בעל־חוב. ער איז אים שולדיק חי רענד־לעך און דער זמן־קבוע איז שוין אַריבער.

ב ר ו ך ה אָ ג ע ר

— אין דעם גייט עס? דאָס איז עס גאָר?

האָט דער חסיד, כדי נישט צו הערן מער די זילזולים אויף זיין רבין, אַרויסגענומען דאָס געלט און אויסגעציילט.

און אין דער רגע האָט די קאַטש זיך פּלוצים אַ שטעל אָפּ געגעבן און איידער ווען און וואָס דער חסיד האָט זיך אַרומגעזען, איז דער גייער נישט געווען. ער איז נעלם געוואָרן פאַר די אויגן.

דער טשערנאָבלער האָט נאָך געהאַפּט אויפן איצטיקן צונויפקום. אָבער יענער איז צווישן די אַנדערע נישטאָ.

און ער איז נישט אויסצוגעפינען און ס'איז נישט אויסצושפּירן זיין פאַרבאָרגעניש.

ר' מאָטעלע זעט אין דעם, אַז עס דערנענטערט זיך אים די צייט.

◈

און אין איינעם פון די דאָזיקע צערודערטע טעג, האָט זיך די עקרה אַריינגעריסן צו ר' מאָטעלען אין דאַוון־שטיבל, אַ וואָרף־געטאָן פאַר אים דאָס גרייטע קניפּל געלט און האָט גענומען מאַכן קולות אַזעלכע, וואָס זענען געגאַנגען איבער די גאַסן:

— איצט, איצט, איר וועט מיך שוין נישט אָפּפּטרן, וועט איר מיר מוזן מבטיח זיין!

ר' מאָטעלע, נישט צוגעגרייט אויף דעם אָנפאַל, איז איבערגעראַשט ביז גאָר און ער נעמט זיך אָפּוערן:

— וואָס עפּעס איצט, אין דער מינוט? דו ווייסט דאָך, אַז ס'איז איצט טייער — ווייזנדיק דעם טלית אויפן אַקסל.

— איז וואָס־זשע? טאַקע דערפאַר! אייך אויך צו להכעיס!

— געגוג שוין חוזק געמאַכט פון מיר. מער וועט אייך די שפּיל נישט גיין. ס'זאָל דערגיין אַפילו ביז צו די למד־וואָווניקעס!

ר' מאָטעלעס צורה איז געוואָרן אָפּגעווייסט און מיט אַ ציטערדיקן און האַלבן שמייכעלע אויף די טויט־בלייכע ליפּן, זאָגט ער צו איר:

— נו, זאָל שוין זיין ווי דו ווילסט.

— היינט האָסטו געפּועלט.

— נאָר אַ קלייניקייט נאָך: לויף אין דער געשווינד אַהיים, ברענג דאָס שטערנטיכל דיינס און לייג עס צו, וועל איך דיר פאַרזיכערן.

די אָרעמע יידענע האָט אויף אים אויסגעפּילעט אַ פּאָר איבערגעלאָפענע, ווילדע אויגן און האָט אַ טאַנץ געטאָן ווי אַ צערייצטע, בייסיקע חיה.

— אַ שטערנטיכל — אַ שטערנטיכל!

און זי טופּעט מיט די פיס און האַקט אין טיש אַריין מיט צעלאָזן משוגעת:

— רבי, אַז איר ווילט נישט העלפן, וועט מיר גאָט אַליין מוזן העלפן!

און ר׳ מאָטעלע האָט אַ קלינגענדיקן פליעסק געטאָן און זיך הילכיק צעלאַכט:

—אַזוי טאָכטערשע, איצט וועסטו טאַקע זיכער געהאָלפן ווערן, ווייל גאָט אַליין קאָן אויך העלפן — אַוודאי העלפן!

די פארשפעטיקטע מחותנים

אָסטילע איז פאַרשיט מיט מענטשן ווי מיט מורעשקעס. די צוויי און זיבעציק צדיקי־הדור מיט זייערע חסידים זענען זיך צונויפגעפאָרן באַ־ שיינען די חתונה פונעם אפטער רבס אור־אייניקל. מענטשן טויזנטער אויף טויזנטער שטייען זיך איבער די קעפּ, אַרויסקוקנדיק, מיט אומרו, אויפן פאַרשפּעטיקטן מחותן, ר׳ ישראלציע רוזשינער.

ר׳ שמעון יאַראָסלאַווער, דער זקן צווישן די צדיקים, אַן איינגע־ שרומפּנס — אַ צעבראָכן יידל, שטופּט אויך זיך צווישן דער מאָסע מענטש־ לעכע גופים. קיין פּלאַץ טרעט מען אים נישט אָפּ; ער זעט זיך נישט אַרויס. אים אָבער גייט נישט אין כבוד. ס׳איז אים ביז גאָר טשיקאַווע זיך וואָס גיכער צו באַגעגענען מיטן רוזשינער, דעם וואונדערלעכן רבין, מיטן פּי־ רעכץ פון אַ מלכות.

אַ רבי וואָס פאָרט אין גילדענע קאַרעטעס, וווינט אין אַ פּאַלאַץ מיט ווענט אויסגעקלאָפּטע פון רענדלעך און דילן פון זילבערנע מטבעות, און וואָס אין זיין הויף שפּילן קאַפּעליעס, אַ יעדן טאָג, ווי פאַרן קיסר.

און טאַקע באַלד דערהערן זיך גלעקער־קלאַנגען. די מאָסע גיט זיך אַ צעשפּאַלט אויף גלייכע ווי מיט אַ ווירע צעטיילטע צוויי העלפטן און אַ קאַרעטע אַ פאַרגילדעטע, מיט שוימענדיקע פעך־שוואַרצע אָגערס, לויפט אַן און טוט ראַפּטעם זיך אַ שטעל אָפּ.

דער רוזשינער בייגט זיך פון דער קאַרעטע אַרויס, קוקט, איבערזיפּנ־ דיק איטלעכס פּנים. און אַז ער דערזעט ר׳ שמעון יאַראָסלאַווער וואָס רייסט זיך ווי אַ שווימער, מיט קורצן אָטעם, דורך די כוואַליעס מענטשן, טוט ער צו אים אַ שפּרינג אַראָפּ, כאַפּט אים אַרום מיט גרויס פרייד און פאַרבעט אים אַריינצוזעצן זיך מיט אים אין דער קאַרעטע.

◈

פאָרט מען. מען פאָרט דערווייל נישט אין שטעטל אַריין, נאָר גלאַט אַזוי זיך, און די פעך־שוואַרצע אָגערס טראָגן זיך ווי אויף ווינטן.

ביידע זיצן שוויגנדיק און זענען פון דער אייגענער בענקשאַפט פאַר־כאַפּט; ביידע פלאָנטערן אויף איינער און דערזעלבער סטעזשקע, אַז זיי קענען זיך אַזש נישט אויסמיידן: די גאולה איז זייער געדאַנק.

ר׳ שמעון טוליענדיק זיינע מידע פון דער ווייטער נסיעה אויסגע־מאַטערטע גלידער צו די ווייכע פליושענע קישעלעך, האָט דאָ אַרום זיך דעם אַוויר פון מלכות דערפילט און זיינע רעיונות פליִען און מישן אויף פאַר אים פאַרגאַנגענס: דער כוהן־גדול שטייט אים באַשיימפּערלעך פאַר די אויגן טוענדיק די עבודה און די לוויים הערט ער זאָגן שירה אויף זייערע כלים. איז אים אַזוי ווויל, אַזוי זיס, אַז סע וויל זיך אים שוין קיינמאָל נישט צעטיילן זיך פון דעם תענוג, פון דער דערהויבנקייט.

ביים רוזשינער איז דער הויכער שטערן מיט פינצטערקייט אָנגעצויגן. דורך די שווימענדיקע וואָלקנס פון זיין לאַנגן מיט פערל און סאַפּירן גליִענדיקן ליולקע־ציבעק זעט ער עמלקן, ער זעט אים ווי ער שטייט נאָך אַלץ און פאַרווערט ישראלן דעם וועג צו זיין היים; אַ מכשול וואָס וועט באַשטיין, ביז וואַנען דער ניצוץ־עמלק אינאיינעם מיט די שונאי־ישראל וועלן נישט אויסגעלאָשן ווערן.

און ר׳ שמעון הערט נישט אויף פליִען מיט די רעיונות.

נעמט דער רוזשינער דערציילן אַ מעשה און שלאָגט אים פון דמיון אַרויס.

◈

אַ מלך וואָס האָט געקיניגט איבער טויזנט מדינות וויל זיך בויען אַ פּאַלאַץ אַזאַ וואָס אַזוינס האָט נאָך קיין שום שר, קיין שום מלך נישט פאַר־מאָגט; אַ פּאַלאַץ וואָס צו זיין אויסטערלישקייט איז נאָך קיין גלייכן נישט געווען: ער זאָל זיך אויפהייבן ביז אונטער די שטערן, מען זאָל פון אים קוקן איבער די מדינות און אים אָנזען פון דער ווייטער וועלט; ער זאָל מיט זיין שיינקייט פאַרפינצטערן די זון.

הייסט דער מלך מיט קיניגלעכע באַפעלן צונויפרופן געריכטע מייס־טערס פון זיינע אַלע טויזנט מדינות. קומען זיך די גרעסטע מייסטערס אין דער קרוינשטאָט צונויף, זיצן דורך די טעג און דורך די נעכט אַ לאַנגע צייט אַוועק, באַטראַכטנדיק דעם ענין צוליב וועלכן דער מלך האָט זיי אַהער צונויפגערופן, און קענען זיך צו גאָרנישט דערטראַכטן:

ס׳איז אַ דמיון, אַ פֿאַנטאַזיע, נישט קיין מעשי־ידי־אדם!

דער מלך אָבער טרעט נישט צוריק, ער וויל זיך פון דעם רעיון נישט צעטיילן.

צעשיקט מען רייטערס מיט קיניגלעכע בריוו איבער גאָר דער וועלט און בעט, אַז ווו ערגעץ סע געפינט זיך אַן אויסגערופענער מייסטער זאָל ער קומען צום מלך. אַ יעדנס טירחא וועט באַלוינט ווערן מיט כבוד און גרויס עשירות.

גייען יאָרן נאָך יאָרן, און מייסטערס פון ארבע־פינות־העולם הערן נישט אויף צו ציען אין דער קרוינשטאָט אַריין. אָבער ס׳איז קיינער פון זיי נישט ביכולת דעם קיניגלעכן ווונטש אויסצופילן.

◈

ויהי היום, דערוויסט זיך אַ ייִדישער מייסטער אין די מרחקים פון דעם דאָזיקן מלך וואָס וויל זיך בויען דעם ווונדערלעכן פּאַלאַץ און ווערט אַזוי פאַרכאַפּט פון דעם איינפאַל און פון אַ חשק אַזוינס אויסצופירן, אַז טאַקע באַלד לאָזט ער זיך אין וויַיטן וועג אַריין און וואַנדערט איבער לאַנד און לענדער, ביז ער דערגרייכט צו דעם דאָזיקן מלך אין דער קרוינשטאָט.

קומט ער פאַר אים און זאָגט צו אים אַזוי:

אדוני מלך, אויב איך וועל געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן און דיר וועט ווויל געפעלן זיין, בין איך גרייט פאַר דיר אַזאַ פּאַלאַץ אויס־צובויען, מיט אַזוינע חידושים און נפלאותן וואָס קיין מענטשלעך אויג האָט נאָך נישט געבליקט.

דער מלך, דערציטערט און מלא שמחה פון די דאָזיקע רייד, הייסט דעם ייִדישן מייסטער זיך טאַקע שוין נעמען צום טאָן.

— אין כסף נחשב!

און דער ייִדישער מייסטער טוט זיך מיט אימפעט צום בויען אַ נעם.

זיבעצן יאָר מיט זיבן חדשים האָט דער פּאַלאַץ זיך געבויט. און אַז דער בנין איז פאַרטיק געוואָרן, איז דאָס טאַקע געווען אַזאַ יופי וואָס אין חלום שפּינט זיך אַזוינס נישט אויס.

ס׳איז קיין דומם נישט, נאָר עפּעס ווי אַ באַשעפעניש אַ לעבעדיקס: אַ גילדענע כמאַרע מיט פלאַטערנדיקע פליגל און קעפּ און מיט רובינענע

און סמאַראַגדענע פינקלען, נישט איבערצוציילן, הייבט זיך איבער דער ערד און פליט צום הימל.

◈

צו באַנייען דעם בנין האָט דער מלך פאַרבעטן אַלע שרים און האַרן פון זיין גרויסער מלוכה. און ס׳האָבן זיך צו דער קרוינשטאָט פון אַלע טויזנט מדינות גענומען צעוויקלען לאַנגע זיך נישט־ענדיקנדיקע קייטן, גילדענע רייטוואָגנס און אין זילבער געפּאַנצערטע חילות. און די סעודות כיד־המלך מיט שפּילן און טענץ האָבן דאָרטן נישט אויפגעהערט אַ יאָר נאָך אַנאַנד.

◈

אָבער ס׳איז די שמחה נישט באַקומען. די שררה קען די גדולה פונעם ייִדן נישט איבערטראָגן.

— אַ ייִד זאָל זיך אַזוינס פאַרמעסטן, זאָל אַזוינס דערגרייכן!

און איינער צווישן זיי, אַ תמחה, דער גערימטער מאָלער אויף שויבן און קרישטאָלן, האָט פאַר גרויס קנאה גאָר געוואָלט דעם ייִדן אין גאַנצן אָפּווישן — עוקר מן השורש זיין. האָט ער זיך צונויפגעבונדן מיט די אַנדערע שונאי־ישראל און גענומען אויסטראַכטן בילבולים אויף דעם ייִדן.

נוצט עס נישט.

דער מלך וויל די רכילותן נישט אָננעמען.

די שונאים אָבער רוען נישט, עגבערן און עגבערן, און ווערן נישט מיד אַזוי לאַנג, ביז סע גראָט זיי מיט דער צייט צו וועקן חשד ביים מלך און מיט זייערע פאַלשקייטן צו פאַרשטאָפּן ביי אים דאָס האַרץ. און איין מאָל האָט דער תמחה אונטערגעטראָגן אַ פּאַשקעוויל און דערמיט דעם מלך אַריינגעבראַכט אין אַ גרימצאָרן אַזאַ אויף דעם ייִדן, אַז טאַקע שוין, אויף דער הייסער מינוט, הייסט ער אים פאַרמשפּטן צום טויט. און אַ מלך, אַז ער זאָגט זיין וואָרט אַרויס נעמט ער עס דאָך שוין מער נישט צוריק!

ר׳ שמעון צעפּלעכט זיך מיט די אויסגעטריקנטע פינגער די גרייז־גראָע באָרד זיינע און זיפצט מיט אַ דערשטיקטן אָטעם אין זיך אַריין. דער רוזשינער רייסט זיך נישט איבער.

◈

אין דער מלוכה איז געווען אַ חוק די פאַרמשפטע צו פאַרשיקן אין אַ ווייטער מדינה און דאָרט זיי מקיים פסק צו זיין.

און אַז ס'איז דער יידישער מייסטער אין יענער מדינה געוואָרן אָנגעבראַכט, איז מיט אים געשען אַ חסד פונעם הימל:

מען קוקט נישט אויף זיין משפט, מען דערהייבט אים גאָר פאַר אַן עלצטן איבער אַנדערע אין די תפיסות.

נעמען זיך אָבער צו אים ווידער אַ מאָל די אייגענע צרות. ס'איז פאַר די פאַרוואָגלטע, באַשטראָפטע דאָרט אויך אַן אומכבוד, אַ ייד זאָל זיין איבער זיי. בייסט מען אים הינטערוויילעכץ און שנאהדיקע מחשבות הערן נישט אויף שפינען בייזקייטן אים אין גאַנצן איבערצוקומען. לעבט ער ווי מיט שלענג וואָס וואַלגערן זיך פאַר די טריט, און די יאָרן שלעפּן זיך ווי אויף הרודעס.

זיצט ער אין אַ טאָג אַ מאָל, דער יידישער מייסטער, ביים ברעג פון טייך, גריבלענדיק זיך אין זיין פינצטערן גורל און קוקט מיט צער ווי די לויטערע קרישטאָלענע כוואַליעס קייקלען זיך אַזוי פריי, אַזוי שפּילעוודיק איבער דער וועלט. וואַרפט זיך פלוצים אַ פישל אַריבער אויף דער יבשה און שפייט פאַר אים אויס אַ גילדן פינגערל. און ווי דערציטערט ווערט ער, ווען ער קוקט זיך נעענטער צו דעם צו:

— אַ הפלא־ופלא!

ס'איז דאָך קיין גרינגערס נישט ווי זיין מלכס חתימה־רינג אַליין!

דאָס איז נישט אַנדערש ווי אַ ווונק, אַ משכון אויף זיין נאָענטער גאולה... גיט דעם יידן אַ געדאַנק אַ בליץ, און ער נעמט טראַכטן ווי אַרום צו אַנטרונען צו ווערן און דערשלאָגן זיך אין דער קרוינשטאָט צוריק.

ר' ישראלציע צמאָקעט פון זיין פאַרגליווערטער פייקע, פאַרקוקט זיך אַ רגע אויף דעם אַלטן וואָס צאַפּלט ווי אַ פיש אויף דער טריקעניש, און נעמט ווייטער פירן דעם סיפּור.

◈

געפּרוווט נעבעך מיט יסורים און נכשלים, אָן אַ שיעור, האָט דער יידישער מייסטער, נאָך לאַנג וואָגלעניש, זיך מיט אויסגעלאָשענע כוחות דערשלאָגן צוריק אין דער קרוינשטאָט.

ווי אַזוי־זשע קומט ער פאַרן מלכות? ער איז דאָך פון אים אַליין אַ פאַרמשפּטער. און חוץ לזה, אַפילו ווען דער חטא פאַלט אַוועק, ווער־זשע וואָלט אים דען לאָזן צוטרעטן צום חצר־המלכות? זיין אויסזען איז דאָך היינט פון אַן ארחי־פרחי! האָט ער דערווייל קיין עצה נישט און ער וואַרט אויף אַ צייכן.

מאַטערט ער זיך נאָך גאָר אַ לאַנגע צייט, ביז עס קומט אים אין אַ טאָג דער געדאַנק צו באַהאַלטן זיך, אַ האַלב־נאַקעטער, צווישן די קוסטעס ביים טייך וואָס פאַרן קיניגלעכן פּאַלאַץ און לאָקערן אויפן מלך. און קוים וואָס ער האָט באַוויזן צו טאָן וואָס ס'האָט דער געדאַנק אים איינגערוימט, גייט דער מלך מיט זיינע שרים אַרויס אויף אַ שפּאַציר.

זעט דאָך דער מייסטער, אַז דאָס פירט זיך אים אַלץ מן־השמים, טוט ער, אַ באַהאַרצטער, אַ טרעט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און בוקט זיך צו זייערע פיס.

דער מלך און די שרים גלייבן זייערע אויגן נישט. לעבט ער, צי איז דאָס גאָר זיין גלגול? ער איז דאָך פון לאַנגע יאָרן אַ פאַרמשפּטער.

◈

און ס'האָט דער מייסטער אויפגעהויבן דרייסט זיין קול און רעדט אַזוי צו זיי:

— זייט נישט פאַרוווּנדערט, איר גרויסע און פּאַרכטיקע האַרן, וואָס איר זעט מיך דאָ פאַר אייך! איך קום אין שליחות פונעם שר פון אַלע ימים און פון אַלע וואַסערן, דעם לויתן. און צו דאַנקען האָב איך דאָס דיר, גרויסער מלך, וואָס דיין גערעכטיקייט האָט מיך פאַרמשפּט צום טויט פון וואַסער. וואָרעם, אין דער רגע וואָס מען האָט מיך אין וואַסער גע־שליידערט און איך בין פון די כוואַליעס פאַרכאַפּט געוואָרן, איז מיר געשען אַ גרויסער נס: אַ גרויסער פיש שווימט צו מיר צו, פאַרשלינגט מיך און ברענגט מיך צו טראָגן פאַר זיין מלך דעם לוויתן. קוקט ער אויף מיר שטאַרק פאַרחידושט און פרעגט:

— ווער ביסטו און ווי אַזוי נעמסטו זיך אַהער?

האָב איך אַלץ דערציילט וואָס מיט מיר האָט פּאַרלאָפן.

אויב אַזוי, — זאָגט גאָר דערפרייט דער לוויתן, — אַז דו ביסט יאָ אַזאַ חריף, טאָ באַפעל איך דיר פאַר מיר פּונקט דעם אייגענעם פּאַלאַץ אויס־צובויען וואָס פאַר דיין מלך, נישט געמינערט ס׳מינדסטע!

און כ׳האָב געטאָן ווי ער האָט געבאָטן.

שטייט שוין דער פּאַלאַץ אַ פאַרענדיקטער, און ער איז פאָרט קיין פאַרענדיקטער נישט. וואָרעם, סע פעלט דאָרט דער סאַמע עיקר: די שויבן וואָס גיבן צו דעם גאַנצן חן און באַשיינען דעם בנין ווי אַ טייער צירונג. אַ מייסטער אָבער וואָס זאָל דאָס קענען מאַכן געפינט זיך נישט אין אַלע ימים און נישט אין אַלע וואַסערן.

דערפאַר, אדוני מלך, קום איך צו דיר פונעם שר פון אַלע וואַסערן מיט דער גרויסער בקשה, דו זאָלסט זיין באַוויליקט אים צו שיקן דיין מייסטער, דעם גרעסטן פון גאָר דער וועלט.

און צום צייכן, אַז אַלצדינג וואָס איך דערצייל דאָ איז אמת, גיב איך איבער דיר, אדוני מלך, דיין זיגלרינג וועלכן דו האָסט אַמאָל אין די וואַסערן פאַרלוירן און וואָס איז געבליבן באַהיט אין די אוצרות פון לוויתן.

◈

ביים רוזשינער האָט דער ליולקע־ציבעק גענומען אָטעמען אויף ס׳ניי, לאַכנדיק שלינגלען זיך וואָלקנדלעך אַרום זיינע ליפּן און ער פאַר־ענדיקט:

— דער רושם פון דער מעשה איז געוועזן אַזאַ: דער מלך און די שרים האָבן תיכף־ומיד באַפוילן דעם תמחה אין טייך אַריינצושליידערן כדי ער זאָל ווי אינגיכן אָנקומען צום שר פון אַלע וואַסערן און טאָן זיין באַגער.

אין ר׳ שמעון יאַראָסלאַווערס צורה האָבן די קנייטשעלעך ווי קליינע פּייערלעך זיך צעפלאַקערט, און ווי ווען ער וואָלט אויף אַן אמתן די גאולה דערלעבט, האָט ער זיך אַ ריס אויף געטאָן און גענומען טאַנצן און אויסשרייען:

ב ר ו ך ה אַ ג ע ר

— עמלק ניעמאַ! ישראל מלך ישראל!

ווערט ער אָבער, דער אַלטער, פון דמיון אַ צווייט מאָל אַרויסגע־בראַכט:

די קאַרעטע האָט זיך מיט אַ מאָל אַ שטעל אָפּ געגעבן, אַז די פעד־שוואַרצע אָגערס האָבן אַזש אַ טאַנץ אונטער געטאָן, און איז געשטאַנען פאַרן גרויסן סאַלאַש, ווו מען האָט מיט דער חופה פונעם אַפּטער רבס אוראייניקל זיך שוין קוים־קוים דערוואַרט אויף די צוויי גרויסע פאַר־שפעטיקטע מחותנים.

ד ע ר י ו ר ש

— וואָס עפּעס איך? און אַז איך בין אַן אַלטער ייִד, איז וואָס־זשע?

— ער האָט אייגענע ברייטע פּלייצעס אויף וואָס זיך אָנצולענען: זיינע קאַרלינער זיידעס — די עמודי־אש — די צוויי ר׳ אהרנס, זיי האָבן פאַר אים איבערגעלאָזט אַ גרייטן, אויסגעפּראַצעוועטן וואַרשטאַט.

— וואָס דאַרף ער נאָך... סטאָלינע וועט אים אָננעמען אָן מיין בטוחות...

ער האָט נישט געוואָלט, ר׳ יוחנטשע ראַכמעסטריווקער, גיבן סמיכה דעם אייניקל, ער זאָל זיך זעצן אויף דער כסא, פאַרנעמען דאָס אָרט פון זיינע זיידעס.

◈

אָנגעקומען איז דאָס אייניקל קיין ראַכמעסטריווקע מיט גרויס רעש. אַ לאַנגע שורה, פאַרביק־פאַרפּוצטע וועגענער, מיט ייִדן פול, האָט גע־צויגן נאָך דער גרויסער קאָטש, אַ געשפּאַנטע מיט דריי געטשעקטע שימ־לען אין דער לענג, און מען שרייט און זינגט און די גלעקער פון פערדישע כאָמעטן זשומען צו.

און מען פאָרט, גאַס איין, גאַס אויס, אָנצוזאָגן גאַנץ ראַכמעסטריווקע, אַז ער איז דאָ, דאָס אייניקל, דער יורש פון אַ ממשלהדיקער שטול.

◈

אין ראַכמעסטריווקע גייען אויף, גייען אונטער די טעג, מער פון נעפּלען פאַרהילט ווי פון ליכט צעהעלט. ר׳ יוחנטשעס אומעט באַוואָלקנט די לויטערע שיין:

— אַזויפיל צרות, אַזויפיל ייִדישע זאָרג.

אַ קוק אויף זיין צורה גליווערט איין אַ שמייכעלע אויף יעדנס פּנים, לעשט אויס דעם פינקל אין יעדנס אויג. ביי זיינע טישן זאָגט מען זמירות

— נישט מען זינגט, אויף אַ דביקותדיקן נוסח אַזאַ, אַז מען ווערט צעגאָסן פון געוויין. מען גייט אַ ריקוד־שבת יום־טוב, מיט אָפּגענומענע הענט און פיס — נישט קיין טאַנץ.

—זיי זענען זיך אַוועק, די עלטערע ברידער מיינע, געלאָזט דעם וואָגן אינמיטן וועג, און איך, איינער אַליין, מוז שלעפּן.

ר׳ יוחנטשע איז געווען דער עלצטער צדיק פון דור און דער לעצט־פאַרבליבענער פון די טשערנאָבעלער זין. און מיט אַלע וועגן און אויף אַלע ווינטן טראָגן אָן יידישע קינדער זייערע דאגות, זייערע פאַראומערטע הערצער צו אים.

— די פריערדיקע זיינען געגאַנגען מיט געלאָדענע ביקסן, איך מוז אויסבעטן מיט געוויין.

◈

דאָס אייניקל שפּילט אויף אַ פידל און ראַכמעסטריוקע וואַרפט אויף אַ וויל דעם אומעט פון זיך אַראָפּ.

נאַכט אויף נאַכט איז די אכסניה, ווי ער שטייט איין, באַלעגערט פונעם שטעטל. קעפּ אויף קעפּ, שטייט מען אונטער די פענצטער, ביז צום מאַרגנגלי, און שלינגט די תנועות וואָס גיסן זיך פון די פלינקע פינגער אויף די סטרונעס, וויגט זיך מיט די טענץ וואָס צעהוליעטע לייבער פלעכטן אַרום דעם פאַריסענעם שפּילער.

אַ וואָך און צוויי — ר׳ יוחנטשע וויל זיך נאָך אַלץ נישט צוהערן. און דער אַלטער שייקע, מקורב נאָך ביים צווייטן ר׳ אהרן, האָט אַוועקגעלאָזט אַ גאַנץ גייענדיקן טאָג, פונעם אייניקל צו ר׳ יוחנטשע — הין און קריק:

— אַז ער וועט אויף אים נישט אַרויפלייגן זיינע הייליקע הענט, וועט קאַרלין בלייבן פאַריתומט און ס׳וועט די קאַרלינער עדה זיך צעפּאַלן, צעפליען ווי דער זאַמד אין ווינט.

און ר׳ יוחנטשע קאַרטשעט זיך: — ביים ערשטן — דעם לייב, ביים גרויסן ר׳ אהרן, האָט געברענט אַ פאַזשאַר. מיטן פייער פון זיין אָטעם האָט ער אויסגעברענט אַל דאָס בייז. און אַז ס׳האָט זיך דער שטן אַוועקגע־שטעלט און האָט געוואָלט דוחק זיין אַ גזר אויף אַ יידן, פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן דעם ליולקע־ציבעק און שלאָגן, שלאָגן מכות רצח...

— ער האָט ברייטע פּלייצעס... וואָס עפּעס איך?

און דער אַלטער שייקע שטייט נישט אָפּ און בעט זיך, בעט זיך מיט פאַרבראָכענע הענט:

דער צדיק הדור איז מסמך דעם ממלא מקום פון אַ מנהיג ישראל, און איר, ערשט איר, דער גליגול פון ר׳ יוחנן בן זכאי...

— און אַז כ׳הייס יוחנן, און אַז כ׳בין אַ בן זכאי!

וואָס פאַר אַ גלייכעניש, וואָס פאַר אַ...

◈

ס׳איז אָפּגעגאַנגען די דריטע וואָך און די פערטע וואָך. דער עולם וואָס האָט באַגלייט דעם יורש אַהער הייבט אָן אָפּצוציִען, פאַרלאָזט אים.

און ס׳איז דער פידל אַנטשוויגן געוואָרן און ס׳גיבן די נעכט זיך קריק איבער דעם שלאָף.

דאָס איינִיקל, אין אָפּגעטאָקטן געבלעטערטן זיידענעם כאַלאַטל, דאָס סאַמעט קאַפּעליושל, ווײלעריש פאַרשאַרצט, און מיט געפּאַסטע שפּיגלדיקע שטיוועלעך, זיצט איינער אַליין, אין דער פּוסטנדיקער, גרויסער אכסניה און סדרט זיינע זילבערנע און גילדענע טאַבאַק־ און בשמים־פּושקעס, באַר־שטינענע ליולקעס, געפלאָכטענע שווערע גילדענע קייטן — ירושות פון דורות, אָנגעקליבענע אין גאַנג פון לאַנגע יאָרן.

◈

דער אַלטער שייקע ברעכט זיך. ס׳האָט אין די געציילטע עטלעכע וואָכן די עלטער אויף אים אַ יאָג געטאָן:

— קאַרלין גייט איין, קאַרלין!

— ס׳גליווערט איין דער פייערדיקער שטראָם וואָס האָט מיט די פונקען פון זיינע כוואַליעס געליכטיקט דאָס ייִדישע האַרץ, גאַנצע הונדערט יאָר.

ער האָט זיך אין די לעצטע טעג פאַר ר׳ יוחנטשען מער נישט געוויזן.

אַז ס׳איז ביי אים דער כוח־הדיבור שטום געוואָרן!

דער אַלטער שייקע, ווער ווי ער האָט עס געקאָנט אָנצינדן פלאַמען

מיט זיין רעדן פון די וווּנדער וואָס זיינע אויגן האָבן געזען און וואָס לעבן אין זיין דמיון ווי לעבעדיק געבלי.

ער האָט אים דאָס לשון אָפּגענומען, ר׳ יוחנטשע.

ס׳ציליעט זיך הויל אַ טאָג אין אַ טאָג, לאַנג ווי אַ בייז פינצטער יאָר. ביז ס׳האָט דעם אַלטן שייקע, אין אַ פרימאָרגן, אַ נאָמען אין די אויערן אַ קלינג געטאָן: סטאָלענע!

ר׳ יוחנטשע האָט איין מאָל דעם נאָמען פון די ליפּן אַראָפּגעלאָזט.

און שוין האָט שייקע זיך אַ שטעל געטאָן אויף זיינע אונטערגעבראָכענע פיס און גענומען דאָס אייניקל אונטערן אָרעם:

— קום!

ס׳וועט אים קיין עקשנות מער נישט העלפן. און ער איז מיט אים אַוועק, גיך, ווי נישט אויף זיינע פיס, און האָט אים געבראַכט צו ר׳ יוחנטשע.

— אָט איז ער פאַר אייך, דאָס איינציק פאַרבליבענע שפּראָצל פון אַ מעכטיקן דעמב!

און ער צעוויינט זיך, דער אַלטער שייקע, אויף אַ ביטער קול:

— אַז נישט אין קאַרלין, זאָל זיין אין סטאָלענע!

◈

ר׳ יוחנטשע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין רעיון, זיצט, ווייס אין פּנים, ווי די האָר פון זיין שיטערער באָרד, און מעסט דעם יונגערמאַנטשיק מיט די שווערטן וואָס בליצן אים פון די אויגן.

און ס׳נעמט רייסן זיך אַ קרעכץ נאָך אַ קרעכץ פון אים, אַז ס׳ברעכן סטעליע און ווענט:

— קאַרלינער אייניקל, דו ווילסט דיך זעצן אויף דער כסא פון דיינע הייליקע אבות?

אַ רבי ווילסטו זיין — דו ווילסט?

אַ רבי דאַרף דאָך זאָגן תורה! געדענקסטו די גמרא: אויב אַ רבי קען זיך גלייכן צו אַ מלאך ה׳ צבאות, מעג ער פאַרשפּרייטן תורה צווישן פאָלק ישראל.

האַ, — דו?

— קענסטו דיך גלייכן צו אַ מלאך?

דאָס אייניקל שטייט אַן איינגעזונקענער און איינגעפרוירן ווי פון פראָסט.

— רביס און חסידים זענען שותפים — שותפים ווי יששכר און זבולון זענען עס געווען.

— יששכר איז געזעסן אין בית־המדרש און האָט געלערנט תורה — טאָג און נאַכט. — זבולון איז געפאָרן מיט שיפן אויף די ימען איבער גאָר דער וועלט און האָט געהאַנדלט. און אין זכות וואָס יששכר האָט געלערנט תורה, האָט זבולון מצליח געווען אין האַנדל און געטיילט זיך מיט זיין ברודער.

— ווערסטו דען לערנען?

— און אַז דו וועסט קיין תורה נישט לערנען, וועלן דיינע שותפים קיין פּרנסה נישט האָבן.

— האַ?

דאָס אייניקל פאַלט אָט אויפן פּנים פאַר חולשת־הדעת, פון גרויס שרעק.

— קומט צו פאָרן צום רבין אַ ייד, פון ווייט, און לייגט אַנידער אַ קוויטל מיט אַ טענה אויפן טיש:

— ס׳טייטש, יצחק בן שרה האָט קיין פּרנסה ניט! און איבער די כוחות, לייגט ער אַ קערבל אויך נאָך צו. און אין האַרצן טראַכט ער: זע, שעם זיך רביניו! דערפאַר וואָס דו ווילסט קיין תורה נישט לערנען, האָב איך קיין פּרנסה נישט, און ווייב און קינדער ליגן אויף מיין האַלדז, אין זאָרג און אין נויט.

— האַ, וואָס ענטפערט מען, וואָס ענטפערט מען?

ר׳ יוחנטשע האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין זיץ און זיך אָנגעבויגן טיף:

— זון מיינער, געדענק, כ׳בעט דיך!

— אַז ס׳וועט קומען צו דיר אַ ייד מיט אַ בקשה, זאָל עס דיך כאָטש אַזוי שטעכן און ברענען, ווי אים וואָס דאַרף נעבעך צו דיר אָנקומען מיט דער בקשה...

◈

לאַנג איז ער נאָך אַזוי געשטאַנען אָנגעבויגן, ר׳ יוחנטשע ראַכמע־סטריווקער, פאַר דעם יורש פון אַן אַלטער אָפּגעזעסענער שטול.

שמעון-בער טרושעשטער

א.

איבער נאַכט אַמאָל איז פון אַ פוסטן טאָל צווישן צוויי בידנע נישט גאוההדיקע בערג באַשאַפן געוואָרן דאָס שטעטל שטעפאַנעשט. און די וועגן וואָס פירן אַהין האָבן נישט אויפגעהערט רודערן ווי די וואַסערן אין אַ טייך. לאַנגע שנורן האָבן נישט אויפגעהערט ציִען סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט: בוידן און וועגענער באַפּאַקטע מיט גאַנצע הויזגעזינדן — פון יענער זייט פּרוט, דער בעסאַראַביע, און פון דער גאַנצער ווייטער וואָלעכיי. אַ מזל פון אַ פוסטן טאָל!

דער רוזשינער בשעת ער איז פאַר ניקאָלייען איבערן פּרוט אַנטלאָפן געוואָרן האָט אויף דעם אָרט מיט אַ בליק זיך אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן, אַז סע וועט דאָ זיין אַ מקום פון שפע פאַר ייִדן. האָבן פּריצים גענומען פאַרגעבן אַרענדעס, און אַ ייִדישער ישוב האָט זיך אָנגעהויבן פאַרוואָרצלען און צעוואַקסן.

נאָכן רוזשינערס פּטירה האָט זיין זון ר׳ נחומוניע זיך אין קיין שום גאַליציאַנער שטעטל נישט געוואָלט באַזעצן, כאָטש ייִדן האָבן איינגעלייגט די וועלט. ס׳האָט אים צו זיך געצויגן די וואָלעכיי. ס׳האָט אים געצויגן צו די רענדאַרעס און סוחרים מיט צעהיצטע פּנימער פון ווינטן און זון, פון קאָנטראַבאַנדער און אָדאָבעשטער ווייַנען; וואָס פאַרשפּרייטן דעם ריח פון זאַטע תבואות און טריפנדיקע סאָסנאָווע וועלדער; ייִדן מיט הויך־כאָליעוורדיקע שטיוול, וואָס שפּאַרן מיט זייערע קוטשמעס אונטער די סטעליעס.

האָט זיך ר׳ נחומוניע באַזעצט אין שטעפאַנעשט. און ייִדן פון דער גאַנצער וואָלעכיי האָבן צו אים אָנגעהויבן קומען מיט בקשות וועגן אַלץ וואָס ס׳האָט זיי געפעלט און זיך זיי געוואָלט.

פאָרנדיק אויף די וועגן צום רבין, האָט דער הימל אָפּגעהילכט פון

די ברייטע הויכע שמועסן וואָס דער עולם האָט וועגן די בקשות צווישן זיך פאַרפירט.

וואָלעכישע ייִדן קומען נישט צום רבין הכנעהדיק, נאָר מיט תביעות ווי צו אַ בעל־חוב.

דער רבי איז זיי מחויב, וואָרעם זיי פון זיינעט וועגן זשאַלעווען אויך נישט, פירן צו אים איבער גרויסע פדיונות און באַשענקען אים מיט די רייכסטע מתנות.

זענען אַזוי פאַרגאַנגען קורצע עטלעכע יאָר. עולם איז קיין שטע־פאַנעשט געפאָרן אַלץ מער און מער און זיך אומגעקערט אין די היימען צופרידענע, מיט פאַרגרינגערטע הערצער און גוטע הבטחות.

כאַפּט זיך ר׳ נחומוניע אין אַ טאָג אַרויס מיט אַ וואָרט, אַ רמז אויף אַ שינוי, און דער טרויעריקער פאַרבאָרגענער מיין דערפון, אין פלוג נישט אויפגעכאַפּט, צעפליט זיך ווי אַ קערנדל אין ווינט.

און ווען?

בעת דאָס שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן באַקוקן דעם ווונדערלעכן, נאָר־וואָס פאַרענדיקטן זאַל, נאָך יאָרן לאַנגער און געניטער אַרבעט.

אַ זאַל מיט כל המיני באַשעפענישן, חיות און געוויקסן, אויף דער הילצערנער סטעליע בולט אויסגעשניצטע, טאָפּלט און פאַרגרעסערט זיך אין פאַרגילדטע שפּיגלווענט; אַ ווייסער מירמלענער דיל בליאַשטשעט אַ טריט נישט אַראָפּצולאָזן. און אין גאַנצן פאַרנעם דאָרט געפינען זיך נישט מער ווי געציילטע עטלעכע זאַכן:

ביי אַ וואַנט אַ גרויס בעט מיט פּלוישענע און זיידענע באַהאַנגען, דורכגעהאָפטענע מיט פּערל און גאָלד; איבער דעם אַן אויסגעקאָוועטע זיל־בערנע ביקס און אַ שווערדל, אַ פייעריק פינקלדיקס, מיט רובינען און די־מענטן; אַ געטאָקטער זילבערנער טיש אין דער מיט און אַן איינציקע שטול מיט צוויי גילדענע אָדלערס וואָס האַלטן אויף זייערע גרויסע צעלאָזענע פליגל אַ געפלאָכטענע מיט סאַפּירן מערעדיקע קרוין.

דעם זאַל האָט ר׳ נחומוניע צוגעגרייט פאַר משיחן. און בעת דער עולם איז געשטאַנען פאַרכאַפּט און פון דעם חידוש די אויגן נישט געקאָנט אָפּ־רייסן, האָט ר׳ נחומוניע, ווי פאַר זיך אַליין, אַ זאָגן געטאָן:

— מיין חלק איז שוין דאָ אָפּגעטאָן. דעם רעשט זאָל מתתיהו מתקן

זיין... ער אַליין וועט זיך באַלד פון דאַנען אַרויספירן קיין יאַס און באַזעצן זיך דאָרט אין אַ דירה דלת־על־דלת.

און צום חודש איז ר׳ נחומוניע אין יאַס נפטר געוואָרן.

ב.

די וועגן און שליאַכן קיין שטעפּאַנעשט שטייען ווייטער נישט שטיל. קראַנקע און געזונטע, ווייבער מיט פאַרזאָטענע און געפּייניקטע הערצער, סוחרים מיט פאַרדרייטע און פאַרפּלאָנטערטע מיסחרים פאָרן נישט געמי־נערט צום יונגן צדיק.

דער יונגער רבי אָבער גייט נישט אין זיין פאָטערס טריט: ער גיט קיין הבטחות נישט. צוזאָגן, מבטיח זיין איז נישט זיין אופן, נישט ביי אים אויספועלן.

שווער ביז נישט איבערצוטראָגן דריקט דער עול וואָס איז אויף אים אַזוי אומגעריכט אַרויפגעפאַלן. מענטשן באַפאַלן אים ווי ווילדע חיות בעת זיי יאָגן זיך צו פאַרצוקן עפּעס. קיינעם איז דאָ אויף דער וועלט נישט רעכט. אַלץ קומט נאָר מיט קריוודעס, מיט תרעומותן אויף גאָט.

און ער, דער רבי, כסדר אין אימה, ציטערט, זיי זאָלן זיך חס־ושלום אין גאַנצן נישט פאַרזינדיקן.

ווי אין אַ געפענקעניש, ווי אַ שקלאַף צום מילשטיין צוגעקאָוועט, זיצט ר׳ מתתל גאַנצע טעג און האַלבע נעכט אויף דער שטול און נעמט אין זיך איין צער און זאָרג וואָס יידן שפּרייטן פאַר אים אויס.

די דרויסנדיקע שיין זעט ער נישט, ווי בשעת ער גייט דאַווענען. זיינע אַלע דירות איז ער נאָך קיין מאָל נישט איבערגעגאַנגען. און די סעדער און גערטנער וואָס נעמען דעם הויף אַרום באַטרעט ער נישט חוץ איין איינציק מאָל אין יאָר, ערב שבועות, צו לויבן גאָטס צעגרינטע און צע־בליטע וועלט.

מילא, ס׳איז דאָך זיין חוב מיט יידן צו טיילן זיך אין זייער צער, זייער נויט. מאַטערט אים אָבער וואָס די צרות נעמען זיך פונעם פאַר־קויפטקייט זייערן צו דער עולם הזה.

אַז איין מסחר איז זיי נישט גענוג! אַז מיט איין פּרנסה באַנוגענען זיי זיך נישט!

באַדאַרף מען אי מילן אי זעגן, גראַלניעס און וועלדער. פאַרפּלאָנ־טערט מען זיך. פערד און בהמות ברענגען זיי פון פרעמדע, ווייטע לענדער אַן. אַ פּנים נישט גענוג בהמות דאָ פאַראַן?

רבונו של עולם, צו וואָס טויג דאָס אַלץ? צוליב וואָס אַזוינס איינרייסן די וועלט?

ווייבער ווילן זייערע טעכטער פאַרזאָרגן מיט גרייטע גבירים. אויף השגחה פאַרלאָזן זיי זיך נישט. פאַרקויפט מען זיך.

קען ר׳ מתתל אויף דעם אַלעמען נישט ענטפערן ווי בלויז מיט זיינע צוויי שטילע אויסגעוויגענע ברכות:

גאָט זאָל דיר העלפן! און: אין וואָס דו וועסט טאָן, זאָל דיך דער באַשעפער באַגליקן!

זענען אָבער די רענדאַרעס דאָס רוב דערמיט נישט צופרידן. רייסן זיי אויף די מיילער און זעצן מיט די אָפּצאַסן פון זייערע שווערע שטיוול אין דיל אַריין, העלפט דאָס נישט. שטייען זיי צו מיט טענות:

ס׳טייטש, דער פאָטער, זיין הייליקער נאָמען זאָל זיי ביישטיין...

ווערט ר׳ מתתל פלוצים אַזוי פאַרביטן, אַז דאָס פּנים זיינס גליווערט און ווייסט זיך ווי די וואַנט. און די רענדאַרעס מיט אָפּגענומענעם לשון פאַר שרעק טריקענען אויס פון אָרט...

פאָרט וואַקסט דער עולם פון טאָג צו טאָג.

ג.

טרושעשט איז אַ דערפל אויפן וועג קיין שטעפּאַנעשט. זיצט דאָרט אַ ייִד מיטן נאָמען שמעון־בער אויף אַן אייגענער נחלה, און ווער עס פאָרט דאָרטן אַדורך, שטעלט זיך ביי אים אָפּ ווי אין אַן אכסניא. עסן און טרינקען איז אין זיין שטוב הפקר פאַר סיי וועמען.

שמעון־בער טרושעשטער איז אַן אַרענדאַטאָר פון וועלדער און זעגן, מילן און טייכן, מיט פאַראַנען וואָס שווימען מיט סחורות צווישן די ברעגעס פון דער בעסאַראַביע און דער וואַלעכיי.

אָן דעם רבינס ברכה טוט ער קיין שום זאַך נישט, נישט פאַרן מינדסטן באַטרעף. און ס׳פאַרגייט נישט די וואָך, ער זאָל נישט פאַרפאָרן

קיין שטעפּאַנעשט צום רבין אין זיין לייפּסקער בריטשקע מיט די בערענע פערד, וואָס פון זייער געלאָף פאַרפינצטערט זיך דאָס שטעטל מיט אויפ־געדרודערטע וואָלקנס שטויב.

מיטן רבינס הויף קער ער זיך מערער אָן ווי מיט זיין אייגענער היים. דאָ ווינט ער מיטן געדאַנק און מיטן האַרץ.

שמעון־בער האָט ליב אַ לעב טאָן מיט חברה בטלנים. און אַז ער קומט צו פאָרן אויף אַ שבת, אַ יום־טוב, קערט ער די וועלט. אויף זיין חשבון קאַטשעט מען פעסער ווייַן אין הויף אַריין, גרייט טישן מיט די בעסטע מאכלים און מען הוליעט טעג און נעכט אויף וואָס די וועלט שטייט. צו זיין גבורה איז קיין גלייכן נישט פאַראַן. ער ווערט גאָר נישט מיד טאַנצן און הוליען. און ערשט אַז ער קומט אין זיינע פייערן אַריין, צעגייט זיך די שמחה איבערן גאַנצן שטעטל. דאָס אָנגעטועכץ איבערגעדרייט אויף קאַפּויר, מיט דער פּאָדשעווקע אַרויף, נעמט ער שפּילן אויף אַ פּאַסטעכישן פייפל פריילעכס און פירן דעם עולם איבער די גאַסן טאַנצנדיק אַ שער.

עד־היום קענען מענטשן נישט פאַרגעסן וואָס שמעון־בער האָט פאַר־פירט, בעת ר׳ נחומוניע האָט געדאַרפט קומען באַזעצן זיך קיין שטעפּאַ־נעשט. די גאַנצע אַרומיקע געגנט האָט ער אויפגערודערט מיט וואָכן פריִער. רייטנדיק אויף אַ פערד, האָט ער אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ס׳וועט דאָ קומען אַ צייט פון אַל דאָס גוטס, ברכה און שפע פאַר אַלעמען.

האָבן שטעטלעך און דערפער גענומען גרייטן אַ באַגעגעניש פאַר ר׳ נחומוניען ווי פאַר אַ מלכות, און ער, שמעון־בער, האָט אָנגעפירט.

די גאַסן האָבן מיט אַמאָל אַ וואָרף אַראָפּ געטאָן פון זיך דעם אָפּגע־נוצטן לבוש. ס׳גלאַנצט מיט אָפענע טויערן, מיט הויכע קונציקע טורע־מער, באַפלאַכטענע מיט פּזמונים אין אַלערליי קאָלירן. קיליעמער און קאָ־וויאָרן שפּרייטן זיך פאַר די טריט און פייערן פון צעגאָסענעם פעך האָבן אויף מיילן געלייכט ווי אַ שרפה.

הונדערטער יידן, אויסגעפּוצט מעשה אָפּיצירן, פאָרן אַקעגן אויף פרי־צישע פאַעטאָנען און רייטן אויף די שענסטע פערד. כלי־זמר ליאַרעמען אויף טאַצן און טרומייטערס און מענטשן, צעשיט ווי זאַמד ,טאַנצן און זינגען אויף אַלע וועגן .שמעון־בער טרושעשטער, אין אָנטועכץ פון אַ גענעראַל, מיט גילדענע טרעסטן און עפּאָלעטן, זיצט אויף דער הויכער קעלניע פון

ברוך האָגער

אַ גרויסער פּאַרמאַכטער קאַרעטע און טרייבט אַליין אָן די נאָשפּיץ גע־שפּאַנטע אַכט שימלען.

ד.

פון זינט ר׳ מתתל האָט פאַרנומען זיין פּאָטערס אָרט, האָט שמעון־בערן אָנגעהויבן גיין די הצלחה גאָר גרויס. ער שעפּט פון אַ קוואַל וואָס נעמט זיך נישט אויס. און צו וואָס ער רירט זיך נישט צו, לויפט אים דאָס מזל אַקעגן.

געלט אָנלייגן האָט ער אָבער פיינט. ס׳פּאַלט ביי אים דורך די פינגער. די שופלאָדן זענען ביי אים אָפן פאַר סיי וועמען וואָס נויטיקט זיך. און צענדליקער משפּחות ציִען פון אים חיונה ווי פון אייגנס. דער עיקר ליב האָט ער, אַנדערע זאָלן אויך פילן, אַז פון דעם לעבן דאַ באַדאַרף מען הנאה האָבן.

קיין גאַנצער נחת איז נישט פאַראַן. שמעון־בער האָט פאַרבאַרגענע עגמת־נפשן, אויסבאַהאַלטענע פאַר פרעמדע אויגן.

דאָס שלום־בית איז ביי אים נישט פּאָדער, נישט אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך פאַרלאַנגט. די פלוניתטע זיינע איז אַ ספּאָדיקקאָפּ, מישט זיך אין די געשעפטן און איז נישט מסכים מיט זיינע פירכעצער. דאָס ברייטקייט זיינס און דאָס צעלאָזנקייט קען זי נישט סובל זיין. אַ ייִדענע, בטבע אַפילו נישט קיין שלעכטע, וויל זי זען אַ תכלית, פאַרזיכערן איר הויזגעזינד מיט פאַר־מעג. הערט זיך דאָך שמעון־בער ווינציק וואָס צו איר, מאַכן זיך טענות וואָס דערעסן אים אַמאָל אַזוי, אַז ער אַנטלויפט פון דער היים און טוט זיך ערשט רעכט אָן די ליב. די עיקר־סיבה וואָס שטערט דאָס שלום־בית איז דאָס וואָס האָדיע־עטל קומט אַרויס פון אַ מתנגדישער שטוב און קוקט מיט ביטול און פאַרדראָס אויף איר מאַנס חסידישקייט.

פון זינט די רביס האָבן זיך דאַ באַזעצט, איז איר דאָס לעבן נישט ניחא. שמעון־בער איז צו דער היים נישט צוגעבונדן, אַן אורח באַגלייך די אַלע וואָס פאָרן דאַ אַדורך, עסן און טרינקען זיך אָן, שלאָפן אַמאָל איבער אַ נאַכט, און זענען אויס די צייט. אַ תענוג פון אַ יום־טוב אָדער אַזוי אַ חשובן שבת דערגייט נישט צו איר הויזגעזינד.

אַלץ פֿראַוועט ער אין שטעפּאַנעשט!

זענען אַזוי געגאַנגען די יאָרן און קיינער פֿון זיי ביידע האָט זיך נישט געביטן, נישט צוגעגלייכט.

מאַכן זיך אָבער אין דער וואָלעכיי בהלות און רדיפות אויף ייִדן. ייִדישע פּרנסות פֿאַלן ארצה. אָרעמקייט און נויט נעמען שלייכן אין די הייזער. ביי שמעון־בער טרושעשטער האָט זיך דאָס ראָד אַ דריי געטאָן אויף צוריק. די געשעפֿטן זיינע גייען שפּל. וואָלט אים דאָס אַליין נישט בדיל געמאַכט. ער וואָלט נאָך בכוח געווען אַ שווער שטיקל צייט אויף זיינע ברייטע פּלייצעס איבערצוטראָגן. קומט דאָך אָבער אַ צרה נישט אַליין, פֿאַרשלעפּט מיט זיך אין אירע פֿאָלעס נאָך אַן ערגערע: אַ פּריץ פֿון די גרויסע יחסנים, וואָס שמעון־בער איז מיט אים געווען פֿאַרקניפּט אין אַלע גרויסע מסחרים, האָט גאָר פּלוצים, אָן אַ שום פֿאַרוואָס, געוואָרפֿן אויף אים אַן אומחן און גענומען רודפֿן מיט אַזאַ רישעות, ממש אָפּצומעקן אים פֿון דער ערד..

פֿאַלן פֿון ברויט אַלע וואָס ציִען חיונה דורך שמעון־בערס השפּעה, גייען אַרום שלינג־און־שלאַנג, און פֿאַר אים הייבן זיך אָן פֿינצטערע, נע־פּלאָגטע טעג פֿון דינים ומשפּטים.

ה.

ווי אַ לבנה־גלוסטער בלאָנקעט זיך שמעון־בער אַרום אויף די וועגן צווישן טרושעשט און שטעפּאַנעשט און קען זיך אין ערגעץ קיין רו, קיין טרייסט נישט געפֿינען.

דער רבי — זיין בטחון, זיין איינציקער אָנשפּאַר — גיט קיין הבטחה נישט. ס'איז פֿון אים נישט אַרויסצובאַקומען, ווי נאָר די איינציקע ברכה:

גאָט זאָל העלפֿן...

פֿאַרבייסט ער מיט די ציין און אַנטלויפֿט ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

האָדיע־עטל אין דער היים דערגייט אים די טעג. זי גיסט בוימל אויפֿן פֿייער, חוזקט פֿונעם רבין און פֿונעם גאַנצן הויף:

— פֿאַרוואָס באַווייזט ער זיין כוח נישט, דער רבי דיינער? און זיי, דיינע בטלנים, פּרעסערס און זויפֿערס אויף דיין בייטל, פֿאַרוואָס שווייגן זיי? נישט אַ קרעכץ אַפֿילו אויף דיינע וויסטע לייד ביסטו זיי ווערט.

פאַרוואָרפט ער די אָנגעלאָפּענע קולעקעס הינטער זיך, זיין רציחה צו באַצווינגען און ער ווערט אַנטרונען ווי פון אַ בראַנד.

עפּעס פילט ער זיך ווי ווען אַ מויער מיט פראָסט וואָלט אים אַרומ־געגומען. חשד טונקלט אין אים: די נאָענטסטע, די חברים אין הויף, דער־וויטערן זיך ווי פון איינעם וואָס זיין גורל איז שוין געחתמעט.

די צייט שטייט נישט און דער טאָג אין וועלכן ס׳איז געווענדט, ער זאָל בלייבן אויף זיין שטייגער אָדער אויף יאָרן פאַרוואָגלט ווערן אין דער תפיסה, דערנענטערט זיך. גייט ער אַרום ווי פון זינען. אַ געדאַנק פרעסט אים דעם מוח, בויערט אים לעכער אין האַרץ: אויב דער רבי וועט אים נישט מבטיח זיין, בלייבט ער אויף אייביק אַ פאַרפאַלענער.

ו.

פרייטיק פאַר ליכט־צינדן, שבתדיק, אין שטריימל מיטן ווערד אין דער הויך, גייט דער רבי זיך אַדורך אַמאָל איבערן משיח־זאַל. אויף דער דאָזיקער מינוט האָט שמעון־בער לאַנג אַרויסגעקוקט. און מיט אַ שטורעם פאַלט ער אַריין:

— רבי, איר מוזט מיר העלפן!

דער רבי, פון דעם אומגעריכטן אָנפאַל, אָן איבערגעשראָקענער, האָט צו דער איינציקער דאַמאַסטענער שטול זיך אַ וואַקל צו געגעבן און אַראָפּ־לאָזנדיק זיך מיט די ליפּן אַ שטילן ציטער געטאָן:

— גאָט זאָל דיר העלפן!

— ניין, רבי, נישט: ער זאָל, זאָגט: ער וועט!

ר׳ מתתל, מיט אַ פאַרשלאָגענעם אָטעם:

— איך קען נישט.

ביי שמעון־בערן צעברענט זיך די רציחה ביז משוגעת. ער זעצט אין געטאָקטן זילבערנעם טיש אַריין, פּאַטשט זיך אויף זיינע פליישיקע פאַרסמאָלעטע באַקן און פון זיינע איינרייסענישן ציטערן סטעליע און ווענט.

— איר קענט נישט?! פאַרוואָס־זשע שווייגט איר? פאַרוואָס רייסט איר די טירן נישט אויף און שרייט עס נישט אויף די גאַסן אַרויס?

— דערויף האָב איך מיין לעבן אַוועקגעגעבן? מיט אָט די הענט די שטיינער צו דעם בנין געטראָגן?

אויף די קולות און גוואַלדן האָט זיך דער גאַנצער הויף מיט דער גאַס צונויפגענומען, באַלאַגערט דעם זאַל און געגאַפט אויף דעם בייזן ווונדער.

מענטשן און מקורבים פּרוון שמעון־בערן איינצונעמען. ער אָבער וואַרפט, יאָגט פון זיך און הערט נישט אויף שיטן און מישן ווי פון היץ. די לייבן און די לעמפּערטן וואָס גלאָצן דורך די שפּיגלווענט רייסן, דאַכט זיך, אויך אויף די מיילער.

— גאָט זאָל העלפן?! דאָס גאָר?!

— אַזוי קאָן דאָך וואַסיל טשאַבאַן אויך!

— ניין, רבינו, ניין!

— איך גלויב אייך נישט! איר קענט, איר קענט! און איך רוף אַלע־מען פאַר עדות דאָ, אַז איר וועט פון דאַנען נישט אַרויסטרעטן, ביז וואַנען איר וועט מיר נישט פאַרזיכערן די גאַנצע הילף!

ביי די ווערטער האָט שמעון־בער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, גענומען האַקן דעם קאָפּ אין מירמלשטיין און זיך צעיאָמערט מיט אַ צע־בראָכנקייט אַזאַ, אַז ס׳איז נישט געווען איינצושטיין.

די גאַנצע צייט וואָס שמעון־בער האָט געווילדעוועט, איז דער רבי געזעסן דעם קאָפּ פאַרוואָרפן. אויפן פּנים האָבן זיך די פאַרבן ביי אים געמישט: פייער רויט און טויט־בלאַס, און זיינע אויגן, פאַרגלייזטע, האָבן געבלאַנדזשעט אין דער ווייטקייט. נאָר אַז די קלאָג, וואָס האָט דורכגע־נומען מיט צער פון אַן אומגעוואַלגערטן בער, איז זיך צעגאַנגען איי־בערן גאַנצן הויל, האָט ר׳ מתתל פּלוצים זיך אַ קאָרטשע־געטאָן ווי אין אַ פאַרכאַפּטן ווייטיק, אַ קרעכץ אַ שניידנדיקער האָט זיך פון אים אַ ריס געטאָן ווי ביי אַ געווינערן אין דער רגע וואָס דאָס קינד צעטיילט זיך פון דער טראַכט און ער האָט מיט געשטאַמלטע ווערטער צום ערשטן מאָל אַ זאָג אַרויס געטאָן:

— ער וועט...

און שמעון־בער, אַ מבוהלדיקער, האָט אַ טאַנץ געטאָן אַרויס אויפן הויף און פאַר פרייד ווי אַ מטורפער געשריגן און געליאַרעמט:

— ער וועט... ער וועט... ער וועט העלפן!!!

מיקיטא

א.

ס'האָט אַמאָל אין אַ זומערדיקן קאַיאָר ר' ישראלטשע רוזשענער, ראַפּטאָם, געהייסן שפּאַנען די קאַרעטע און האָט זיך טאַקע באַלד אַריינגעזעצט פֿאָרן.

— טרייבט, נאָר טרייבט! ס'איז שוין נישטאָ קיין צייט צו פֿאַרזוימען.

און ס'האָבן די פֿיר ברוינע אָגערס, נאַשפּיק, זיך אַ ריס געטאָן, געטראָגן זיך ווי אויפֿן ווינט, און די צעלויכטענע, ווייענדיקע גריוועס זייערע פֿאַרבלענדט די זון און איר צעוואָרפֿן גילדן געגלי.

ב.

מיקיטאַ דווירניק האָט זיך היינט אָנגענומען מיט זיינע לעצטע כוחות און זיך אַרויסגעשלעפּט איבער דער טיר פֿון זיין אָפּגעדינטער, צעוואַלגערטער כאַטע.

ביידע האָבן אָפּגעדינט, ביידע זענען פֿון דער צייט צעוואַלגערט געוואָרן און קענען זיך אויף דעם סוף נישט דערוואַרטן.

גאַנצע צוויי יאָר האָט מיקיטאַ די ליכטיקע שיין פֿון הימל נישט געזען, דעם טעם פֿון אַ זאַפּטיק בלעטל אויף די ליפּן נישט געפֿילט און דעם ריח פֿון אַ פֿריש גרעזל נישט געשמעקט.

היינט האָט זיך אין אים דערוועקט אַ גליסטונג — אַ ניט־אָפּצוקילנדיק גליסטונג, צו פֿאַרלאָזן דעם אויפֿן־אויוון, די הויזונג זיינע, אין די לעצטע יאָרן, און אַרויסקומען אויף גאָטס צעגרינטער און זומערדיקצעשפּילטער וועלט.

ס'איז אים דאָ וווּיל ביז גאָר!

די יצירה, אומגעהאַמעוועט צערוישט, און מיט איר רייך צעשפּראָצ־טער בליונג, פּאַרוויגט אים מיט איר געזאַנג. אַ וואַרעם ווינטל באַפּעכערט אים ליבלעך, גלעט אים אַ ביסל אויס די קאָרטשן פון זיין אויסגעטרוקנ־טער, פאַרמעטנער הויט און צעפּעכלט דאָס טוכלעקייט פון זיינע פאַר־שטאַרצטע אָפּגעטויטע גלידער.

ג.

מיקיטאַ דווירניק האָט זיך שוין פון לאַנג אָפּגעזאָגט פון דער וועלט. ער וויל פון אירע מעשים מער נישט וויסן. נאָר אין די לעצטע צוויי יאָר האָט ער אַפילו פונעם אויפן־אויוון נישט געוואָלט אַראָפּגיין.

שטיל און פאַרשטומט, ווי אַ מת, ליגט ער, איינגעוויקלט אין זיין אויסגעקראָכענער, צעפליקטער בורקע, און וואַרט...

פון דער אויסגעקראָכענער, צעפליקטער בורקע צעטיילט ער זיך קיין מאָל נישט. דער דאָזיקער בגד איז זיין עדות, זיין טייערער משכון אויף דעם וואָס ער איז שוין מיד אַזויפיל צו האָפן, אַזוי לאַנג צו וואַרטן.

שראַלקע — דער בעש״טער, האָט גאָר אין גאַנצן אין אים פאַרגעסן!

ד.

מיקיטאַ מאַכט זיך דעם סך־הכל. ווער איז דען שולדיק אין דעם מער, אַז נישט ער אַליין, מיט זיין נאַרישן שכל?

ס'אַראַ הוילער קאָפּ ער איז דאָס אַמאָל געוועזן! אַ לאַנג לעבן האָט ער זיך ביי שראַלקען געבעטן. ס'אַראַ נאַרישער שכל.

לעבן, אָן אַ שיעור לעבן! און ער האָט זיך גאָר נישט באַטראַכט, אַז דער טויט קען אַמאָל ליבער זיין — ליבער ווי אַן אייגענער ברודער, פון אָט דעם נמאסן לעבן.

כאָטש יונג איז ער שוין דעמאָלט אויך נישט געוועזן, אָבער געזונט און שטאַרקער נאָך פון אַ ריז. און די תאווה האָט אין אים געברענט צו אַלץ, וואָס דאָס אויג האָט געזען און וואָס דאָס פלייש זיינס האָט געקאָנט אָנרירן.

און די זייניקע, אַלע אַרום אים, האָבן געלעבט און זיך געפּרוכפּערט און געמערט, ווי דער קאָרן און דער ווייץ וואָס גילדן זיך אים איצט פאַר די אויגן.

ה.

דאָס לעבן זיינס איז דאָס משל פון אַ וואָגן וואָס איז געלאָפן אָן אָן איבערבראָך. פּלוצים ברעכט אָן אַקס, באַלד דערויף אַ רעדל — ס׳צעפאַלט זיך אַ שטיק נאָך אַ שטיק. און וואָס ס׳איז נאָך פאַרבליבן, מעג מען ממילא שוין אַרויסוואַרפן אויפן מיסט.

האַלט אָבער דער בייזער די חסדיקע האַנט פון אים אָפּ. ער לאָזט דעם שטויב נישט קריק צום שטויב זיך אומקערן.

מיקיטאַ וואָלט זיך שוין פון לאַנג דעם עק געמאַכט. ער וואָלט אַפילו אויף דער זינד קעגן גאָט נישט געקוקט. ווען נישט ער איז זיכער, אַז שראַלקע וועט דאָס וואָרט זיינס אויסלייזן.

אַ געטלעכער מענטש איז עס דאָך — נישט אַבי ווער!

ו.

מיקיטאַ איז געבליבן ווי דער איינציקער צאָן זיינער אין מויל — אָן אָן אייגענעם אָן אַ פריינט. גאַנצע דורות האָט ער באַגראָבן. און דאָס ליבסטע, דער לעצטער אָנהאַלט זיינער, מאַריוסינקאַ, זיין אור־איניקל, איז שוין אויך פון אים פאַרשניטן געוואָרן און פוילט שוין דאָס דריטע יאָר אין גרוב.

ווי לאַנג ער האָט נאָך מיט די פיס געפּלאָנטערט, איז אים געווען גוט: ער האָט זיך אַביסל ביי דער שטוב פאַרנומען, געשלעפּט זיך אין פעלד אַריין — אַ יעדן טאָג, און מיטן רידל געוועקט די ערד. און אַז די הענט האָבן אים שוין אויך נישט געדינט, האָט ער פון די וואַקסנדיקע תבואות און געסטערטעוועטע הייען חיות אָנגעשעפּט.

אָבער פון זינט די כוחות האָבן זיך פון אים אין גאַנצן אָפּגעזאָגט...

און נישט דאָס אַליין. ער קאָן די נייע דורות מיט דעם זינדיקן פּירעכץ זייערן נישט איבערטראָגן.

ווען נישט דאָס וואָס ער האָט היינטיקע נאַכט געזען אין חלום, וואָלט ער שוין מער נישט געוואַרט, און אַ סוף...

מיקיטאַ הויבט אַלץ דעם נאַקעטן, אָפּגעגעלטן שאַרבן, דרייט אים אין אַלע זייטן, לויערט, האָרכט זיך איין אָנגעשפּאַנט און ווערט פאַרציטערט ביים גערויש פון אַ צווייגל.

ז.

די פיר צעיאָגטע, נאַשפּיץ געשפּאַנטע אָגערס, צעמאָלן די ערד, פליען אויף וואָלקנס. און ר׳ ישראלטשע רוזשענער בייגט זיך אַלץ צו די אָפענע פענצטער פון דער גרויסער פאַרמאַכטער קאַרעטע און קוקט מיט אַ צע־קאַרבטן און נעפלדיק פאַרצויגענעם שטערן צום הימל אַרויף:

— ווייט, ווייט נאָך צו פאָרן און מען מוז פאַר שקיעה צום אַלטן דערגרייכן.

ח.

— פון דער פריזבא דאָ, פאַר זיין כאַטע, וועט ער מער נישט אויפ־שטיין. ניין — שוין קיינמאָל נישט. — און אַרום די פאַרוויאַנעטע און פאַר־בלויטע ליפּן ביי אים קרייזלט זיך אַ דין שמייכעלע:

— היינט וועט ער שטאַרבן. ער ווייסט עס פּינקטלעך. שראַלקע לאָזט אים שוין מער נישט אויף הפקר!

היינטיקע נאַכט האָט ער אים, אין דער פינצטערניש, מיט אַ פלאַ־מענדיקן שטעקן געוויזן, ווי אַ קאַרעטע, אויף פליגל, טראָגט זיך — פייל אויסן בויגן, אויפן וועג אַהער, פון העט, העט וויט...

אויסגעזען האָט ער, שראַלקע, ווי אין יענער נאַכט וואָס פונעם פראָסט איז ער שיער נישט אומגעקומען.

ט.

אַ נאַכט, אַ טייוולעשע נאַכט!

די זאַווערוכע האָט געוואָיעט ווי די וועלף און געדרייט דעם דאַך אויף די קראָקוועס. דערהערט זיך פּלוצים אַ ווילד געביל אַזאַ, אַז ס׳ווערט דאָס האַרץ פון שרעק פאַרקילט.

די הינט צערייסן זיך, טאַנצן אַרום דער שטוב און דראַפּען זיך אויף די ווענט, ווי פון רוחות באַזעסענע.

אויפן געלעגער לאָזט עס אים נישט איינליגן, ס'וואַרפט אים אַראָפּ. האָט ער אַ פּאַרציטערטער, אויף וואַקלענדיקע פּיס, זיך צוגעטאַפּט צום פענצ־טער און גענומען אַרויסשפּייען אין דער פינצטערער נאַכט. נאָר נישט מען זעט עפּעס, נישט מען הערט אַ סלעד.

און דאָס געהייל פון די הינט שטאַרקט זיך וואָס אַמאָל מוראדיקער.

וואָס קאָן דאָס זיין? — נאָר דער נישט גוטער האָט זיך דאָ באַזעצט.

און דער פּחד טרייסלט אים די ביינער פון דער הויט.

צום געלעגער האָט ער קריק נישט געפונען, און ס'טרייבט אים, ווי מיט אַ בייטש עמעץ, צו דער טיר.

מיקיטאַ געדענקט שוין נישט, צי ער האָט די טיר געעפנט, צי זי האָט זיך אַליין אויפגעמאַכט. וואָרעם נישט מיט זיין כוח האָט ער געטאָן וואָס ער האָט געטאָן. אַ באַהאַלטענער, אַ נישט אָנזעעוודיקער האָט אים אונטערגעשטופּט.

און ס'האָט אַ טשאַטשע הינט זיך אויף אים, מיט אַלע פיר, אַ וואָרף געגעבן, בייז, ווי אויף אויפצופרעסן, און אים געשלעפּט, געריסן צו דער ריטשקע וואָס נישט ווייט פון זיין כאַטע.

הייליקער גאָט — דערבאַרעמדיקער!

אַ מענטש, נאַקעט ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, שטייט, איינגע־גליווערט און אָנגעטאָן אין פראָסט, און די פיס ביי אים צוגעקאָוועט צום אייז.

האָט ער אויף אים אַ וואָרף געטאָן אָט די בורקע, דאָס איינציקע אָנטועכץ וואָס ער האָט אויף זיך געהאַט, און אויף די הענט ווי אַ קינד אים אַריינגעטראָגן צו זיך אין כאַטע.

י.

און נאָך דעם וואָס דער דערפרוירענער איז, אַ דערמונטערטער און אויסגעוואַרעמטער צו זיך געקומען, פרעגט ער אים:

— וואָס באַגערסטו, גוטער מענטש, פאַר דיין מי, פאַר דיין גוט־וויליקייט צו ראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן?

און מיקיטאַ האָט זיך צעלאַכט, — הויך צעלאַכט:

— וואָס איך באַגער? באַצאָלטס גאָר אפשר?

— כאַ־כאַ־כאַ!

— בעט דיר אויס, איך וויל דיך בענטשן —

און די ווערטער רוישן מיטן געמורמל פון אַ קוואַל און פאַר די אויגן דרייען זיך אים פייערדיקע קרייזלען.

— לאַנג, לאַנג לעבן!

וועקט זיך אים, בליציק, דער ווונטש אין געדאַנק און די ליפּן זיינע שעפּטשען נאָך:

— לאַנג, לאַנג...

און שראַלקע האָט אים געבענטשט:

— לאַנג וועסטו לעבן — ס׳וועט דיר אַש איבעריק זיין. און ערשט, אין דער מינוט וואָס אַ ראַבין וועט זיך באַווייזן פאַר דיינע אויגן וועט קומען דיין צייט.

אַ סך, אַ סך נאָך האָט ער זיך, אין זיין לאַנג לעבן, וווּנדערלעכס אָנגעהערט פון שראַלקען, דעם בעש״טער, נאָר נישט געזען אים פון דעמאָלט אָן, ווי אין דער היינטיקער נאַכט...

יא.

פון ווייט האָט די זון אָנגעהויבן צונויפקלייבן אירע נאָך פאַרוואַלגערטע, פאַרשפּעטיקטע שטראַלן און דעם אַלטן האָט אַ פרעסטל די גליידער פאַרצויגן.

די קאַרעטע האָט אָנגעיאָגט. און מיקיטאַ דווירניקס פאַרשלייערטע, מידע אויגן האָבן אויפן רוזשענערס צורה אַ לעצט מאָל אַ שפּיגל געטאָן און זענען געוואָרן פאַרלאָשן אויף אייביק.

אין א נאכט

ר׳ חיים קאַסאָווער, אין ווייסן שפּענצער, הייבט זיך אויף פון דער האַרטער סאָפקע, גיסט אָפּ די הענט מיט נעגל־וואַסער און האָרכט; לייגט זיך קריק, הייבט זיך ווידער אויף און נעמט שאַרן, אין די גרויסע פּאַנ־טאָפל, איבער דער אויסגעפּרוירענער, ווילדער שטוב.

די שיין פונעם איינציקן וואַקסענעם ליכט, אין מעשענעם לייכטער, אויפן טיש, טאַנצט אין דער הייך, בייגט זיך צו דער טיף, און אויף די ווענט שפּרינגען שאָטנס, האָרבאַטע, מיט גרימיקע און ווילד צעקרויזטע פּנימער, אַרויף־אַראָפּ, הין און קריק.

ר׳ חיים האָט שוין אַ העלפט ספרים פונעם אַלמער אויסגעליידיקט, וואַרפט אַ קוק אין דעם, אין יענעם ספר, געפינט קיין פאַרהאַלט נישט די צעיאָגטע געדאַנקען זיינע צו צוימען, און קלאַפּט עס צו.

— אַזאַ שוטה, אַזאַ!

די נאַכט וויל דעם טאָג נישט דערוועקן.

◈

זשעבזשע, אַ פּיצל ישוב, עטלעכע מיילן פון קאָסאָוו, איז אויפגערו־דערט, אַ יאָר רצופים, פון זיין טעמפּער רו, צוליב אַ מחלוקת איבער אַ שוחט.

צדדים שלאָגן זיך און ס׳שטאַרקט זיך די שנאה פון טאָג צו טאָג. וואַרפן זיך ייִדן פון די פּרנסות, זענען קרובים צעקריגט, אַפילו טאַטעס און זין פירן רוגזות, און שידוכים צעגייען זיך.

דער שוחט איז קיין חסיד נישט — קיין קאָסעווער חסיד נישט!

און חסידים קענען דערויף נישט באַשטיין, האָבן זיי געבראַכט אַן איסור אויף דער שחיטה פון ר׳ חיימן.

און ס'האָט זיך דאָס מחלוקת ערשט צעפּייערט און האָט גענומען פֿאַר־כאַפּן אַ שטוב נאָך אַ שטוב, אָנצינדן אַלעמענס געמיט.

מתנגדים קערן די וועלט און בעל־הבתים, שטילע פּשוטע ייִדן, וואָס תמיד זענען זיי פֿאַרטאָן אין זייערע אייגענע שטוב־דאגות דערהייבן אויך דאָס קול:

אַז נישט קיין חסיד, איז אויף אַ ייִדן קיין רחמנות נישט?

ס'איז די תורה דען געגעבן געוואָרן נאָר צו חסידים — צו קאָסאָ־ווער חסידים?

אָבער ס'איז קיין עצה נישטאָ. ווער וועט זיך דערוועגן אַרויסצוגיין קעגן ר' חיים קאָסאָווערס וואָרט!

ברענט די שנאה, בושעוועט דאָס פֿייער, און צעשפּרייט זיך איבער שטעט און שטעטלעך, ווייט פֿון זשעבזשער גבול.

— כ'האָב זיך געבעטן ביים טאַטן ז"ל, ער זאָל מיך אַרויסלאָזן פֿון דעם עסק, נישט אַרויפֿלייגן דעם עול אויף מיר. ר' דודקע, דער יונגערער ברודער, איז אַ נוח לבריות, זאָל ער האָבן די השגחה אויף זיי.

ס'האָט ר' מענדעלע נישט געוואָלט איינגיין אויף זיין עלטערן זונס רייד.

— מען דאַרף צו זיי האָבן שטאַרקע הענט. טוב שבטבחים...

ר' חיים שאַרט, אין די גרויסע פּאַנטאָפֿל, צו דער טיר, יעדע עטלעכע מינוט, הערט זיך צו צו די קנאַקנדיק דרויסנדיקע טריט אונטערן פֿראָסט, און ציטערט אַלץ אויף פֿאַר די שאָטנס וואָס שפּרינגען אויף אים פֿון די ווענט.

— ווען נישט וואָס אַ ייִד איז מחויב שבת און יום־טוב נהנה צו זיין פֿון אַ שטיקל פֿלייש, וואָלט איך קיין שחיטה נישט דערלאָזט. סתם לשם פּרעס — חלילה.

— דער בעל־שם הקדוש, בעת ער האָט אויף זיך גענומען די עובֿדה צו זיין אַ שוחט, האָט עס געטאָן ווי אַ הייליקן חוב צו לערנען מיט אונדז: וויפֿל אַ ייִדיש האַרץ דאַרף זיך ברעכן פֿון יסורים, מיט וויפֿל צידקות מען דאַרף זיך אויסקויפֿן פֿאַר דעם אכזריות, אומצוברענגען אַ לעבעדיק באַ־שעפֿעניש אויף גאָטס וועלט.

ר׳ חיים כאַפּט זיך פאַרן פינצטער־פאַרצויגענעם שטערן מיטביידע הענט:

— וואָס זאָל איך טאָן, וואָס?

— אַז אַ שוחט שטייט אויף אין מיטן דער נאַכט און שחט די הון, ווייל זי האָט אים דורכגעוועקט פון שלאָף. זאָל מען אים נישט פאַרטרייבן ווי אַ בייזן הונט?

— ס׳איז דאָך אַ פּשוטער רוצח — חייב מיתה!

אַ שוחט דאַרף זיין אַן אַ פּגם ווי דער חלף מיט וואָס ער שחט. אַז ס׳איז אַ ייִד אַ נצרך מפרנס צו זיין ווייב און קינדער דערפון, וואָס ער פאַרשניידט דאָס לעבן פון אומשולדיקע בעלי־חי, איז ער מחויב זיך מוסר נפש צו זיין פאַר מצוות און מעשים־טובים. פאַר יעדן טראָפּן בלוט, אַן עמער — אַ פולן עמער מעשים־טובים.

אונטער ר׳ חיים קאָסאָווערס השגחה זענען געגאַנגען שוחטים געקאָוועט צו דער קייט. און באַהיטן, ס׳האָט וועד געפּרוווט אַרויסגיין פון שפּאַן! געפּרוווט פאַרבייגן זיין פאַרזאָג! ער האָט געהיט, מיט זיין אָדלערישן קוק, זייערע טריט, זייער מינדסטן באַוועג.

אַ שוחט איז ערב. אַ שוחט איז מחויב בייצושטיין אַ ייִדן וואָס געפינט זיך אין זאָרג, וואָס איז אין אַ נויט:

הכנסת־אורחים איז מוטל אויף אים. אַפילו, ער און זיין הויזגעזינד דאַרפן אָפּטרעטן די געלעגרס, דעם ביסן פון מויל. פאַרזען אַ ייִדן מיט אַ גמילת־חסד, איז זיין דאגה. גיין איבער די הייזער צונויפנעמען אויף הכנסת־כלה, אַ נדבה פאַר אַ קראַנקן, צי פאַר אַ געפאַלענעם, איז זיין הייליקסטער חוב.

— אויף אַ בעל־הבית האָב איך קיין כוח נישט. וויל ער, גייט ער אין גאָטס וועג. אויף זיי אָבער — זיי לעבן דאָך פון גאָטס געבאָט!

◈

אַ גדולה, אַ פריידֹ, אין זשעבזשע! אין גרויסן בית־מדרש פּראַוועו מתנגדים און בעלי־הבתים אַ סעודה און אין די געסלעך טאַנצט מען מיט כלי־זמר.

זיי האָבן מנצח געווען די חסידים! ר׳ חיים האָט אַראָפּגענומען דעם

איסור אויף דער שחיטה. און דאָס חשיבות איז נאָך גרעסער וואָס ס'איז זיי אָנגעקומען, צו־להכעיס די חסידים, גרינג, ווי אָן אומגעריכטער פאַנג. — אָן רייד, אָן שברי־לב. ער האָט עס געטאָן מיט גרויס לייטזעליקייט:

אַז ס'האָבן קיין שום פּעולות נישט געהאָלפן. אַלע טענות און בקשות וואָס זיי האָבן כסדר איבערגעשיקט, מיט שליחים, צו ר' חיימן, זענען נישט געוואָרן אָנגענומען, האָבן די חשובים פון זייער צד, באין ברירה, זיך איינ־געשטעלט, אויפגעזעצט זיך, מיטן שוחט אינאיינעם, אויף אַ פורל און זענען געפאָרן קיין קאָסאָוו.

לאַנג האָט זיך געצויגן די קורצע נסיעה. מרה־שחורהדיקע מחשבות און אַ חרטהדיק האַרצנאָגעניש האָט עפּעס ווי געהאַמעוועט דעם גאַנג פון פערד און וואָגן. מען דראַפּעט זיך אויף גלייכע ווענט:

צי וועט ער זיי צונעמען? צי וועלן זיי נישט ליידן קיין חרפּות און בושות..

אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער ערשטער שטוב אין קאָסאָוו, האָבן זיי דערהערט אַ קול פון אַ ייִדן וואָס איז געשטאַנען, אַ וואַר־טנדיקער אויפן וועג:

— קומט, זשעבזשער בעל־הבתים, דער רבי קוקט שוין אַ גאַנצן טאָג אויף איך אַרויס!

שטייען זיי, די זשעבזשער בעלי־הבתים, פאַר ר' חיימן און ער שמייכלט צעשיינט:

— כ'בין דען אָן אכזר, אַ וואַלד־גזלן? כ'האָב געוואָלט זען דאָס פּנים זיינס. אויפן חלף האָט ער אַפילו אַ קוק נישט געטאָן. כ'זע אין שפּיגל פון זיינע אויגן דאָס גלאַטקייט פון דער שאַרף.

— שוחט, כ'בין דיר מתיר! פאָר אַהיים און טו דיין כשרע עבודה!

◈

אַזאַ הימלגעשריי, אַזאַ!

דער רבי האָט מבטל געווען דעם רצון פון חסידים פאַרן רצון פון מתנגדים.

קאָסאָווער חסידים גייען אַרום מיט דערשלאָגענע קעפּ, זענען ביז גאָר ביי זיך געפאַלן — ביז גאָר.

אַ ייִד וואָס האָט זיך נישט אויסגעוואַרעמט ביים רבינס טישן, נישט געטובלט אין שווייס פון חסידישן התלהבות, אויף וואָס פאַר אַ זכות קען ער זיך דערהייבן? און פון זיין שחיטה זאָלן זיי עסן?

עוזר, דער עלצטער פון דער חברותא, רייסט אויף זיך די בגדים פאַר צער:

דאָס האַרץ וועט אים איינפאַלן — דאָס האַרץ, אַז דער רבי...

◈

ר׳ חיים דרייט זיך לויפנדיק אַרום דער שיין פונעם איינציקן ליכט אויפן טיש, וואָס גייט אָט שוין אויס. די נאַכט פאַרענדיקט זיך אַלץ נישט.

— אַזאַ שוטה, אַזאַ!

— מיט די אויגן פון אַלע מיינע חושים, מוז איך היטן, זיי זאָלן זיך נישט פאַרפלאָנטערן אין זייער אייגן געשפּין. זיי זאָלן נישט אָנברענגען זינד אויף זייערע קעפּ.

אַז ס׳ברענט, אַז ס׳פאַרגייט נישט די וואָך, ס׳זאָל זיך נישט ערגעץ ווו אָנצינדן אַ מחלוקת!

— אלה ואלה דברי אלקים חיים — אוודאי. גיין אָבער דאַרף מען אויף איין דרך. אַז נישט פאַרבלאָנדזשעט מען און דערגייט נישט אויף קיין שום וועג.

ס׳האָט אַ ציטער געטאָן דער ערשטער שפּראָץ אויפן טאָג און ס׳האָט ר׳ חיים זיך אין געלאָף אָפּגעשטעלט:

— שוטה, ווי אַזוי פאָרט מען עס, אַ גרויסע ווינטערנאַכט, פון זשעב־זשע קיין קאָסאָוו, דריי מיילן וועגס?

עוזר, אָנגעטאָן אין ווייסן פראָסט, שטייט אויף דער שוועל, אַ גע־פרוירן שטיק אייז.

— קריוודעס האָט איר גאָר אויף מיר? און איך דאַרף וואַכן דורך די נעכט און היטן אייערע נאַרישע שפּאָן פאַר סכנות־נפשות, היטן איר זאָלט נישט ניכשל ווערן פאַר אייערע אייגענע זינד!

און ס׳האָט אים ר׳ חיים אַ נעם־געטאָן פאַר דער פּלייצע און אַרויסגע־שטופּט אויף דער אַנדערער זייט טיר:

— גיי און ווער מיר געוויר, ווער ס'איז דער בעל־עגלה וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער?

◈

נעכטן פאַרנאַכט, אַז עוזר האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, צו־פוס, האָט אונטערגעיאָגט אַ פּויער אויף אַ שליטן וואָס איז געפאָרן קיין קאַסאָוו אויפן יריד און האָט אים באַוויליקט זיך אויפצוזעצן. דער גוי, אַ פאַרשלאָסענער, אַ פאַרחושכטער, איז אַראָפּ פונעם וועג און האָט געבלאָנדזשעט, אין שניי־פּוסטעניש, די לאַנגע ווינטערדיקע נאַכט. פאַר שרעק און קעלט, אַז ער איז נישט אומגעקומען, עוזר, איז עס נאָר אַ דאַנק זיין בטחון אין זיין רבין.

◈

הונדערטער ערלים און ערליתטעס, מיט שליטנס באַלאָדענע, פערד און בהמות, פּילן אַן יעדעס ווינקעלע, פאַרטרעטן יעדעס שטיקל ערד אויפן מאַרק.

ווו זאָל ער אים זוכן, ווי אַזוי אים אויסגעפינען, דעם נאַכטיקן גוי, צווישן די גלייכע געקרייזלטע פויערישע קוטשמעס, צווישן די גלייכע פּויערישע שאָפּענע פעלצן?

אַז ר' חיים הייסט!

האָט עוזר, אַ געפּרווירענער, אַן איינגעבראָכענער פון קעלט, אַ שעה נאָך אַ שעה, איבערגעקליבן אַ פּויעריש פּנים נאָך אַ פּנים, ביז ער האָט אים געכאַפּט, דעם בעל־עגלה זיינעם, און זיך דערוווסט אַ שרעקלעכע מעשה:

דער דאָזיקער גוי איז א מערדער וואָס איז נישט לאַנג אַנטלאָפן פון דער תפיסה און האָט איינגעשטעלט נעכטן, צו לאָזן זיך אויפן יריד קיין קאָסאָוו.

◈

נו, עוזר לעבן, קרעכצט ר' חיים, און ס'שלאָגט אים פון דער צורה ווייס־צעלויכטענער גלי:

— אַז אַ גוי, אַ וואַלד־גזלן, קען רחמנות האָבן אויף אַ מענטשן, ערשט אַ ייִד אויף אַ ייִדן!

— די הייליקע תורה דערציילט אונדז: אַז דער האַר פון דער וועלט האָט געהייסן אברהמן ברענגען זיין איינציקן זון, יצחק, פאַר אַ קרבן, האָט אברהם זיך נישט פאַרהאַלטן — אַ רגע נישט, און האָט זיך געפעדערט צו טאָן דאָס געהייס פון גאָט. נאָר אַז יצחק איז שוין געלעגן געבונדן אויף דער עקדה און זיין פאָטער, אברהם, איז געשטאַנען איבער אים, איינגע־בראָכן, מיטן מעסער אין דער האַנט, גרייט אים צו שחטן, איז אָנגעפלויגן אַ מלאך פון הימל און האָט אים פאַרווערט:

— ריר נישט אָן דיין זון, אברהם!

— איז דאָך קשה ביז גאָר — ווי אַזוי קאָן געמאָלט זיין, אברהם זאָל פאַרבייגן דעם רצון פונעם באַשעפער פאַרן רצון פון אַ מלאך?

און ס'האָט ר' חיים זיך צעקלינגען, הויך און מיט פייעריק התעוררות:

— אויף צו קוילן אַ מענטשן מוז גאָט אַליין געבאָטן, אויף נישט אָבער, איז דאָס געבאָט פון אַ מלאך אויך גענוג.

השגחה

דער וועג וווהין דער ייִד, דער זייער אָפּגעהיטער אויף זיך, מיטן בעל־הבתיש אויסגעגלעטן, גראָען בערדל האָט זיך איצט געלאָזט אין גאַנג, איז לחלוטין נישט קיין ווייטער: דאָס דריטע געסל פון זיין שטוב — און ווי גרויס איז שוין קאָסאָוו גאָר געווען!

אַן אויסגעטרעטענע סטעזשקע פון הונדערטער פיס, טאָג איין, טאָג אויס, און ס'איז אים ווי צו דראַפּען זיך אויף אַ באַרגיקער וואַנט.

זיין משפּחה, סיי פונעם אייגענעם, סיי פונעם ווייבס צד, זענען אויף ז ים וועג נישט געגאַנגען. ער אַליין איז שוין נישט אַזאַ היציקער, די יאָרן און דער מצב קילן אָפּ, אָבער זיין פאָטער ע״ה האָט נאָך געזעצט שויבן.

— זאָלסט דיך אויסהיטן פון זיי, מיידן זייערע טריט, מער ווי פון מכשפים!

און ער האָט טאַקע די צוואה געהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג.

אין די 60 יאָר וואָס ער לעבט דאָ, אין דער שטאָט, און ווו ער איז געקומען אויף דער וועלט און איז אויסגעוואַקסן לחופּה ולמעשים, האָט זיין פוס ר' מענדעלעס שוועל נאָך נישט אַריבערגעטראָטן. ער האָט נאָך אַפילו די צורה זיינע פון דער נאָענט נישט געזען.

ייִדן זענען פאַרפירט. פון ווו די וועלט האָט אַן עק שטראָמט עס אַהער. אָן אַן אויפהער קומען מענטשן און גייען, און זיי גיבן אים איבער פאַרמעגנס — שווער פאַרהאָרעוועט ייִדיש געלט. און נישט זעלטן דינגט ער זיך נאָך איבער; ס'איז אים נישט גענוג און ער פאַרלאַנגט אַ צולאָג.

◈

דער ייִד שטעלט זיך אָפּ. קאַלטע אַנגסטן האָבן אים באַגאָסן און ער כאַפּט דעם אָטעם שווער, ווי ווען ער וואָלט אין דער אמתן געקלעטערט אויף אַ הויכן באַרג.

וואָס טוט זיך דאָ מיט אים? אויף וואָס פאַר אַ דרך האָט ער געגומען פאַרקירעווען?

אַנטלויפן ווי לאַנג ס׳איז נאָך נישט צו־שפּעט, ווי לאַנג ער איז נאָך אין זיינע דלד־אמות נישט אַריין.

אָבער אַז ער געוועלטיקט אויף זיינע טריט נישט מער! אַן אומרו, אַן אינעווייניקסטער, טרייבט אים ווי אין שפּאַן.

◈

ס׳אַראַ פּירכעץ!

קיין ספר קוקט עס נישט אָן. דאָס דאַוונען איז אין איילעניש, מען שלינגט עס ווי אַן איינגעמעניש צו אַ רפואה, און ס׳איז קיין מאָל בזמנה נישט.

— לחיים, לחיים!

די כוונה לייגן זיי אין גאַנצן אַריין אין דער תפילה, אַ באַשיינטע פונעם נר־תמיד — דאָס ביסל משקה, וואָס גייט ביי זיי קיינמאָל נישט אויס.

וואָס איז די גדולה אַזאַ?

און די מאמרים וואָס זיי זאָגן פון אים נאָך, דעם רבין — אַן עם־הארצות, אַז רחמנא־לצלן!

ס׳קאָן אַ פשוטן פסוק נישט פאַרטייטשן. אַ יעדעס וואָרט קומט פון זייער מויל אַרויס פאַרדרייט און איבערגעקערט.

◈

חלומות האָבן אים פון אַ צייט גענומען צעפלאָנטערן דעם שלאָף אין די נעכט. ער גלייבט נישט אין קיין חלומות און האָט זיך נישט געלאָזט פאַרשפּינען אין די נעצן פון דעם טונקעלן געוועב. אָבער אויפגערורעדט האָט עס אים און ער האָט שוין קיין רו נישט געפונען ביזן טאָגן. און טראַכטן איז פאַראַנען פון וואָס:

אין אַלקער וואָס מיט דער אָפענער טיר צו דער שטוב וואַרפט זיך די מעזינקע זיינע, אַ געראָטענע בתולה מיט אַלע מעלות, אויפן געלעגער און קרעכצט פון אַן איבערגעלאָדן געמיט. די בעקלעך בלייכן זיך ביי איר פון טאָג צו טאָג און די אויגן אירע שמאַכטן מיט ברענענדיקן דאַרשט.

אַ רויז וואָס איז נישט באַפּייכט פון טוי און איז נישט געוואָרעמט פון זון טרוקנט איין אין סאַמע בלי.

שידוכים וואָלטן אים מיט דעם קערן נישט געמאַנגלט. מ׳טראָגט אים אָן ביז גאָר לייטישע. וווּ־זשע נעמט מען אויף חתונה־הוצאות?

דאָס זאַלצקלייטל וואָס ער האַלט אין אַרענדע פון דער מלוכה, אַ חזקה נאָך פון זיין פאָטער, טראָגט בצמצות פּרנסה, אָפּשפּאָרן קען ער דערפון דאָס מינדסטע נישט און צו אַנדערע פּאַרדינסטן האָט ער אין די לעצטע יאָרן קיין הצלחה נישט געהאַט.

מילא, קיין דאגות מאַכט עס אים נישט. ער איז בטוח אין אייבערשטן.

אַ מיידל איז נישט מחויב צו שמונה־עשרה לחופּה און זי האָט נאָך די אַכצן נישט דערגרייכט.

ער האָפט, ער האָפט.

אין דער רעכטער צייט וועט מען איר דעם באַשערטן זיווג מזדמן זיין.

אָבער אַז ער איז וואַך אין די נעכט און ער הערט איר אומרו, פילט דאָס צעבליטקייט אירס, בויערן זיך די מחשבות זיינע מער און מער אַריין אין מזל אירן.

◈

דער וועג וואָס ס׳ציט אים איצט צו גיין איז אים, זינט די חלומות רודערן זיין שלאָף, זייער היימיש געוואָרן.

אַ ליכט בליצט אויף און פירט אים כסדר אַרויס אָט אויף דעם איי־גענעם וועג.

אַ ליכט אָן אַ געשטאַלט, אָן אַ שאָטן פון אַ געשטאַלט, שוועבט און נאַרט אים נאָך זיך.

הרהורים, פּוסטע רעיונות!

אַ ייִד דאַרף עס מבטל זיין, פּאַרבלאָזן פון זיך ווי דעם רויך.

איז אָבער אין די לעצטע נעכט געשען אַ נייעס: ס׳האָט זיך פונעם ליכט אויסגענעפּלט אַ פּנים — זיין פאָטערס פּנים. און ער האָט נאָך אַלץ נישט געגלייבט און האָט זיך נאָך אַלץ אָפּגעוועדט.

דאָס פּנים זעט אויס פון אַ זקן און דער פאָטער זיינער איז אַוועק פון דער וועלט מיט יונגע יאָרן. — נאָך אַזויפיל צייט און אַז ער דער־

מאַנט זיך, גייט אים אַ גרויל איבערן לייב: דער פּאָטער זיינער איז געווען אַ גרויסער ירא־שמים און יענע לייט, מיט די פינצטערע צעקנאָדערטע פּנימער, האָבן געמלשינט — כרת.

היינטיקן נאַכט איז עס ווידער אַמאָל אויפגעקומען און האָט אים געפירט ביז צו ר׳ מענדעלעס הויז, און ס׳האָט אים אַהין אַריינגעשיינט.

דער ייִד האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און פאַרציטערט זיך אַרומגעקוקט. עפּעס דאַכט זיך אים — ער האָט מורא דעם בליק צו פאַרהאַלטן, אַז זי, דאָס ווייב זיינס, האָט אים נאָכגעשפּירט, און איז אים אויף די טריט.

דאָס פעלט נאָך אויס! זי גייט חלילה נישט אַרויס פון זיינע רייד — אַן אשה צנועה, זי הייבט נישט אויף דאָס קול אין זיין נאָענט. נאָר דעם ביטול וועט זי נישט קענען פאַרשלייערן אין אירע אויגן.

אין מתנגדות גייט זי אים איבער: אירע אבות קומען פונעם ווילנער גאונס חדר...

און ער האָט גענומען לויפן מיטן ווינט — אַוועק — אויף קריק.

אָבער ווי פאַרבלענדט איז ער און צעחושט, ווי פון אַ וואָלקן אַן אַראָפּגעפאַלענער, אַז ער דערזעט זיך גאָר צווישן אַן עולם, אַ צעווילדעוועטן, און ער איז אַ געפאַנגענער אין זייער מיט.

מענער און ווייבער רייסן זיך מיט גוואַלדן אויף צעלאָזטע קולות צו אַ טיר, און ער ווי אין קייטן געשלאָסן ווערט געשלעפּט פון זיי.

◈

אין אַ גרויסער סאַלע, ווו די כוואַליע האָט זיך אַריינגעבראָכן, טראָגט זיך אַ שטורעם מיט אַ געפילדער, אַ צעבושעוועטער, און הייבט זיך וואָס אַמאָל העכער און צעיאָגטער:

— הייליקער צדיק, הייליקער צדיק...

און ר׳ מענדעלע צוימט די צעברויזטקייט, לייגט דעם טומל: מיט יעדן וואָרט וואָס ער זאָגט אַרויס פאַרשטומט אַ ווייגעשריי, מיט יעדן בלישטש פון זיינע לאַכנדיקע אויגן לעשט זיך אַ קרעכץ.

איידער ער נעמט נאָך וועמענס קוויטל אין דער האַנט אַריין, רופט ער אים אַן ביים נאָמען און ביי דער מוטערס נאָמען און בענטשט אים שוין מיט דער רפואה וואָס איז שייך צו זיין בקשה.

און אַ פּנים נאָך אַ פּנים שיינט אויף און צעהעלט זיך.

◈

דער ייִד איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, אַן אָפּגענומענער ביי הענט און פיס, אַ צעמישטער אין קאָפּ, און האָט נישט געוווסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך. און פּלוצים האָט עס אים ווי פון אַ שאָרך באַרירט און ער גיט זיך אַ טרייסל אויף.

אַרום אים האָט זיך אויסגעליידיקט. ס׳איז קיין מענטש נישט געבליבן. ער אַליין, אַן איינציקער, קלעפּט ביי דער טיר און דער רבי, אין עקסטן ווינקל פון דער גרויסער סאַלע, ביים טיש, קוקט אויף אים און ציט אים מיט אַ ברענענדיקן, אַריינבויערנדיקן בליק צו זיך:

— אַ ייִד דאַרף זיך אויסרעדן פאַר אַן אַנדערן ייִדן, אַז דאָס האַרץ איז אים שווער.

— וואָס איז דען אַזוינס אַ רבי? אַ ייִד געטאָפּלט מיט אַ ייִד.

שטייט ער, דער מתנגד, פאַר ר׳ מענדעלען, אַ טויטער אין פּנים און וואַקלענדיק ווי אַן משקולות אין די פיס.

— האָ — צער גידול בנים?

— די מעזינקע, רבי — ציטערן ביי אים די אָפּגעשטאָרבענע ליפּן.

— וויפל־זשע וואָלסטו געדאַרפט אויף חתונה הוצאות?

דער ייִד רייסט דעם קאָפּ פון דער פּלייצע, צעוואָרפט די טעמפּע הענט פון אַנאַנד און פינטלט מיט אַ פאַרגלאָצטן קוק אַרויף.

— פינף הונדערט וועט זיין גענוג?...

און ר׳ מענדעלע האָט אַ צי אַרויסגעגעבן דאָס שופלעדל פון טיש און אויסגעציילט אים קלינגענדיקע פינף הונדערט זילבערנע רייניש.

◈

ר׳ מענדעלע זיצט אויף זיין געבעטער הויכער שטול, פאַרטראַכט, און די מחשבות זיינע רינגלען זיך ווי די רויכעס וואָס דעמפּן פון זיין לאַנגן ליולקע־ציבעק אַרויס.

— ס׳איז נאָך געהערט געוואָרן אַזעלכעס?!

דער ראשון פון די מקורבים איז אַריין מיט גרויס תרעומות:

— אויף אייגענע הצטרכותן איז דער רבי אַן אכזר. פאַרן שטוב־געזינד ציילט מען דעם גראָשן ווי פּערל, און אויף וואָס פאַר אַ באַדער־

ב ר ו ך ה אַ ג ע ר

פעניש ס׳זאָל אין הויז נישט אויסקומען, איז דער ענטפער תמיד אַ גרייטער:

— נישטאָ, נישטאָ!

און ס׳קומט צוגיין אַ פרעמדער, און וואָס פאַראַ איינער, אַ מתנגד, אַ דורותדיקער שונא חסידות, און דער רבי גיט אים אַוועק אַזאַ עשירות, אַזאַ פאַרמעג. ס׳איז פשוט...

ר׳ מענדעלע האָט זיך אַ הייב־געטאָן פון דער שטול און רייסט אים איבער מיט אַ געלעכטער:

— ס׳איז שוין פאַר דיר עמעץ דאָ געווען — איידער נאָך, מיט די אייגענע טענות, און גלייב מיר, מיט אַ סך אַ סך אַ בעסער מענה־לשון וואָס דו!

— ווער? ווער?

— ער! טייטלט ר׳ מענדעלע קאָסאָווער, אין דערליידיקייט אַריין — ער! דער בעל־דבר, דער שטן...

התגלות

ר׳ יהודה־הערש סטרעטענער, אַז ער פלעג זאָגן — ברוך שאמר — זענען סטאַדעס טויבן און פייגל זיך צונויפגעפלויגן און מיט פרום־אָנגעצויגענע קעפּלעך געשוועבט איבערן בית־המדרש ווי אַ צעשפּרייטע חופּה.

בעת זיינע תפילות האָבן זיך געצויגן צו די הימלען, זענען דאָרט מלאכים געשטאַנען אין וואַרעס, אַרויפגעקליבן יעדעס וואָרט אויף די פליגל און געטראָגן גלייך צום כסא־הכבוד.

און די תפילות זענען ביי אים נישט געגאַנגען שטורעמיש, רעשנדיק: אַן איינגעצוווּנגען דביקות האָט אין זיי געזאָטן, אַן איינגעדושעט פייער האָט אין זיי געטליִעט. אָבער דאָס דממה־דקהדיקע קול אויף וואָס די תפילות האָבן זיך געטראָגן, האָט די אברים צעשרויפט, דאָס האַרץ פון אַן אכזר שוואַך געמאַכט.

און השם־יתברך איז דאָך אַ רחום וחנון!

◈

איידער ר׳ יהודה הערש סטרעטענער איז נתגלה געוואָרן, פלעגט ער איבערזיצן אין ליזשענסק און זיך גליִען אין התעוררות פון רבי ר׳ אלימלכס עבודת־הבורא. רופט אים אין אַ טאָג אַזוי דער רבי ר׳ אלימלך אַריין צו זיך אין יחוד־שטיבל און הייסט אים, אָן אַ שום פירוש, זיך איבערקוקן די דינים פון שחיטה.

ביי ר׳ יהודה־הערשן האָט דאָס האַרץ אַ זעץ געטאָן, ווי ווען אַ בייזער געדאַנק באַפאַלט. נאָר אַז דער רבי הייסט!...

פאַרגייט נישט קיין גאַנצע וואָך, אַז דער רבי ר׳ אלימלך רופט אים ווידער אַמאָל אַריין צו זיך, פרעגט אים אויס ווי ער האַלט אין לימוד, און הייסט אים טאַקע שוין אַריינגיין צו זיין שוחט, ר׳ הענזל, זיך לערנען אָפּשטעלן אַ חלף.

זעט דאָך שוין ר׳ יהודה־הערש בולט אַרויס, אַז דאָס מיינט ער אים צו מאַכן פאַר אַ שוחט. ווערט ער פאַרציטערט, פאַרכאַפּט פון שרעק און צום וואָרט קומט ער נישט: דער רבי האָט זיך אין זיינע מחשבות פאַרטראָגן ווייט פון אים און זיין דאגה.

ר׳ יהודה־הערש איז אַ רך לבֿ. ער קאָן קיין בלוט נישט זען.

ערבֿ יום־כּיפּור, אַז ער דאַרף צוזען ווי דער שוחט שחט זיין כּפּרה, קומט ער אָפּ מיט צער פון אַ גרויסן נסיון.

נישט צו פאַרזינדיקן! נאָך גאָר אַליין באַדאַרפן נעמען דעם חלף אין די הענט אַריין?

טראָגט ער זיך אַרום מיט אַ צעבראָכן געמיט און וואַרט אויף אַן עת־רצון, דעם ענין מיטן רבין נאָך אַמאָל איבערצורעדן.

נאָר אויפן אַנדערן טאָג — קאַיאַר, רופט דער רבי ר׳ אלימלך אים צום דריטן מאָל.

און ווי נאָר ר׳ יהודה־הערש באַווייזט זיך אויף דער טיר, שפּרינגט ער אויף, דער רבי ר׳ אלימלך, פון דער שטול און שרייט מיט כּעס:

— דו באַדאַרפסט זיך נאָך באַטראַכטן? דו ווילסט גאָרנישט? אויף נשמות וואָס וואָגלען אין גופים פון עופות און בהמות איז קיין רחמנות נישט?

זיי קענען קיין תּיקון נישט האָבן, אַז דו וועסט זיי נישט אויסלייזן, ממלא זיין מיט דיין צער, מיט דיין פּיין בעת דער שחיטה.

העלפט דאָך קיין טענות נישט.

◈

פאַר ר׳ יהודה־הערשן האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן פון גלות און יסורים. קצבים און בעלי־בתּים גיבן אים קיין מנוחה נישט און לאָזן אים לאַנג אויף קיין אָרט נישט פאַרבלייבן. זיי זענען מיט זיינע אומגעלומפּערטע און עקשנותדיקע התנהגותן נישט מסכּים. זיי פאַרשטייען עס נישט. הגם מען האָט פאַר אים מורא און מען האָט פאַר אים גרויס אָפּשיי.

אַ געהייליקטער...

מען זעט פון אים אויסטערלישע מעשׂים: די בהמה, אַז ער טוט נאָר פאַר איר אַ ׳גלאַנץ מיטן חלף, צעלייגט זי זיך ווי צו דער רו און שטרעקט אַליין דעם האַלדז צו דער שחיטה.

וואָלט דאָס אפשר גובר געווען?

איז דאָך אָבער דער בעל־דבר אויך אין מיטן.

סתם, לשם אכילה, שחט ר׳ יהודה־הערש נישט. אויב סתם אַ בהמה וואָס באַדאַרף קיין תיקון נישט, וויל ער איר בלוט נישט פאַרגיסן. אַ צער בעלי חיים! זיין עובדה איז גלגולים אויסצולייזן, פאַרוואָרפענע נשמות פון זייער געפענקעניש אויפצובינדן.

און בעת ער שאַרפט זיין חלף, באַגעצנדיק דאָס שטיינדל מיט זיינע הייסע זיך גיסנדיקע טרערן, באַקומט ער דעם רשות דורך אַ ווונק פון אויבן — דער שם־הויה טוט אַ בליץ אויף דער שאַרף...

◈

מאַכט זיך אַמאָל אַן ערב שבת, אַן ערב יום־טוב, קצבים רייסן ביי אים איין די טיר און ער זעט דעם ליכטיקן צייכן נישט — דעם שם, בעט ער זיך מיט תחנונים, אולי, אפשר שפעטער — — — און ווייזט מיט ציטערדיקע הענט צום הימל.

קענען דאָך קצבים נישט משיג זיין. ס׳איז משוגעת, משונה איינגעשפּאַרטקייט! פאַלן זיי אים אַן מיט בזיונות און ווילדע געוואַלדן. ער איז אַן אכזר, ער פאַרגינט נישט דעם ביסן פלייש, וואָרעם ער אַליין עסט נישט פון דבר מן החי, נאָר אַ ביסן לשם יוצא זיין.

בלייבט ר׳ יהודה־הערש פאַרצערט, מלא יסורים, און קען זיך נישט העלפן.

ווידער טרעפט זיך אַ מעשה: אַ בהמה ווערט טריפה, און אַז מען זוכט שוין קוים מיט צרות אָפּ אַ צווייטע, בליצט דער צייכן נישט מער אויף דער שאַרף.

שטייט ר׳ יהודה אַ צעטומלטער, אַ פאַרחלשטער באַגלייך צו זיין אייגענער שחיטה, קוקט און קוקט מיט צעשראָקענע אויגן אויף דעם שפּיגל פון בלאַנקן חלף און וואַרט אויף דעם ווונק און ער באַווייזט זיך נישט.

קצבים בעטן, פלוכן — און ס׳העלפט זיי נישט. ווי איינגעוואָרצלט פאַרשטיינערט, אַן לעבן, רירט ר׳ יהודה־הערש מיט קיין אבר נישט.

בעלי בתים סיי־ווי סיי אויף אים אויפגעבראַכט, וואָס מען קען

קיין מאָל קיין שטיקל פלייש צו דער זעט נישט עסן, שטייען אויך צו. און דער בעל־דבר היצט דעם קאָך מיטן אויסרייד: ס׳טייטש, לכבוד שבת!

און ס׳ווערט די בהלה גרויס. מוז ר׳ יהודה־הערש זיך אַלץ פאַרנע־מען און ווייטער צי:ען.

◈

פאַראַנען אַ זינדיקע נשמה וואָס ראַנגלט און ראַנגלט זיך און קען זיך צו איר ליכטיקן מקור נישט דערהייבן. זינקט זי טיף און טיפער, ווערט געשליידערט פון גוף צו גוף און פאַרוואָרפן אין נידעריקסטן באַשעפעניש.

און אַז זי האָט שוין דעם זכות מגולגל צו ווערן אין דער געשטאַלט פון אַ בהמה טהורה, איז איר דאָך אויך פינצטער ביז גאָר. וואָרעם פאָרט אַ בהמה! וואָס פאַר אַ מעשים באַשיינען זי?

לאָזט זי אָבער דער שטן נאָך אַלץ נישט פון די קלעמקעס אַרויס. ער וויל די נשמה נישט לאָזן זיך אויסלייזן און צוריקפלי:ען צו איר ניצוץ, צו איר מקור.

און ער צערייצט אין דער בהמה תאוות צו שלעכטע קרייטעכצער אויף דער פאַשע, צו טרינקען פון פוילע וואַסערן וואָס פאַרדאַרבן זי. פאַלט זי נעבעך אַוועק אַ נבלה, נאָך איידער ס׳איז ביד צו געבן דער נשמה דעם תיקון דורך דער ברכה בשעת שחיטה.

◈

האָט געטראָפן, אַז ס׳איז אין אַ טאָג צו ר׳ יהודה־הערשן אַריין אַ קצב, מער טויט ווי לעבעדיק, און האָט אָן אָטעם, קוים די עטלעכע ווער־טער אַרויסגעשטאַמלט:

— האָט גאָט אין האַרצן — — — אַ מסוכנת — — — וועט נאָך פאַרלייגן פאַר דער שחיטה — — —

טוט ר׳ יהודה־הערש אַ קוק אויפן חלף און ס׳בליצט דער הייליקער צייכן. און ער פאַרשטייט, ס׳האָט דער שטן זיין שפיל אין גאַנג און מען

דאַרף אים פאַרלויפן דעם וועג. יאָגט ער אַוועק ווי אַ פייל און טרעפט צו דער רגע, וואָרעם אָט־אָט וואָלט שוין געווען צו־שפּעט.

אָבער ס׳איז די בהמה אַ טריפה.

האָט זיך אין דעם קצב אָנגעצונדן די גזלנישע רציחה און ער כאַפּט צו ר׳ יהודה־הערשן די האַק.

ר׳ יהודה־הערש אַנטלויפט און דער קצב מיט דער האַק נאָך אים.

◈

ער יאָגט, ר׳ יהודה־הערש, ער ווייסט נישט וווּהין, און ס׳טראָגט אים ווי אויפן ווינט. און ס׳דאַכט זיך אים, אַז גזלנים יאָגן אונטער אים. און איבער אים אַ געפלאַטער פון פליגל און ס׳פאַרמישט זיך דאָס געפלאַ־טער מיט ביטערע יללות און געשרייען:

— וואָס וועט זיין דער תכלית אונדזערער? ווער וועט אונדז אויס־לייזן פון דער געפּענקעניש, פון דער פינצטערניש?

ס׳רייסט אָפּ דאָס האַרץ.

און ס׳טראָגט און טראָגט אים, נאָר עס נעמט קיין סוף נישט און זיין כוח האַלט אים באַלד נישט אויס.

און פּלוצים האָט עס אים אַ שליידער אום געטאָן פון אַ ליכט־פליייץ וואָס האָט אים די אויגן פאַרפינצטערט.

און ס׳ציטערט די ערד פון פרייד און געזאַנג. דער רבי ר׳ אלימלך פאַראויס און מיט אים די גאַנצע חברותא זיינע טאַנצן אים אַקעגן, און ער שרייט און לאַכט:

געננג, ר׳ יהודה־הערש, גענוג שוין!

לעבעדיקע נפשות, ייִדן, קוקן אויף אייך אַרויס און וואַרטן איר זאָלט מיט אייערע תפילות אויף זיי מגין זיין, אויפהייבן זייער מזל! אויפהייבן — — —

די זלמינקע

א.

טשאַד און היץ פונעם ברענענדיקן אויוון פאַרפּילן דעם חלל ווי אַן איבערגעלאָדענער וואָלקן און באַשלאָגן די פאַרדומפּטע קעלער־ווענט מיט נאַסע אַנגסטן, קעפּ מיט דושנער טעמפּקייט.

מיט גראָבע גאַרטלען אָנגעגורט, באַוואָפנט מיט הילצערנע קאַטשל־קעס, גרייט ווי חייל אויף אַ וונק, רינגלט זיך דער ענג־געפּאַקטער עולם, מיד און מיט צעשווומענע פּנימער, אַרום לאַנגע מיט פּאַפּירן ווייס פאַר־שפּרייטע טישן.

און אויף אים איז זיך נישט צו דערוואַרטן!

צערינט אַ שעה נאָך אַ שעה און ס׳הייבט אָן זינקען דער טאָג און איינגיין אין פאַרנאַכטיקן פאַרשפּין.

ב.

ר׳ זלמנקע איז אַ גרויסער זריז. ביז גאָר געאײַלט אַ יעדע מצווה מקיים צו זיין צום זמן און צו דער מינוט. פאַרנעמען אָבער די הכנות זיינע און דאָס פאַרשווימען זיך אין אַנדערע עולמות אַזויפיל צייט ביי אים, אַז צום עצם מעשה קומט עס כמעט נישט.

כסדר איז ער פאַרשפּינען אין השערות צווישן דינים און מנהגים, און פאַר אייביקער מורא חלילה עפּעס נישט צו פאַרפעלן, צו פאַרזאַמען, איז ביי אים אַלץ דורך אַנאַנד ווי אַ קלייט מיט פאַרוואָרפענע סחורות, וואָס מען קען זיך אין איר נישט אָפּזוכן.

ג.

זענען די טישן יום־טובדיק געגרייט, אַרומגעזעצט און אַרומגערינגלט מיט חסידים, מיט עולם וואָס וואַרט מיט אימה און פרייד דער רבי זאָל זיך באַווייזן, מאַכט זיך אָבער אין דער לעצטער מינוט אַן איבערשלאָג:

ער קען צווישן די אַן אַ שיעור אָנגעוואָרפענע, הייליקע ירושות פון זיינע אבות־אבותיו עפּעס נישט געפינען: אַ גאַרטל, אַ טאַבאַק־פּושקע, צי אַ בעקעשע, וואָס ער באַנוצט זיך דערמיט אין דעם זמן, צו דער עבודה.

ד.

דער גרויסער עולם וואָס איז צו אים פון זיינע זיידעס איבערגעגאַנ־גען, איז זיך מיט דער צייט צעלאָפן. פאַרבליבן זענען ביי אים נאָר די איינגעעקשנטע, ביז גאָר פאַרגלייבטע חסידים און געקלעפּט ווי בינען אַרום דעם האָניק.

וואָכן זיצט מען ביי אים אָוועק און צו אים אַליין קען מען זיך נישט דערשלאָגן.

אַז ס׳קומט אים גאָר קיין מאָל נישט אויס עמעצן צוצונעמען, עמעצנס בקשה אויסצוהערן!

ווי אַ קינד בעט ער זיך פון איין טאָג אויפן אַנדערן אָפּ און פאַר־שווערט זיך אַלץ אויף אַ שפּעטערדיקן:

היינט נישט, היינט איז מיר בשום־אופן נישט מיגלעך, זעסט דאָך אַליין!

מאָרגן!

מאָרגן, קינד טייערס! מיטן באַשעפערס הילף! מאָרגן פאַר מנחה, בלי־נדר, זיכער!

און זיינע הענט צום האַרצן צוגעגעדריקט, פאַרשטאַרקט ער:

— איך זאָל אַזוי... פאַרענדיקט אָבער נישט, פאַרקאַרטשעט זיך און פאַרשטומט.

און אַז ס׳קומט שוין דערצו, דער שווער געפּרוווטער שטייט שוין פאַר אים, איז ער גאָר נישט פאַראַן: פאַרטראָגן אין אַן אַנדער וועלט.

טרעפט זיך אַמאָל, עמעצן שטייט שוין דאָס וואַסער ביים האַלדז און ער רייסט זיך אַריין צו אים מיט אַ געוואַלד, מיט אַ ויצעקו, צעשלאָגט אים דעם דמיון און וועקט אים אויף פון זיינע חלומות, פאַרגייט אָבער דעם בעל־נסיון דער מאַמעס מילך, צוקוקנדיק דעם רבינס יסורים.

ר׳ זלמינקע צעשאָקלט זיך ווי אַ בוים פונעם שטורעם, גראָבלט זיך מיט זיינע פאַרטריקנטע, אָפּגעטויטע פינגער דאָס איינגעפאַלענע פּנים אויס און צעגיסט זיך מיט בכיות, אַז דאָס חיות ווערט דערפון פאַרקילט:

אוי ווי, געוואַלד! אַ ווילד געשריי!

פאַר מיינע ביטערע און פינצטערע זינד, צוליב מיין געפאַלנקייט פייניקט מען נעבעך אַ ברודער מיט יסורים און נכשלים.

אוי ווי געוואַלד!

ער הערט נישט אויף צו קלאָגן און איבערחזרן און מיט טויטע קללות פאַרשעלטן זיך.

ה.

דער ערב־פּסחדיקער טאָג און דאָס באַקן ערב־פּסחדיקע מצות בפרט, איז פאַר אים די שווערסטע און העכסטע עבודה.

דער אימפּעט מיט וועלכן ער צעלאָזט זיך מקיים צו זיין אַלע מנהגים פון דעם טאָג, נישט צו פאַרפעלן חלילה אַ נקודה, איז חוץ לדרך הטבע. ער יאָגט זיך און טרייבט די אַנדערע אָן ווי ביים לעשן אַ שרפה:

קינדערלעך מיינע, זייט אייך מזרז! פאַרגעסט זיך נישט! מען טאָר קיין הסח־הדעת נישט האָבן. און ער לאָזט אַלץ אויס מיט אַ טיפן קרעכץ:

— לשם מצווה.

ו.

פון נעכטן נאָך זונפאַרגאַנג אָן, פון זינט ער האָט מיט צוויי קאַנען ווי אַ וואַסערטרעגער מים־שלנו אָנגעטראָגן, — לזכר עבודת־פּרך — אין מצרים, האָט ער זיינע געדאַנקען גאָר באַזונדערס נישט געקאָנט מצמצם

זיין און די רעיונות האָבן אים פאַרטראָגן ווי כוואַליעס אויף די וואַסערן.

צו בדיקת־חמץ, שפּעט ביינאַכט, אַ גרויס ליכט אין דער האַנט, פּלאָנ־טערט ר׳ זלמ׳נקע, אויף זיינע שאַרנדיקע לאַטשן איבער די חדרים, זוכנדיק אין פאַרבאָרגענע ערטער, אין פאַרגעסענע ווינקלען, צו ס׳איז נישט פאַר־בליבן אַ ברעקעלע חמץ. און ער ווערט פלוצים פאַרהאַלטן. דער זכרון האָט זיך ביי אים אין עפּעס פאַרטשעפּעט:

אַ מנהג פון זיינס אַ ציידן איז אים אויפגעקומען, און שוין איז ער מיט דער מחשבה פאַרפלויגן אַזש קיין סקווערע, ווו ער איז צו דער וועלט געקומען, ווו זיינע קינדער־יאָרן זענען אַמאָל פאַרוויגט געוואָרן:

איבערן גרויסן פינצטערן הויף שפּרייזט ער איינער אַליין אַרום און ווו ער פּרוווט אַריינגיין זענען טיר און טויער פאַרריגלט און פאַרשלאָסן. איז ער שטאַרק פאַרחידושט. פּונקט אין דער היינטיקער נאַכט, וואָס יע־דער ייִד איז מחויב דעם חמץ ביי זיך אויסצוראַמען, זאָל דאָ זיין פּוסט און שטיל, פאַרהאַמעוועט אויף אַלע שלעסער!

נעמט ער קלאַפּן אין טירן און אין פענצטער און וועקן אויף אַ קול, קיינער אָבער דערוועקט זיך נישט, קיינער דערהערט אים נישט.

הייבט ער אָן ווי אין אַן עת־סכנה יאָגן פון איין אָרט צום אַנדערן, פּרוווט אויפרייסן די טירן ביי דער קלויז, ביים סאַלאַש, איז ער נישט בכוח. רופט ער ביי די נעמען די אַלטע יושבים וואָס שלאָפן דאָרט, ענט־פערט מען נישט. איז ר׳ זלמינקע אויסער זיך פאַר יסורים און ווייסט זיך גאָר קיין עצה נישט:

אויב ער וועט נישט באַוויזן עמעצן אויפצוּוועקן, אָדער פון ערגעץ־ווו אין די שטיבער אַריינצודרינגען, וועט מען דאָך נאָך פאַרבלייבן חלילה...

דערזעט ער פלוצים אַ לייטער וואָס די הייך איז נישט צו כאַפּן מיטן אויג, און לאָזנדיק זיך מלא גדולה צו איר, טראַכט ער:

אָט איז די הילף! אויף דער לייטער וועט ער זיך אַרויפדראַפּען ביז, ביז...

אַ בראָט אויפן בלויזן לייב פונעם אויסגייענדיקן ליכט, אין דער האַנט, האָט ר׳ זלמ׳נקען פונעם בלייערנעם חלום אויפגעטרייסלט. און ס׳האָבן די ערשטע נאָך פאַרשלייערטע ליכט פון דער זון גענומען וועקן דעם טאָג.

ז.

שטייט ער שוין, ר׳ זלמינקע, דאַר און אויסגעצויגן ווי אַ ווייצענער זאַנג: דאָס פּאַפּירענע פּנים זיינס פון דינע פעלדעלעך אויסגעקנייטשט, דאָס געלע וואַטאָווע בערדל אויף דער געמבע אַנגעקלעפּט, אין גרויסן צעשויבערטן שטריימל און אין צעפלאָסענעם יום־טובדיקן טולעפּ, גרייט אין וועג...

פאַלט ער אָבער אין דער לעצטער רגע אַריין אין אַ ספק: צי דאַרף מען מאַכן די ברכה פאַר הלל ווי ביים קרבן־פּסח און ער פאַרגייט זיך אין רעיונות...

אין די ריזיקע הייף פאַרן בית־המקדש איז אַ ווילדער, אַ שרעקלעכער טומל. מענטשן ווי זאַמד אין דער מדבר. שופרותן ליאַרמען, שאַלן:

לויים שפּילן אויף זייערע כלים און זינגען הלל צום הימל וואָס גליט זיך פון טויזנטער צעלייגטע סמאַלענדיקע פייערן. שאָף און באַראַ־נעס יאָמערן אַ גרויל, כאָרכלען און דערטרענקען דאָס לעבן אין זייער בלוט.

ער, ר׳ זלמינקע, בלאָנדזשעט אַרום, אַ פאַרלוירענער, אַ צעטומלטער אויף די אויסגעעשטאָרבענע גאַסן פון ירושלים: דער שעפּס, דער קרבן פּסח זיינער, וואָס ער האָט אים מיט אַזויפיל מי פון ערגעץ אַ וויט דאָרף ביז צו די טויערן פון בית־המקדש דערשלעפּט, האָט זיך פון זיינע הענט אויס־געריסן און ויברח.

שעהן־לאַנג האָט ער זיך מיט אַלע כוחות נאָך אים געיאָגט און נישט געקאָנט כאַפּן. קיין אַנדערער קרבן איז פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט צו באַקומען און אָט־אָט וועט ער, חלילה, פאַרזאַמען צו טאָן דעם חוב. ווייסט ער זיך קיין עצה נישט צו געבן, קיין הילף נישט צו געפינען:

ער בלאָנדזשעט.

ח.

אַז ס׳האָבן די מקורבים ר׳ זלמינקען די רעיונות צעשלאָגן און דער־מאָנט ווו אין דער וועלט ער געפינט זיך, אַז ס׳וועט נאָך קוים צייט סטייען אַ פאָר מצות־שמורה אויסצובאַקן, איז ער געוואָרן צעפלאַמט און אין שווייס אויסגעווייקט, אָבער די אויגן האָבן ביי אים געשיינט ווי ביי אַ גליקלעכן וואָס ווערט געראַטעוועט פון אַ גרויסער, אַן אויסטערלישער סכנה...

צווישן די צוויי

א.

גרוי און וואַקלענדיק ווי דאָס וועלקעלע אויפגעבלאָזענער פאַרעך, נאָך די מידע פיס, ציט אָן דער זקן, ערב ראש־השנה, קיין רימאַנאָוו, פינקטלעך ווי ס׳שלאָגט אויס די שעה.

ער האָט נאָך נישט פאַרפעלט, קיין איין מאָל נישט, פון זינט דעם רבי, ר׳ מענדעלעס פטירה. אַהער, צום רבינס רו, איז זיין וואָגל אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, פון ווי וויט אויפן וואַנדער. אַהער טראָגט דאָס עקשנות דעם אָפּגעבידעוועטן פון נויט און פון אַלטקייט איינגעפאַלענעם גוף, יאָר און יאָרן, אָפּצומאָנען אַ חוב — אַן אַלטן נישט־אויסגעלייזטן חוב.

און ס׳שטייט דער זקן, געהויקערט, געקרימט, ווי דער שטעקן, זיין אַלייניקער באַגלייטער, אויפן וואַנדער, איבער דעם רבי ר׳ מענדעלעס רו, פאַרטראַכט אין זיין מחשבה, פאַרגריבלט אין זיין קוויטל, אַן אָנגעשריבנס, פאַר יאָר און יאָרן, אַ קוויטל פון אַלטקייט א צעריבנס, אַ פאַרגעלטס און מיט אותיות פאַרלאָשענע:

שמואל בן חנה בעט ביי אייך, הייליקער צדיק, פאַר דעם גוטס, פאַר דעם ווילטיק וואָס איר האָט פון אים צוגענומען אויף דער וועלט, זאָלט איר פאַר אים מליץ זיין, עס זאָל אים אָפּגעצאָלט ווערן מיט דעם אייגענעם גוטס, מיט דעם אייגענעם ווילטיק, אויף דער אַנדערער, אייביקער וועלט.

אַלט, אַ שאָטן פון אַ צעפאַלענער געשטאַלט, פאַרגעסן פון מענטש און צייט, צעטראָטן פון זיין פינצטערן גורל ווי אַ רידקעלע אונטערן טריט, און ס׳גליט נאָך אַלץ אין אים מיט דאָרשטיקע פאַרלאַנגען. ס׳האָט זיך דאָס בלוט אין אים נישט אָפּגעקילט. עס האָט זיך פון זיינעביינער נישט אויס־געוועפּט דער ריח פון אָנגעזאָפּטע תענוגים און אין זיינע אָדערן נישט אויסגעלאָשן אַ ברענענדיקער דאָרשט צו תאוות ווי אַ מאָל, אין זיינע יונגע, גליקלעכע יאָרן.

ב.

ער איז געזעסן, דער לייפּציקער, אין דער פֿאַרמאַכטער וועג־קאַטש, אויף דערנער. דאָס ווייכע פּליושענע געבעט האָט אים געשטאָכן אין די פלייש.

ווער האַלט עס די רעדער געפּענטעט? ער וועט אַראָפּ פון זינען!

ווי צעלאָזט די ברענענדיקע, קאַווקאַזישע לויפערס זענען נישט גע־פלויגן און האָבן מיט די קאָפּיטעס פאַרשלונגען די ערד, איז נישט געווען גענוג געשווינד, איז אים ווי קוים זיי רירן פונעם אָרט.

גיכער, גיכער!

ג.

אין סאַמע דער גרויסער הוליאַנקע, אין זיין פּאַלאַץ, וואָס האָט זיך געצויגן טעג און נעכט, אָן אַן איבעררייס, און וואָס האָט זיך געפּראַוועט מיטן גאַנצן הפקרדיקן צעווילדעוועטקייט פון נישט אָנצוזעטנדיקער, זיב־דיק־פליישיקער שיכרות, האָט עס אים אַ טראַג אונטער געטאָן:

ס׳האָט פּלוצים צו זיינע אויערן פאַרבלאָנדזשעט דאָס פאָרכטיקע קול וואָס קלאָגט פונעם שופר און געגומען גרילצן אים אין מוח, בויערן זיך אים אין האַרצן, מיט בייזן, פינצטערן אָנזאָג:

דער יום־הדין גענענט!

און ס׳צעטרייסלט אים אַ מורא און יאָגט זיך אים פראָסטיק אין די אָדערן:

דער פולער זאַק רענדלעך וואָס ליגט אים איצט צו פוסנס וועט אים דאָס יאָר נישט אויסלייזן, וועט שוין קיין כפרה נישט זיין פאַר זיינע פאַר־דאָרבענע מעשים, פאַר זיינע גרויסע זינד. ער איז שוין נישטאָ אויף דער לעבעדיקער וועלט, דער אויסלייזער, דער הייליקער פירשפרעכער זיינער, דער זלאָטשעווער מגיד, ר׳ מעכעלע.

ווי גוט און ליכטיק ס׳איז אים געווען, אַז דער זאַק מיט גאָלד האָט אים פאַרזיכערט, סיי די לעבעדיקע, סיי די אייביקע וועלט.

אַ רענדל פאַר אַ זינד, אַ רענדל פאַר אַ זכיה.

דער הייליקער פירשפּרעכער, ר׳ מעכעלע, האָט געקאָנט פאַרבייטן זינד אויף זכיות.

אָבער אויף ווייטער, אויף ווייטער! צי וועט ער אים ביישטיין, דער איצטיקער...

ד.

ער פּאָרט, ער פּאָרט!

טראָגט זיך מיט טעג פּאָרויס, איידער ער דערגרייכט קיין זלאָטשעוו, דער לייפּציקער, מיטן פולן זאַק רענדלעך.

ס׳אַראַ גדולה, ס׳אַראַ אויפגערודער, ביי גרויס און קליין.

ס׳פליִען די קאַווקאַזישע לויפערס איבער שטעט און שטעטלעך, און ווו ס׳גיט אַ שפּיגל דער גלאַנץ פון דער פליִענדיקער וועג־קאַטש, נעמען נאָכלויפן: אָרעמע און געפאַלענע, אלמנות און יתומים.

מען יאָגט, אַז די ביינער טרייסלט מען פון דער הויט אַרויס. ס׳שטורעמט איינס פאַרן אַנדערן, נישט צו פאַרשפּעטיקן די חלוקה, נישט פאַרטיילט צו ווערן פונעם פולן זאַק.

און אַז עס איז אָנגעפאָרן דער לייפּציקער, מיטן פולן זאַק רענדלעך, איז דער זלאָטשעווער מגיד שוין געשטאַנען גרייט פאַר זיין שיל, אין דער ווייסער זיידענער זשופּיצע און פאַרגאַרטלט מיטן ברייטן זילבערנעם פּאַס ווי ביי דער עבודה, אין די הייליקע טעג, און האָט גענומען טיילן צו די אויסגעשטרעקטע זשעדנע הענט:

— דער בורא, אין הימל, פאַרזעט נישט זיינע באַשעפענישן, ער נעמט די רחמימדיקע האַנט פון זיי נישט אַוועק!

— נאָ דיר, קינד מיינס, אויף חתונה־הוצאות; און דיר אויפצובויען דיין אָפּגעברענטע שטוב; און דיר אויפצוריכטן דיין מזל.

— נעמט, יידישע קינדער, נעמט! און ווערט דערהויבן, דערהויבן...

און ער טיילט און טיילט, מיט דערווייטערטע, פאַרגלאַנצטע אויגן און פאַרציטערט אין יעדן אבר, ביזן לעצטן גילדענעם רענדל.

— שוין, כ׳האָב שוין פאַר דיר אויסגעבעטן, לייפּציקער, פאַר דיר לחיים ולשלום, און גרייט צו אויף איבער אַ יאָר אַ נייעם זאַק, אַ גרעסערן.

ה.

און אַז ס'איז זיין יום־הדין שוין אַריבער און ס'איז דאָס גוטע קווימל פאַר אים פאַרשריבן, האָט ער געטאָן וואָס זיין רבי האָט געהייסן, אויסגע־דרייט די קאָטש אויף קריק און גענומען זיך לאָזן ווילגיין, בעסער נאָך ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן.

און שטאַרק ווי ס'שטראָמט צו אים דאָס גאָלד פון יאָגנדיקע קוואַלן, ברענט אין אים, פון יעדן חוש, דער באַגער צו זינדיקע גלוסטונגען. און קיין מורא פאַר קיין עונש איז נישטאָ און דער זכות איז אים פאַרזיכערט ווי אין קעשענע. איז וואָס דאָס אויג כאַפּט גלוסטיק אויף און נאָך וואָס ס'הונגערט דאָס זינדיקע פלייש, גיט ער זיך נאָך און טרינקט זיך דערמיט אָן איבער דער זעט. אַ גאַנץ יאָר אַזוי. ביז ווידער ס'גענענען די פאָרכטיקע טעג און ניכטערן אים אויס פונעם צערוישטקייט, לייגן זיך אויף אים אָן מיט זייער אימה...

ו.

ער פאָרט קיין רימאַנאָוו, צום רבי ר' מענדעלע, צו וועמען ס'פּלייצט איצט מיט אַלע וועגן, ס'ציִען יידן פון גאָר דער וועלט. אָבער ס'קענען די קאַווקאַזישע לויפערס דעם לייפציקערס אַנגסטיקע, פינצטערע מחשבות נישט איבעריאָגן, וויפל מען שניידט פון זיי נישט די פעל, וויפל מען טרייבט מיט דער בריִענדיקער בייטש די מאַרכעס זיי פון די ביינער נישט אַרויס.

ז.

— אַ שלעכטער, מנוולדיקער ריח טראָגט זיך, פון דער פרעמד צו אונדז. — טומאה, טומאה...

דער רבי ר' מענדעלע גייט, זייט טעג אַרום פאַרבונדן דעם קאָפּ און דאָס פּנים באַהאַלטן אין ביידע הענט.

— כ'קען דעם אָטעם נישט כאַפּן!

ער נעמט נישט קיין ביסן צו זיך, אַפילו נישט קיין טרוקן פּלעצל וואָס אַ ייִנגעלע פאַר דער בר־מצווה, אַ נאָך ניט אָנגערירטס פון אַ זינדיקן

געדאַנק, באַקט פאַר אים אָפּ. און אין די נעכט הערט ער נישט אויף שרייען, ס׳שטעכט אים דאָס געלעגער.

— כ׳האָב מיר אין הימל אויסגענומען, אַנדערש האָב איך נישט גע־וואָלט — נישט געוואָלט אַראָפּגיין אויף דער וועלט, אַז כ׳וועל דאָ קיין פּושקע־גבאי נישט זיין. זאָל דער פון אויבן אַליין טיילן!

ח.

מען איז פאַרחידושט, צעחושט פון זיינע רייד. אַז ס׳איז נישט צו פאַרשטיין אויף וועמען, אויף וואָס ער שטויסט זיך אָן.

— צו אונדז, אַז ס׳קומט אַ ייִד וואָס איז באַשאָנקען מיט עשירות, דערפילט ער ס׳איז בלאָטע מיט וואָס דער שטן פאַרשמירט דעם מענטשן די אויגן, צו פאַרפירן אים אין דער פינצטערניש. עס איז אַן עול, אַן איי־בעריק אַרויפגעלייגטער עול, וואָס מען דאַרף זיך דערפון פּטרן, צעוואַרפן עס אויפן ווינט! און איך זאָל שמירן מיינע הענט אין דער בלאָטע?

מער נאָך פליאהדיק איז די הנהגה זיינע אין די טעג: ער, וואָס זעלטן טרעט ער אַריבער די שוועל פון זיין חדר, גייט איצט אַרום צווישן עולם, בלאָנדזשעט מיט די אויגן, פון מענטש צו מענטש, און שמעקט אויס יעדעס ווינקעלע.

אַז נישט ביי סכנות־נפשות, רירט קיין האַנט נישט אָן די קליאַמקע פון זיין טיר. דער רבי, ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער, לעבט אָפּגעשיידט פון אַרום, תמיד וויט פאַרטראָגן פונעם טומל, אויף דער אַנדער זייט פון זיינע פיר ווענט.

און אַז מען מוז! אַ ייִד געפינט זיך אין אַ נויט, נייטיקט זיך אין אַ ישועה און מען וועקט אים אויף פון זיין רעיון, טרייסלט אים אַרויס פון זיינע מחשבות, דערזעט מען אים אַ פאַרחלשטן און ווי אַן אויסגעלאָשענעם פאַר דער לעבעדיקער וועלט.

— איך פיל דען נישט, ביז עק וועלט, ווו ס׳וויטיקט אַ ייִדיש האַרץ? און מיינט מען איך פאַרשוויג? צו וואָס־זשע מיר איבערברעכן דעם גאַנג... קומען ייִדן קיין רימאַנאָוו און זעען נישט דעם רבין, טעג און וואָכן,

און ס׳איז זיי געַנוג, איבער געַנוג, בלויז צו פילן אים דורך די ווענט. אַמאָל, אַמאָל, האָבן די זכיה צו כאַפּן אַ העווייה זיינע. ס׳אַראַ גליק, אין אַ געבענטשטן טאָג, צו הערן אַ בליץ פון זיין מויל.

חסידים וואָס זענען געווען אויסגעלערנט אויפן זלאָטשעווער מגידס התנהגות: אָפּענע טירן פאַר סיי ווער עס ווען באַגער, גרייטקייט צו העלפן, ממשותדיק, מיט דער פולער האַנט, און וואָס האָבן נאָך זיין פּטירה גע־פּרוווט זיך שלאָגן אַ דרך קיין רימאַנאָוו, האָבן לאַנג נישט געקאָנט נאָכגיין און זענען אָפּגעשטאַנען. ס׳איז צו הויך, זיך צו דראַפּען אויף זיין וועג...

ט.

— הערש, הערש, סערדצע!

דער רבי, ר׳ מענדעלע, גיט איצט ר׳ הערש משרת קיין מנוחה, אויף איין רגע נישט. אין די נעכט לאָזט ער אים נישט אָפּטרעטן און מוז זיך אויסהיטן פונעם שלאָף, פון אַ דרימל, באַגלייך מיט אים, און באַגינען, ווי נאָר ס׳עפנט דער טאָג דאָס ליכטיקע אויג, הייבט זיך אָן ס׳געיעג:

— גיי קוק דיך אויס אויף אַלע וועגן. ס׳שטעלן זיך די הייליקע, פאַרכ־טיקע טעג. יאָג אָפּ די טומאה, דערלאָז נישט די תאווה זאָל פאַרעיפּושן דעם אויר, פאַראומרייניקן אונדזער גבול.

און ס׳יאָגט און ס׳האָועט, ר׳ הערש משרת, אויסצושפּייען די וועגן וואָס ציִען קיין רימאַנאָוו.

י.

פון דאַנען טרעט ער נישט אָפּ! ס׳האָבן נישט געהאָלפן ר׳ הערשס פאַרהיטענישן. ער האָט זיך נישט געלאָזט, דער לייפּציקער, מיטן פולן זאַק; נישט געוואָלט אָפּקערן פון זיין וועג. און ס׳האָט נישט גענוצט קיין איינ־טענהן, מיט גוטן און מיט בייזן:

ער זאָל פאָרן קיין זבאַרעש, אָדער קיין קרעמעניץ, צי קיין יאַמפּאָל. צו די קינדער ר׳ מעכעלעס. זיי היטן זייער פאָטערס שטייגער און ער וועט זיכער פועלן...

ער פאַרט נישט. נישט וויסן וויל ער פון זיי!
אַהער, קיין רימאַנאָוו האָט אים געצאַפּלט דאָס האַרץ. און ס׳זאָל זיך בייגן דער הימל צו דער ערד, דאָ, נאָר דאָ, מוז ער אויסגעלייזט ווערן! נאָר דער רבי, ר׳ מענדעלע, מוז פאַרן גאָלד אויסקויפן זיינע זינד!

יא.

אים האָט מען אויסגעקליבן פאַרן שליח. אין זיינע טמא, מגושמדיקע הענט זאָל אָנקוועלן דאָס גאָלד אויף צדקה. ברודיק, נישט געלייטערט געלט... דער רבי, ר׳ מענדעלע, וויל עס נישט נעמען אויפן זינען.
— השמים שמים... זאָל דער הימל טאָן וואָס ער טוּט, אָבער — והארץ נתן לבני אדם — ער וויל זיך דעם הימל נישט אונטערוואַרפן. און ער זיצט דער רבי, ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער, פאַרשפּאַרט אויפן שלאָס און לאָזט נישט דעם לייפּציקער אויף די אויגן — טאָג אויף טאָג.

יב.

ס׳פרעסט די אויגן דער צעעפנטער, גרויסער זאַק, מיט די פאַרטשמעי־ליענדיקע בליציקע רענדלעך, וואָס דער לייפּציקער ליגט פאַר אים אויף דער הוילער ערד, און רייסט אונטער דעם רבי ר׳ מענדעלעס הויז, מיט זיין קלאָג, מיט זיינע חיהשע יללות:
ער האָט אַ חזקה, אַ חזקה דערויף, אויסצוקויפן זיינע זינד!
אין רימאַנאָוו האָט מען נאָך קיין גאָלד, קיין פולן זאַק מיט גאָלד נישט געזען. און ערשט אַזוי אָן בושה און אַזוי חצופהדיק נאַקעט צעלייגט! שטייט דאָס שטעטל אויף די פיס, אַרום דעם קלאָגער, און היט, מיט אויפגעריסענע גלוסטיקע אויגן דעם פאַרשייט־צעשפּילעטן זאַק. אָבער עס גליווערן די ליפּן אָנצורירן דעם זינדיקן באַגער וואָס פלאָנטערט זיך אין דער מחשבה אַריין.

יג.

ר׳ הערש משרת, אַז ס׳איז אים דאָס האַרץ אָנגעוויייקט מיט עגמת־נפש, בלוטיקן אים, פון אָפענע ווונדן, די פאַרברענטע, צעריוועטע הענט.

זיי ברענען, ווי בעת מען האָט אים אָפּגעריסן פונעם גליִענדיקן, אייזער־נעם אויוון וואָס ער האָט, אין התלהבות ביים דאַווענען, אַרומגעכאַפּט און נישט אָפּגעלאָזט.

ער קען נישט איבערטראָגן די קלאָג פון דעם לייפּציקער וואָס ווערט נישט דערהערט. ער קען נישט צוזען די פּלוגתא וואָס פירט זיך צווישן זיין רבין און דעם זלאָטשעווער מגיד. דער מגיד שיינט אויף, יעדע נאַכט, אין דער געשטאַלט פון לעבן, און נעמט זיך אָן די קריוודע פון דעם לייפּציקער. היתכן:

— אַ ייִד בעט זיך נעבעך תשובה טאָן. ער רייסט זיך אויף די גלייכע ווענט און דו ווילסט אים נישט דערהערן, נישט ביישטיין?

ניין, דער רבי, ר׳ מענדעלע, וויל אים נישט ביישטיין:

אַ גאַנץ יאָר זיך נאָכגעגעבן אַלע אַלע תאוות, נישט אויסגעלאָזן קיין איין עבֿרה, און זיך אָנשיכורן מיט גלוסטיקע זינד, וויפל דער שטן גיסט אין אים אַריין און זיין פאַרזיכערט מיט יענער וועלט אויך? ער קויפט עס זיך פאַר געלט? דער רבי, ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער, פאַרקויפט נישט פאַר קיין געלט.

און ר׳ מעכעלע קומט, קומט אויף אין דער לעבעדיקער געשטאַלט, יעדע נאַכט, פּינקטלעך נאָך חצות:

— אַ ייִד וואָס האָט חרטה בלב שלם און וויל תשובה טאָן, איז חשובער ביים באַשעפער ווי איינער וואָס היט זיך אויס, צי וואָס האָט גאָר קיין גלוסטונג נישט צו טאָן אַן עבֿירה.

— צי געדענקט ער נישט, דער רימאַנאָווער, יענעם זינדיקן ייִדן וואָס איז געקומען צו זייער רבין, ר׳ אלימלך, קיין ליזשענסק, בעטן אַ תשובה.

דער ייִד האָט אויף זיך געהאַט גרויסע זינד, און ווו ער איז נישט אויסגעווען די וועלט און ווו ער האָט נישט אָפּגעשלאָגן די שוועל, ביי גאונים און צדיקים, האָט קיינער פאַר אים קיין כפּרה נישט געהאַט, קיינער פאַר זיין נשמה קיין תיקון נישט געפונען.

— גייט אייך, גייט, שטייט נישט אין די ד׳ אמות!

איז אַ בייז געשריי אים נאָכגעגאַנגען אויף די טריט און האָט נישט אויפגעהערט פאַרפייניקן אים מיט ווילדער שרעק. ביז וואַנען ער האָט אָנגעשלאָגן קיין ליזשענסק.

ער איז גרייט, דער ייד, צו נעמען אויף זיך די האַרבסטע שטראָף, אַפילו דעם טויט, אַבי צו ווערן אויסגעלייטערט פון די זינד.

— אַזוי, דו ביזט גרייט צו נעמען אויף דיר אַפילו דעם טויט!

און ס'האָט דער רבי ר' אלימלך דעם זינדיקן יידן אַנידערגעזעצט אויף זיין שטול און האָט אַליין, מיט זיינע הייליקע הענט, אים פאַרבונדן די אויגן. און ער דונערט ווי פונעם הימל:

— מאַך אויף ס'מויל! שלינג אַריין דעם קאָכעדיקן לעפל בליי וואָס כ'גיס דיר אָט אין האַלדז אַריין!

און אַז ס'האָט דער זינדיקער, אַ פאַרצאַפּלטער, מיטן לעצטן טראָפּן חיות אין האַרצן אויפגעריסן ס'פאַרשטיינערטע מויל זיינס, האָט דער רבי, ר' אלימלך, אים אַריינגעגאָסן אַ גרויסן פולן לעפל איינגעמאַכטס.

— נו, איז די מורא פאַר דער מורא נישט גענוג, אָפּצומעקן דעם האַרבסטן חטא?

דערויף האָט דער רבי, ר' מענדעלע, קיין ענטפער נישט געגעבן. אָבער באַוויליקט אויסצוקויפן דעם לייפּציקער פאַרן זאַק רענדלעך, איז ער נאָך אַלץ נישט געווען.

ערשט אין דער נאַכט פון ערב ראש־השנה, אַז דער מגיד האָט פּלוצעם אויפגעשיינט מיט אַ שטורעם, אַזש דאָס גאַנצע הויז האָט זיך געוויגט און איז נעלם געוואָרן, האָט דער רבי ר' מענדעלע, אַן אויפגעציטערטער, אַ וואָרף געגעבן דעם שטעקן, אויף וואָס ער איז געשטאַנען אָנגעלענט, צו ר' הערש משרת און אים אַ ווייז־געטאָן צו דער טיר:

—ער וועט אים צונויף קומען, דער שטעקן: נעם צו ביי אים דעם זאַק — און טייל...

יד.

ס'ברענט!

נאָר ס'האָט זיך דער לייפּציקער פון רימאַנאָוו אַרויסגערירט, איז אַ פייער פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן אויף זיין גוטס.

ס'ברענט די קאָטש מיט די פערד. דאָס פייער גייט ווייט און וויטער, צינדט זיין פאַרמעג אין דער היים, פאַרשלינגט וואָס ער פאַרמאָגט אין דער

פרעמד און אין וועלכן עק וועלט עס זאָל זיך נישט געפינען זיין האָב, אַפילו אין טיפסטן פאַרבאָרגעניש, דערלאַנגט דאָס פייער און פרעסט אויף. ס׳פאַרבלייבט נישט פון זיין מדינה־עשירות, וויפל אַ גראָשן דער ווערט. ס׳איז אָפּגעווישט ווי אַ מעשה וואָס האָט זיך אין אַ חלום פאַרשפּינט.

טו.

און ס׳גייט דער זקן, פון דעמאָלט אָן, איבער לאַנד און לענדער קיין רימאַנאָוו, הין און קריק — יאָר און יאָרן אַזוי. און ער קרימט זיך מער און מער, פון טיפער עלטער, ווי דער שטעקן וואָס ער לאָזט פון די הענט נישט אַרויס, אָבער מיט אַ פלאַטער אין מידן, פאַרצאַפּלטן האַרצן:

ער וועט דערציִען, הייליק! דער רבי, ר׳ הערש משרת, האָט עס אים צוגעזאָגט. ער וועט דערציִען אויף דער רבינס אָנשטיץ, צו זיין תיקון, צו זיין אמתער אויפריכטונג ווי אַמאָל, אַמאָל...

די מרידה

א.

די שול, די ברייט צעפּליגלטע, אַ צעפּינקלטע פון גילדענע קאָלפּי־קעס אַרום דעם קופּאָלענעם דאַך, הייבט זיך איצט, אין שפּעטע נעכט, העכער, רייסט זיך מיט די צעגלאַנצטע הויכע טערעמער נאָענט צו די שטערן און וואַרפט אָן מער מורא ווי געוויינטלעך אויף די אַרומיקע היי־זער און שטיבלעך וואָס שטייען פּאַר איר געביקט ווי אונטערטעניקע קנעכט פאַר זייער פּאַרכטיקן האַרן.

דער רב, אין הויכן סויבלענעם היטל און אין פעענעם טולעפּ מיטן אַראָפּהענגענדיקן פעענעם קאָלנער, טיף איבער דער פּלייצע, שלייכט דאָרט אַרום, אייגער אַליין, און זוכט, קוקט איבער, מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט, די שלאָפנדיקע פּנימער פון אָנגעפּאָרענע חסידים, ליגנדיקע אויף וועגענער, אויף דער ערד, פאַר יעדן טריט.

ער געפינט אים נישט!

ב.

זאָרג פינצטערט אויף שטערנס אונטער פּוטערנע ספּאָדיקעס, אומ־רו קלאַפּט אין הערצער אונטער צעכראַסטעטע קאַפּאָטעס, פון הונדער־טער יושבים אין בעלץ.

אַ ווינט, אַ בייזער, האָט זיך אָפּגעריסן און שטילט זיך נישט איין, ווילדעוועט איבערן שטעטל און ברעכט זיך אַריין, דורך טיר און פענצ־טער, אין יעדער שטוב. און אויף זיי, די שטענדיקע וואַך אַרום דעם בעלדצער רב, ליגט דאָס גאַנצע אַחריות.

ס׳געשעען דאָ זאַכן וואָס האָבן קיין נאָמען נישט: טרייף־פּסולס און

פּאַשקווילן פונעם ערגסטן מין געפינען זיך צווישן הייליקע ספרים, אין אַלע בתי־מדרשים און אין די אַלמערס פון אַ יעדער יידישער שטוב. און וויפל מען הערט נישט אויף צערייסן און פאַרברענען, פאַרמערט עס זיך ווי די מילבן — מיט יעדן טאָג אויף ס׳ניי. און ווען? אין די ערב־טעג פון די הייליקע פאַרכטיקע טעג. ראש־חודש אלול האָט עס אָנגעהויבן. אין אַ צייט וואָס אַ ייד דאַרף זיך לייטערן די מחשבות, טובלען די זינ־דיקע געדאַנקען אין תשובה און אין תפילה.

ס׳אַראַ צרה, ס׳אַראַ חרפּה! אַז ווו נאָר מען מישט אַ הייליק בלעטל שפּעט די טומאה אין פּנים אַריין.

ג.

— מען האָט מיר די אויגן פאַרשטעלט, כ׳זע נישט פאַר מיר די וועלט!

ס׳זאָל זיך קיינער נישט דערוועגן צו ווייזן זיך איצט פאַר אים מיט נאַרישקייטן: שאלות, בקשות. ער קאָכט, דער רב, מיט ווילדן צאָרן און שעלט מיט טויטע קללות.

ער איז דאָ אויסגעוואַקסן אין דער לאַנגער שטוב און איז געשטאַנען ווי אַ סאָסנע — פּלוצעם אויפגעשאָסן פון דער ערד, בעת ביי די יושבים האָבן די הונגעריקע הענט זיך געריסן נאָכן ביסל מזונות וואָס דער שפּייז־גבאי האָט פון אַ דאַמפּיקן, גרויסן קופּערנעם קעסל געטיילט, און ס׳האָבן זיך ביי אַלעמען פאַרהאַלטן די אָטעמער ווי ביי אַ שטיין געבליבענעם זייגער. טויטשרעק האָט פאַרגליווערט ווי ביים אָנפאַל פון אַ וואָלף אויף אַ טשערעדע:

— חמורים, ווערגן זאָלט עץ אייך! אַזאַ אומגליק אויף יידישע קעפּ און עץ האָט נאָר אין זינען דעם פּרעס!

מחנות, מענער און פרויען, פליצן ווי אַן איבערגעגאָסענער שטראָם, צו בעטן זיין ברכה פאַר די פאַרכטיקע טעג און ער באַוואַרפט זיי מיט ווערטער האַרטער פון שטיין:

— בהמות, פושעים האָט עץ געבראַכט אויף דער וועלט און גלעטן זאָל מען אייך דערפאַר די באַקן?

און ס׳טראָגן זיך בכיות וואָס ברעכן די הימלען, שפּאַלטן די ערד:

— אַז איר בענטשט נישט, שעלטס, בעלדצער רבֿ, שעלטס! אייערע קללות זענען ווי דערנער אַרום דער רויז. דאָס האַרץ פון אייערע קללות זענען געבענטשטע הייליקע ברכות!

ד.

אין שול, וווּ די סטעליע, אַ געוועלבטער הויכער הימל, איז פאַרפינצטערט פון שווערע וואָלקנס, צעריסענע פון בליצן, און וווּ צוויי געשניצטע מוראדיקע לייבן, מיט אויפגעריסענע מאַרדעס און בלוט לעכצנדיקע צונגען, האַלטן דעם געגילדעטן שווערן אָרון־קודש אויף זייערע גראָבע געקאָרטשעטע לאַבעס, טומלט זיך נאַכט אויף נאַכט, אונטער פאַרשלאָסענע טירן. אַסיפות ווי אויף אַ באַרוט פון אַ מלוכה האַלטן די יושבים און זוכן המצאות ווי אַרום די סכנה — דעם בייזן ווינט — אָפּצוּוואָגן.

ביי אַ לאַנגן טיש זיצן, פון ביידע זייטן, די עלטערע — די פּני, און אַרום זיי, געשלאָסן אַ קייט אין אַ קייט, שטייען, קעפּ אויף קעפּ, די יונגע לייט און הערן זיך איין מיט אָנגעצויגענע פאַרחלומטע שטערנס, מיט אויפגעריסענע מיילער.

ר׳ שכנא קאַמינקער, אויבן אָן, דער ראש פון אַלע בעלצער יושבים, אַ געבראָכן סאָווע יידל, מיט אַ פאַרנעפּלטן זעערישן בליק, מאַכט פאַרצאַפּלען די הערצער, פאַרשיכורט די אויערן. מיט די שוואַרצע געקייקלטע כמאַרעס פון זיין לאַנגן ווײַנשעלנעם ליולקע־ציבעק בלאָזט ער די וווּנדערלעכסטע מעשיות, די אויסטערלישסטע געשעענישן פון פאַרצייטנס פון זיך אַרויס:

דאָ, אויף דעם מקום־קדוש, וווּ מיר געפינען זיך איצט, איז אַמאָל געשטאַנען אַן אָרעם הילצערן שטיבל, אַן אַלייניקס, אַ ווייט אָפּגעלעגנס פון שכנים, פונעם ישוב. און אין דעם שטיבל האָט געוווינט אַן אָרעם פאַרפאַלק: ער ז״ל, איידער ער איז נתגלה געוואָרן, ר׳ שלום, דער אַלטער רבֿ, און זי, זיין זיווג, מלכהלע, די הייליקע רביצין. געלעבט האָבן זיי אין גרויס נויט־באַדערפטיקייט פון שווערער מי און אַן אָרעם, זייער אָרעם פאַרדינסט. זיי פלעגן צונויפקלויבן שפּענער און צווייגן אין וואַלד און

טראָגן אויף די פּלייצעס, עטלעכע מײלן װײט, פּאַרקױפֿן אין שטאָט אַרײַן. אָבער ס'איז זיי געווען גוט און ליכטיק אין האַרצן, אַז זיי זענען אַ ניצוץ אין גאָטס באַשאַף.

און ס'דערציילט ר' שכנא ווי אַזוי דער אַלטער רב איז געזעסן טויזנט נעכט, נאָכאַנאַנד, אָן איבעררייס, און האָט געלערנט תורה — תורה לשמה.

אין די נעכט, זאָגט ר' שכנא, איז די ממשלה פֿונעם ס"ם, אָן אַן ערד, מעכטיקער ווי אין ליכטיקן טאָג. אין דער נאַכטיקער פֿינצטערניש צעוויגן זיך זיינע פֿליגל אַזוי ברייט, אַזוי ווייט, אַז זיי רירן אָן דעם זוים פֿון דער וועלט.

סאַראַ מלחמה, סאַראַ ראַנגלעניש ס'זענען אָנגעגאַנגען צווישן אַלטן רב און יענעם — דעם נישט גוטן!

אָנגעהויבן האָט ער תחילת אויף זיין אופֿן, געפּרוווט זיך מיט זיין שפּיל אַראָפּפֿירן פֿונעם וועג, געפּרוווט פֿאַרכישופֿן די חושים מיט תאוות אַזעלכע וואָס אַ בר־נש, אַ נישט געהייליקטער מבטן אמו, קען נישט ביי־שטיין. אָבער ער, דער הייליקער רב, איז נישט געווען בייצוקומען. ער איז געזעסן געקאָוועט צום טיש און איז נישט אָפּצורייסן — פֿון קיין שום כוח נישט. און דאָס פֿלעמל צום לייכטן אויף די צעעפֿנטע הייליקע ספֿרים האָט ער געהאַלטן צווישן די פֿינגער, ס'זאָל אים בראָטן דאָס פֿלייש און נישט לאָזן אים אַנטשלעפֿן — אויף קיין רגע נישט.

און ס'וואַכט מלכהלע, זיין זיווג, אין די נעכט, באַגלייך מיט אים, פֿאַרפֿרומט אין צניעותדיק, הייליק געבעט און ווי אַ באַפֿליגלטע אויף דער לויער.

האָט ער דאָך דערזען, דעם ס"ם, ס'עקט זיך די וועלט! דער פֿייער־דיקער זייל, וואָס ברענט פֿונעם רבס תורה־לערנען, שפּאַרט אין הימל און ס'ווערן דער ממשלה זיינער אונטערגעשניטן די יסודות, אויסגעריסן די וואָרצלען פֿון דער ערד, האָט ער זיך אַ וואָרף געגעבן מיט זיין גיהי־נומישן כעס און געגאָסן פֿיין אויפֿן רב, וויפֿל נאָר ס'קען פֿאַרנעמען אַ מענטשלעך לייב. ער שלאָגט אים מיט צרות מער ווי איובן. ס'האָט שוין געהאַלטן חלילה... ס'איז דער כוח וואָס קוועלט פֿון די הייליקע פֿייערן גרויס, מעכטיקער פֿון אַלע וויסטע טומאה־כוחות. און ס'איז דאָס ליכט נישט פֿאַרלאָשן געוואָרן.

מלכהלע, די הייליקע רביצין, שטייט אויף דער וואַך מיט אירע צע־שפּרייטע הענט און בלאָזט איר אָטעם אַריין אין דעם צאַנקנדיקן לעבן, זי לאָזט דאָס ברענענדיקע פלעמל נישט פאַלן פון צווישן ר׳ שלומס טויטע פינגער, זי לאָזט זיינע מידע, זיך לעשנדיקע אויגן נישט אָפּטון זיך פונעם הייליקן אות.

ר׳ שכנא האָט אויפגעציטערט ווי אין דראָזש און דאָס בערדל און די פּאות, די גראָע, שטייען אים קאַפּויר: ס׳זענען אָנגעקומען די לעצטע פון די טויזנט נעכט; און ס׳איז דער שטן אַרויס מיט זיין גאַנצן חיל פון אונטער דער ערד און דרייט זי אויפן שטורעם.

חרוב מאַכן וויל ער די וועלט!

און ס׳איז אָנגעקומען די לעצטע פון די טויזנט נעכט. ס׳איז איינגעטונקען דער גאַנצער חלל אין פלאַם; נאָר צום אַלייניקן הילצערנעם שטיבל דערלאַנגט ער נישט. ר׳ שלום האָט מיט זיין פייערדיקער שווערד גובר געווען און אַראָפּגעוואָרפן אים קריק אין פינצטערן תהום.

ר׳ שכנא האָט זיך אַ כאַפּ־אויף געגעבן און דעם ליולקע־ציבעק אויפן טיש אַ שמייס געטון:

— דאָ האָט דער בעל־דבר קיין שליטה נישט געהאַט, און אין אונדזער גבול וועט ער קיין תקומה נישט האָבן.

ה.

אַז ס׳איז דער שעטנז אַ שפּראָץ פון זיי — די יושבים, אַ גליד פון זייער אייגענעם גוף, און זיי זעען נישט, זענען געשלאָגן מיט בלינדזעניש!

דער רידניקער, אַ בחור, אַ יתום, וואָס האָט זיך פון קינדהייט אָן אויסגעכאָוועט אויף זייערע הענט און וואָס דאָס האַרץ האָט זיך אים גע־טראָגן אויף זייער געפלאַטער, הויט און ביין זענען אים געווען דורכגע־נומען מיט זייער ברויזנדיקן אימפּעט, האָט זיך אַ דריי געטון פונעם אויסגעטרעטענעם גאַנג און פינצטערט צו אַ נייעם באַגינען.

דאָס ביינערדיקע פּנים זיינס, געלער וואַקס, שפּיצט זיך שאַרף אין דער לענג און די צוויי פלעמלעך צווישן די שאָטנדיקע אויגנלעפּלעך גראָבן מער און מער זיך אין דער טיף.

ער, דער יינגסטער אויפבלי, זייער בלענדל. דער אַנזאָג, אַז גוט און פרום יידישקייט גייט אויף מיט יעדן נייעם גערעטעניש אַלץ אַנגעזאָפּטער, אַלץ שפּעדיקער, גראָבט אונטער זיי די ערד:

— חיות ווילדע! ס׳פּויזעט נאָר אין דער אייגענער בלאָטע. דער תחום, פון בעלץ ביז ראַווע, איז פאַר זיי די גאַנצע וועלט. און ווייטער זאָל מען נישט אַ קוק טון, דאָס אויג נישט אַריבערלאָזן. ס׳איז אָסור ווי נבלה. דער רב — דער אַלטער, דער פּריִערדיקער, דער היינטיקער, קלעפּט זיך זיי נישט אָפּ פון די ליפּן. זייער וואָרט, זייער געבאָט איז הייליקער פון תורת משה. און עיקר שבעיקר: מען זאָל נישט אַרויס פונעם ספּאָדיק און דער לאַסטיקענער, צעכראַסטעטער קאַפּאָטע. עובר זיין דערויף, איז ערגער ווי אויפן האַרבסטן לאַוו, און ס׳איז קיין שטראָף נישט גענוג האַרט אָפּצוקומען דערפאַר.

ער איז דערוואַכט, דער רידניקער. אַ בייזער חלום האָט געהאַלטן אין הינערפּלעט, איינגעפּלאָנטערט דאָס גאַנצע יונגע לעבן זיינס. חושך האָט פאַרקייטלט זיינע טריט.

אַרויס, אַרויס!

און ס׳ברענט אין אים אַ העלישע שנאה צו זיי, און אַלץ וואָס אַרום זיי, און מער ווי צו אַלץ און אַלעמען צו אים — צו אים אַליין — דעם רב.

ער, דער אייביק קאָכנדיקער מיט צאָרן, וואָס דאָס פּנים זיינס, הויל באָרד, פאַרשטעלט אים דאָס ליכט פון דער זון, שטייט זיי ווי אַ שוואַרצער נעפּל פאַר די אויגן.

— בהמות, חמורים! גייט אייך צו אַלדע וויסטע, פינצטערע...

פון וואַנען נעמט ער עס דעם היתר צו שעלטן יידן, מבזה צו זיין, אָן בושה, פאַרן אָפּענעם ליכטיקן הימל?

און זיי, די בלינדע סטאַדע, קוויקן זיך מיט דעם ווי אַ דאָרשטיקער מיט געטראַנק.

סבלנות, גענאָדקייט, איז אין זייער מוח נישט אַריינגעשריבן. און ס׳איז נישטאָ דאָ קיין רוונג, קיין שטילקייט צו קענען אָפּשטעלן דעם פלי פון אַ געדאַנק, אויסוואַרעמען אַ רגש אַ העכערן, צו קענען אויסבלוטיקן אַ בענקעניש אַ ברענענדיקס.

זיי פּילדערן אויף אומגעלומפּערטע קולות — ביים דאַווענען, ביים

לערנען. שטיל, אָן רעש, אָן העוויות, קומט דאָס וואָרט נישט צום קלאַנג. מען פאַרשרייט אַ פוסטן טומל!

גענוג, ער וויל נישט! מער וועט ער, דער רידניקער, דעםליידיקן ווינט צו די אויערן נישט דערלאָזן... אַ מדבר איז קיין דרך נישט! און ס׳גריזשעט אים די רו פון די ביינער, אַרויסצורייסן זיך פון דעם איינזינקעניש אין די זאַמדן און אַ שוועב צו טון אויפן ווינט. ס׳בראָט אים דאָס איינגעווייד אויפצושטורעמען, אויפצורודערן אַלעמען און אַריבערשרייען דעם הוילן, פוסטן געטומל. ער מוז, ער מוז!

אַ משוגעת! ווי אַ וויסטער, ווילדער אומרו האָבן אים די דאָזיקע געדאַנקען פאַרכאַפּט, פאַרדרייט, און אין גאַנצן פונעם דרך הישר אַראָפּגעפירט.

ז.

— ער גייט, ער גייט...

האָט עס געשורשעט ווי זיידנס צווישן די פינגער, פונעם פרימאָרגן ביזן האַלבן טאָג, ביז וואַנען מען האָט אים דערזען, אַן אָפּגעמידטן און ווי אין וואָגלגאַנג, דעם רב, איינגעשלאָסן אין אַ רינג פון הונדערטער ספּאָדיקעס — גיבורישע יונגע לייט, געבונדענע איינס צום אַנדערן מיט די גראָבע גאַרטלען וואָס אַרום זייערע לענדן, צו דער בימה פאַר דער שול.

און ער שטייט, דער אויפגעריסענער הויכער בוים, איבער די טויזנטער דערשראָקענע פּנימער וואָס זוימען אים אַרום, אַ געביקטער מיט פאַרקלעמטע הענט, און בעט זיך מיט געבראָכענע דערשטיקטע ווערטער:

— תשובה!

ס׳גייען טעג וואָס מען קען אַלץ פאַרריכטן — אַלץ וואָס ס׳איז קאַליע געוואָרן — אַ ווינט אַ בייזער האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזער פּליין — אויף דערויף האָט דער הייליקער זיידע, ר׳ שלום, געהאָרעוועט טויזנט נעכט — טויזנט — תפארת ישראל קען זיך אין גלות נישט דערהאַלטן, ווי נאָר אויפן אייזערנעם גדר, מיט וואָס די הייליקע תורה האָט אונדז אַרומגעצוימט. און חלילה ס׳ברעכט זיך איין דער צוים און מען לייגט נישט צו די הענט צו פאַרריכטן, אין דער רגע, אויפן אָרט, איז

הפקר — הפקר די נחלה און ס׳נעמען חיות ווילדעווען און פרעסן אויף ס׳געדעטעניש פון ביטער שווערער האַרעוואַניע — דערלאָזט נישט! טרייבט אָפּ! וועט זיין חייא בני מזונא... אַ נישט אומקום, חלילה, פון אינעווייניק און צינדן וועלן זיך שרפות איבער די קעפּ — געוואַלד, אוי וויי! — גויים וועלן אַ קעגן גיין דעם גואל צדק — גויים... און ער האָט זיך אַ ברעך געגעבן אַראָפּצופאַלן.

— דער רב, דער רב...

אַ געוואַלד, אַ געיאָמער צעשניידט די לופט. אַ שרעק, אַ ווילדע צע־יושעטקייט שליידערט, יאָגט די טויזנטער מיט צעלאָזטע פאַרמעסטנדיקע הענט.

— מען טראָגט אים, דעם רב, אַ פאַרחלשטן, מען טראָגט אים...

ז.

רויכעס געשוואָלענע פון שייטערס צעלייגטע וויקלען זיך צווישן גאַסן און געסלעך און טשאַדן פון ברענענדיקע טרייף־פּסולס, פון פאַר־שאַרטער חצופהדיקער הלבשה.

דאָס עזות, — דאָס הפקרות, הייבט דעם קאָפּ אַלץ העכער.

צום רב אַליין האָט עס שוין אָנגעשלאָגן. אַ פּאַשקוויל — פאַרדאָר־בענע, פאַרוואָרפענע רייד ר״ל — האָט זיך געפונען צווישן די הייליקע בלעטלעך פון זיין זהר. און ס׳האָבן זיך די ספּאָדיקעס אַ שטעל געטון אויף די פּיס און קערן וועלטן. די יונגע לייט וואָס טראָגן מיט גרויסע קוישן — טאָג־איין, טאָג־אויס — עססנס פונעם רבס קיך צו קראַנקע, צו אָרעמע; וואָס קלאַפּן אָן, אין שפּעטע נעכט, ביי געפאַלענע און באַהאַל־טענע אָרעמע לייט, און גיבן זיי איבער דעם רבס צדקה, פאַלן איצט אָן אויף שטיבער און נישטערן אין שאַפעס, אין קופערטן און אין יעדן ווינקל. און נאָר ס׳וואַרפט זיך זיי אַ ספר — נישט קיין הייליקס, אַ קליידל אַ צו געפּוצטס, צו אַ קופּקע אַ פאַרריסענע, גייט עס אויפן פלאַם.

ס׳העלפט נישט. דער אומרו שטילט זיך נישט איין. מען קערט און קערט און ס׳איז דאָס מיסט נישט אָפּצורייניקן.

ח.

דער רידניקער שיינט פון נחת, פון גרויס גדולה — ער קוועלט. ער צאָלט זיי ערלעך. און זיי זעען נישט, די געבלענדטע. ער טוט עס דאָך פאַר זייערע אויגן, אין ליכטיקן טאָג!

ט.

ס׳איז אָנגעקומען דער ערב־ראש־השנהדיקער טאָג און ס׳האָט זיך אַ מהומה, אַן אימה אַ טראָג געטאָן, ווי נאָר ס׳וואָלט דער גיהנום אויפּ־געריסן די ערד:ביים רב אין חדר האָט מען געפונען אָפּגעריסן די מזו־זות און אַנידערגעוואָרפן פאַר דער טיר.

י.

— מען האָט מיר געגעבן קאַטאָרגע. כ׳זיץ אין קייטן געקאָוועט און קען אַפילו די הענט נישט אויפהייבן אָפּצופרעגן — אָפּצופרעגן...

— גיי, אהרן־שיע, דו האָסט דאָך נאָך ביי אים געדינט! גיי אַרויף אויפן לעבנדיקן אָרט און שריי אים אַריין, דעם הייליקן זיידן, ר׳ שלום, אין זיין רו: ער זאָל אויפשטיין און זען — זיין האָרעוואַניע, די וועגט פון זיין טויזנט־נאַכטיקן בנין זענען אין גרויס סכנה, טרייסלען זיך, חלילה, איינ־צופאַלן...

יא.

צום־גדליה בענטשט דער רב די שטאָט און דעם עולם וואָס קומט אויף די הייליקע טעג צו אים. פונעם פריִען מאָרגן ביז אין דער האַל־בער נאַכט שטראָמען אין אַ יאָגעניש מענער און פרויען, מיט קינדער ביי די הענט, פּיצלעך אויף די אָרעמס — ס׳פאַרפעלט נישט אַ לעבנדיק נפש צו נעמען די ברכה פון זיין הייליק מויל, אין דעם טאָג.

ער קומט נישט. ער זיצט אין דער לאַנגער שטוב, ווו ער האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט אַן אָפּגעציילטן מנין, פון ערב־ראש־השנה אָן.

יב.

שוואַרץ איז די ערד, ווייט איבער די גרענעצן פון דער שטאָט בעלץ, מיט מענטשן און מענטשן וואָס שטייען מיט דערשלאָגענע, אַראָפּ־הענגענדיקע קעפּ, מיט דערשראָקענע הערצער, אין ענגעניש, אונטער אַ גראָען, שטאָלן פאַרשלאָסענעם הימל, און וואַרטן.

ס'פאַרגייט די ערשטע העלפט פונעם טאָג. ס'איז פאַרגאַנגען די אַנ־דערע העלפט פונעם טאָג. די נאַכט האָט אויפגעריסן דעם פינצטערן שלינג און פרעסט אויף די לעצטע שיין. און וויסטע קולות, לאַנג־געצוי־גענע נעמען וואָיען פון אונטער דעם נאַכטיקן, געדיכטן איינהיל. חיהשע געשרייען וואָס דרינגען פון פוסטענישן, פון אָפּגרונטן, קייקלען זיך אין פינצטערן הויל און וואַרפן אָן אויף דער לעבנדיקער בריאה וויסטע שרעק. אַ גאַנצע, גאַנצע נאַכט.

יג.

— ער גייט, ער גייט...

ס'האָט אַ רויש געגעבן און אַ הייב געטון אַלעמען אין דער הויף. אהרן־שיע איז ביים אויפשיק פונעם מאָרגן אַרויס פון דער פאַרשפּאַר־טער לאַנגער שטוב און האָט אַ פּויק געטון אויף אַ זילבערנער טאַץ:

— ס'זאָלן כלי־זמר אויפשפּילן אַ פריילעכס, אַ לעבעדיקס. ער הייסט, דער רב זאָל לעבן, ער 'עט בענטשן, ער 'עט בענטשן!

און ס'פלעכטן זיך אָרעמס אויף אַקסל. און ס'הילכט. און ס'שפּילן כלי־זמר, פייעריק היציק, אַז נאָר וואָס די כלים צעפּאַלן זיך נישט, און מ'ען פירט אים, דעם רב, אין אַ גאַרטל פון ברענענדיקע טענץ אין שול אַריין.

יד.

און ס'שטייט דער בעלצער רב, הינטער אַ געפלאָכטענעם, זילבער־נעם פאָרענטש ווי אַ ווילדער, גרויסער פויגל, גרייט צום פלי:

איין אַקסל אַראָפּגעלאָזט, דעם קאָפּ געבויגן אויף אַ זייט, איינהערנ־דיק זיך שאַרף אין דער טיפער שטילקייט, בליצן אים פון געדיכטע, איבערגעוואַקסענע ברעמען צוויי פינקען און ס'פלאַטערט, פונעם ווינט אַ צעשפּילעטע, זיין ווייסע זיידענע באָרד.

איינגעגאַרטלט דעם אָטעם ווי די ציטריקע לענדן, דרייט זיך, אין איינצלנע שורות, אַ מענטש נאָך אַ מענטש און פאַרשלינגט אין די אָנגעשפּיצטע, דאַרשטיקע אויערן דעם רבס הייליקן צוזאָג:

— אין ספר חיים של צדיקים — אַ ברכה דיר פונעם הימל!

אויפן היינטיקן טאָג, אויף דער מינוט, האָט דער רידניקער זיך שוין קוים דערוואַרט. אַ שדיש געלעכטערל דרייט זיך אים אין די געדערים, שפּאַרט אים צום האַלדז:

— היינט, היינט...

ער וועט זיך אים שטעלן, דעם בער, פאַר די אויגן און ער וועט אים נישט זען. אין בלינדזעניש טאַפּט ער, אין בלינדזעניש...

און ס'רוקט דער רידניקער, מיט אינעווייניקסטער האָפערדיקער פרייד, זיך אין אַ שורה און רייסט — רייסט זיך וואָס גיכער צו דערלאַנגען. ס'בריִען אים די טריט.

נאָר אָבער ער גענענט — אָט־אָט דערלאַנגט צום פאַרענטש, דעם זילבערנעם, האָט דער רב, ווי אַן אָדלער אויפן לאָקער, אַ דריי געטון דעם קאָפּ צו אים, אַ רגע זיך אַריינגעטיפט אין זיין פּנים, און שוין ווי מיט אַ שרעק אים אַ שליידער געטון.

די שול האָט זיך ווי פון אַן ערדציטערניש אַ וואָרף געגעבן: ס'טראָגט זיך אַ יעכץ אַ מוראדיקער אַזאַ, אַז ס'דאַכט זיך די לייבן וואָס האַלטן דעם שווערן געגילדעטן אָרון־קודש אויף זייערע לאַבעס האָבן זיך אָפּגעריסן און צעבונטעוועט:

— הולטיי — דו עוכר ישראל דו! — דו האָסט עס די העזה, מיט דיין טריפענעם פּרצוף פאַרן בעלצער רבס אויגן זיך צו שטעלן — האַאַ?

דער עולם שטייט פאַרטומלט, פאַרטויבט און פאַרגליווערט אין די מאַרעכעס. אַ רגע אַזוי. און אָט גיט ער זיך אַ טרייסל און אַ טראָג אונטער, אונטערגעצונדן — אויף שטורעם. אָבער ס'שרייט נאָך אַלץ דער רב, קאָכנדיק, ווילד צעברויזט:

— לאָזט אים געמאַך — רירט אייך נישט אָפּ מיט אים — דעם רשע, דעם פּושע — זייט אייך נישט מטמא, מטמא...

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַו ג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — הײמלאַזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאַקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן!
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך
82—83) יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אַקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) מרדכי שטריגלער — גורלות
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91־92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין געדריש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) י. הירשהויט — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע
103) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) — י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105־106־107) — מיכאל באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
108־109) מרדכי שטריגלער — געאַרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110־111) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש.
112) ברוך האַגער — מלכות חסידות

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)
מאַקס וויינרייך — פון ביידע זייטן פּלויט (וועגן אורי קאָוונער)
פּנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען
ש. בערלינסקי— ירושה
ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען...

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volcmen 112

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la Ley

COPYRIGHT BY
B. HAGER, Buenos Aires

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 12 DE MAYO DE 1955 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

B. HAGER

EL REINADO DEL JASIDISMO

★

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES — 1955

Donacion
Sin Valor comercial